STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01067

ZIKHROYNES FUN SHTURMISHE YORN

Beryl Stern

Permanent preservation of this book was made possible
by Sam & Roslyn Berkman
in honor of
the Gantse Mishpokhe

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

זכרונות פון
שטורמישע יאָרן



בערל שטערן

בערל שטערן

זכרונות פון שטורמישע יאָרן

(ביעלסק 1898 - 1907)

אַרויסגעגעבן פון
אַרבעטער רינג קאָמיטעט אין נואַרק
1954
200

אַ האַרציקן דאַנק צום „אַרבעטער־רינג קאָמיטעט פון נוּאַרק פאַר ב. שטערנס בוך״, וואָס האָט געאַרבעט אומדערמידלעך און טיכטיק, ניט געקאַרגט קיין צייט און קיין מי פאַר דער דערשיינונג פון בוך.

דער פערסאָנאַל פון קאָמיטעט:

ב. גילמאַן, פאָרזיצער
ל. מאַנטעל, סעקרעטאַר
פּ. וואָלש, קאַסירער
ה. בערנשטיין
פ. גילדענבערג
י. דיסענד
ז. היים
א. העק
מ. העק
ל. יאַנאָוויטש
מ. יאַנאָף
א. פאַרבער
ג. קאהן
ס. קאהן
ען. קאָפּלאוו
ה. קליין
ע. שטערן
דר. מ. שטערן
ג. שטערן

נאָכדרוק אָן דערלויבעניש פון מחבר פאַרבאָטן

אינהאַלט:

	זייט
הקדמה	VII
אַריינפיר	IX
ביעלסק מיט פופציק יאָר צוריק	1
די באַפעלקערונג און זייערע פרנסות	4
דער גייסטיקער צושטאַנד פון דער באַפעלקערונג	7
רבנים, חברות, בתי־מדרשים און תלמוד תורה	8
וואָס איך געדענק פון מיין יוגנט	9
דער איבערברוך אין מיינע געדאַנקען	12
די ערשטע פאַרזאַמלונג אין ביעלסק	15
מיין ערשטע רעדע	16
איך לערן פיל אין ביאַליסטאָק	17
אין פינסק	18
צוריק אין ביעלסק	19
די ערשטע מאַסן פאַרזאַמלונג אין ביעלסק	20
די ערשטע „סכאָדקע" אין ביעלסק	22
בירזשעס און קרוזשקעס	23
די אַרבעטס באַדינגונגען און באַהאַנדלונגען	23
דער ערשטער אַרויסטריט אין ביעלסק	24
אַ ווינטער פון סטרייקס	25
דער קאַמף פאַר אַ צען־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג	26
דער גענעראַל סטרייק פאַר אַן אַכט־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג	27
אַ צעטל פון די ערשטע ביעלסקער רעוואָלוציאָנערן	29
מיידלעך פיאָנערקעס	31
די ראַיאָן אַרבעט און די באַדינגונגען	34
אַ פראָקלאַמאַציע פאַרן ראַיאָן	36
די אַרבעט צווישן די פויערים אין די דערפער	37
אונדזער אַרבעט צווישן דער שול־יוגנט	38
דער סטרייק	39
דער ערשטער אַרעסט אין ביעלסק	43
אין טורמע	50
אונדזער ערשטע פאַרבינדונג	54
מיין צווייטער טאָג אין טורמע	56
מיר באַשליסן ווי צו האַנדלען	61
דער „דאָפּראָס"	63
די ווייטערדיקע דאָפּראָסן	67
דער לעצטער דאָפּראָס. — די אויספאָרשונג איז פאַרענדיקט	69
איך ווער באַפרייט	74
מיין אַרבעט אין דעם באַפרייען פון מיינע חברים	77

זייט

די אָרגאַניזאַציאָנעלע אויספאָרשונג — 80
מיישקע מיט הושיעהן פאַרלירן זייער פרייהייט — 81
די קאָנסטיטוציע אָנשטאָט דעם פראָצעס — 85
דער אַרעסט פון חייאימיקן — 89
דער אַרעסט פון דעם יונגן סטאַוווסקי — 90
דער אַרעסט פון רפאל דעם שוסטער — 92
דער מאַסן־אַרעסט — 94
דער אַרעסט צוליב דער באָמבע — 96
דער אַרעסט און היגריכטונג פון מאַרטירער יצחקל — 99
מישע מייזעלס — 106
אָנגריפן אויפן שרייבער פון דאַזיקן בוך — 108
דער ערשטער אַרבעטער־יום־טוב אין ביעלסק — 111
די אַרבעטער־שולן אין ביעלסק — 112
דער ברודער־געשלעג — 114
דאָס אָפּקלאַפּן פון אַן אַרעסטירטן — 117
די אָנפאַלן אויף לייבע דעם בעקער און וועלוול דעם שליאָסער — 119
סיכסוכים מיט רבנים אין ביעלסק — 121
דורכגעפאַלענע פאַרזאַמלונגען — 127
אַ בורזשואַזע פאַרזאַמלונג — 131
איך ווער אַרויסגעטריבן פון דער פּאָליצייסקי אופראַווּלעניע — 135
איך ווער אַ פאַרטיינער מענטש — 145
די פראָפעסיאָנעלע פאַראייניגן — 147
דער אַטענטאַט אויף אַ פריסטאַוו אין בריסק — 149
קאַרטלעך אָנשטאָט אַ פראָקלאַמאַציע — 151
מיין צווייטער אַרעסט — 152
אין ביאַליסטאָקער טורמע — 156
אינצידענטן אין ביאַליסטאָקער טורמע און אין דער אויעזדנער ראַשאָטקע — 160
געהיימע באַזוכן — 166
דאָס געזעגענען זיך מיט דער משפחה — 167
בראָדיאַגעס — 169
דער גענעראַל גובערנאַטאָר באַפרייט מיך — 171
מיין אַהיים קומען — 171
פּאָליציי האַלט אויף מיר אַן אויג — 173
איך פאַרלאָז מיין היים — 174
מיין טעטיקייט דאָ אין אַמעריקע — 179
מיר גרינדן אַ ביעלסקער ברענטש פון אַרבעטער־רינג — 181
מיין אַקטיוויטעט אין נואַרק — 185
אַ דאַנק פון מחבר — 187

בילדער און רעפּראָדוקציעס

בערל שטערן

האָלאָוועסקער גאַס — 2
די באַן־גאַס, דער שטאָט־זייגער — 3
פאָטער און מוטער פון מחבר — 11
ראָכטשע, שרה־פייגע, יענטע — 32
שרהקע, גאָלדע — 33

הקדמה

דאָס בוך פון בערל שטערן, האָב איך געלייענט אין מאַנוסקריפּט. עס האָט אַרויסגערופן מיין אינטערעס קודם כל צוליב דער טאָפּאָגראַפיע פון באַשריבענע געשעענישן אין וועלכע דער מחבר האָט געשפּילט גאָר אַ חשבוע ראָלע. אין דעם בוך ווערט באַשריבן די שטאָט ביעלסק, אַמאָל גראָדנער גובערניע, שפּעטער אינקאָרפּאָרירט אין פּוילן. דער שרייבער פון די דאָזיקע זכרונות איז געווען אַקטיוו אין דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, מער באַקאַנט ווי פּ. פּ. ס. (פּאָלסקאַ פּאַרטיאַ סאָציאַליסטישנאַ). דאָס אַליין איז פון גרויס וויכטיקייט, מחמת דעם וואָס מיר פאַרמאָגן זכרונות פון יידישע אָנטיילנעמער אין דער דאָזיקער פּויליש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג פון וואַרשע, גראָדנע, ביאַליסטאָק, און מער ניט.

דער מחבר דערציילט אַזעלכע אינטערעסאַנטע פּרטים, אַז עס באַקומט זיך אַ בולט בילד וועגן דער מאָראַלישער און סאָציאַלער השפּעה פון דער לפי ערך קליינער באַוועגונג אין ביעלסק אויף די געמיטער פון דער יידישער באַפעלקערונג בכלל און אין דעם לעבן פון דער שטאָט בפרט.

דערפאַר איז דאָס בוך פון בערל שטערן ניט סתם גוטער לייען־מאַטעריאַל, נאָר אויך אַ וואָגיקער צושטייער צו דער געשיכטע פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין אַמאָליקן צאַרישן רוסלאַנד. ווי אין אַלע זכרונות זיינען מסתמא אויך אין דעם דאָזיקן בוך פאַראַן געוויסע טעותים וואָס דער זכרון איז בכלל עלול צו ברענגען. על כל פּנים זיינען דאָס קלייניקייטן אין פאַרגלייך מיטן אופן ווי ביעלסק מיט אירע יידן, פּאַרטייען און דינאַמיש לעבן ווערט אין דעם בוך אַרויסגעבראַכט.

דער היסטאָריקער וועט זיין דאַנקבאַר דעם מחבר פון געבן אים אַ נייעם און פרישן מקור. דער אַלגעמיינער לייענער וועט אים זיין דאַנקבאַר פאַר צוטראָגן אַ לעבעדיקן בוך צום לייענען.

ד"ר יעקב שאַצקי.

אַריינפיר

דער שרייבער פון דעם דאָזיקן בוך האָט געהאַט דאָס גליק און כבוד צו זיין איינער פון די גאָר ערשטע גרינדער פון דער סאָציאַ־ליסטישער באַוועגונג אין ביעלסק און איז, מיט קורצע איבעררייסן, געשטאַנען בראש פון דעם ערשטן מאָמענט פון איר אויפקום אַ קנאַפּן צענדליק יאָרן.

די ביעלסקער אַרבעטער־באַוועגונג האָט בייגעשטייערט איר חלק צו דער רוסישער רעוואָלוציע. די ביעלסקער באַוועגונג איז אָבער געקריוודעט געוואָרן פון דער געשיכטע צוליב איר געאָגראַ־פישער לאַגע, און האָט ניט געקראָגן די פאַרדינטע אַנערקענונג. ביעלסק ליגט אין שכנות פון גרויסע רעוואָלוציאָנערע צענטערס ווי ביאַליסטאָק, וואַרשע, לאָדזש און אַנדערע שטעט, וועמענס שטאַרקער רעוואָלוציאָנערער שיין האָט אינגאַנצן פאַרטונקלט דאָס קליינע ביעלסק. איך פיל דערפאַר פאַר מיין פליכט צו שרייבן וועגן דעם.

דערצו נאָך איז דאָס יידישע לעבן פון ביעלסק אינגאַנצן אָפּגע־ווישט געוואָרן.

זאָל דאָס דאָזיקע בוך זיין אַ זכר לדורות וועגן מיין שטעטל.

ביעלסק מיט פופציק יאָר צוריק

דער אומגליק פון ביעלסק איז געווען די געאָגראַפישע לאַגע, דאָס געפינען זיך צווישן בריסק און ביאַליסטאָק. הגם נענטער צו ביאַליסטאָק — צווישן ביאַליסטאָק און ביעלסק — געפינט זיך די טייך ביאַלע. צווישן ביעלסק און בריסק געפינט זיך די בריסקער פעסטונג. אַזוי אַרום, איז די שטאָט ביעלסק געלעגן צווישן צוויי גרויסע פייערן אין דער צייט פון ביידע וועלט־מלחמות דורך די לעצטע פופציק יאָר, און זי איז טאַקע אַרויס „בשן ועין״ — וואָס איין אַרמיי האָט ניט באַוויזן צו פאַרניכטן און צעשטערן האָט די אַנדערע פאַרענדיקט. ביז היטלער האָט לסוף אַלץ צונישט געמאַכט.

אין מיין זכרון איז אָבער געבליבן איינגעקריצט די שטאָט ביעלסק ווי זי האָט אויסגעזען מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק. צו יענער צייט ווי איך האָב דאָס געזען און באַנומען, אין די איבער צוואַנציק יאָר, וואָס איך האָב דאָרטן פאַרבראַכט, און אַזוי וועל איך דאָס פּרובירן שילדערן.

ביעלסק איז געווען אַ „אויעזדנע שטאָט״, די הויפּט־שטאָט פון אַ צאָל קלענערע שטעט אין איר נאָכבאַרשאַפט ווי אָרלע, באָדקע, ברייִנסק, סעמיאַטיטש, טשעכאַנאָווצע, קלישטשעל — פונוואַנען עס איז געקומען דער פאַרשטאָרבענער דיכטער פרץ הירשביין, און אַ סך דערפער אַרום די שטעט. קיין גרויסן שטח לאַנד האָט די שטאָט ביעלסק ניט פאַרנומען: אַרום אַ ווערסט און אַ האַלב די לענג און עטוואָס ווייניקער אין דער ברייט. אויסגעלייגט איז זי געווען קען מען זאָגן, אין אַ גוטע אָרדנונג: אַ גרויסע לאַנגע גאַס האָט דורכגעשניטן די שטאָט פון איין עק ביזן צווייטן, האָט זי צעטיילט אין צוויי טיילן. פאַראַלעל מיט אָט דער הויפּט־גאַס האָבן זיך גע־צויגן לענג־אויס צוויי קלענערע גאַסן, געסלעך און הינטער־געסלעך

אין דער לענג און אין דער ברייט. אַ שמאָלער קאַנאַל האָט זיך גע־שלענגלט דורך דער גאַנצער לענג פון שטאָט. אַ גרויסער טייך, וואָס האָט געהייסן „דוביטשער טייך", אויפן נאָמען פונם דאָרטיקן קריסטלעך־באַוואוינטן געגנט מיטן זעלבן נאָמען — האָט אַרומגע־נומען איין זייט פון שטאָט — און האָט אָפּגעטיילט דעם גרעסטן קריסטלעכן געגנט פונם יידישן אויפן אַנדערן זייט טייך, וואָס האָט זיך געפונען אינם צענטער פון שטאָט און אין די גאַסן אַרום.

האָלעװעסקער גאַס

עס זיינען געווען נאָך עטלעכע קריסטלעכע געגנטן אין אַנדערע טיילן פון שטאָט, ווי פּאָזאַמשע, פּאַשוואַנטנע, וויפּוסט האלעווסק — וואו ס'האָט זיך געפונען סמאָלסקיס הויף, וועלכער איז געווען אַרומ־געריינגלט מיט פרוכט־בוימער, געדיכט פּונקט ווי אַ וואַלד.

די גאַסן אין ביעלסק זיינען געווען ברוקירט מיט שטיינער און אין געוויסע פלעצער מיט אַספּאַלט. די הייזער זיינען געווען אין זייער גרעסטן צאָל הילצערנע, געבויט פון קלעצער, אַ קליינער צאָל געמויערט פון ציגל. די גרעסטע צאָל איז אויך געווען איין־גאָרנדיקע, אַ קלענערע צאָל פון צוויי גאָרן און אַפילו מער. אייניקע



די באַן־גאַס, דער שטאָט־זייגער

הייזער, אין וועלכע ס׳האָבן געוואוינט אָרימערע קריסטן, זיינען געווען באַדעקט מיט שטרויענע דעכער. אינם צענטער פון שטאָט איז געשטאַנען אַ גרויסע געמויערטע געביידע מיט אַ הויכן טורעם איבער איר, אין וועלכן ס׳איז געווען אַריינגעזעצט אַ גרויסער זייגער וואָס מען האָט גערופן דער „שטאָט־זייגער״. אין אָט דער גרויסער געביידע מיטן זייגער האָט זיך געפונען די ביעלסקער שטאָט־פאַרוואַלטונג, וואָס מ׳האָט גערופן: „גאָראָדסקאַיאַ דומאַ״. אַרום און אַרום דער גרויסער געביידע איז געווען אַ גרויסערליידיקער פּלאַץ, „דער פּלאָשטשאַד״, ווי מען האָט דאָס גערופן, פאַר מערק וואָס פלעגן פאָרקומען יעדע וואָך ווי אויך פאַר יאַרידן פון צייט צו צייט. אַרום און אַרום אָט דעם פּלאָשטשאַד זיינען געווען אָנגעפּיקעוועט קראָמען מיר פאַרשידענע סחורות; געשעפטן קלענערע און גרעסערע. צוויי געביידעס האַרט ביים צענטער פון שטאָט האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער אייגנאַרטיקייט. דאָס זיינען געווען הילצערנע גרויסע געביידעס. יעדע פון זיי האָט פאַרנומען אַ האַלבן קוואַרטאַל און זיי זיינען געווען אָנגעפילט (אָנגעפּיקעוועט) מיט קראָמען און וואוינונגען

הינטער זיי. איינע האָט געהייסן די „שאלעגוידע", וואו עס האָבן זיך געפונען שניט־קראָמען, סחורה פאַר קליידער און קאָסטיומען און אַ ווייַנגעשעפט, וועמענס אייגנטימער איז געווען איצע מינקענס — אַ מלוכה פּאָדריאַטשיק, וועלכער האָט צוגעשטעלט אַלע נויטווענדי־קייטן צום קייזערלעכן שלאָס אין ביעלאָוועזש, אַ צוואַנציק וויאָרסט פון ביעלסק. די צווייטע געבידע האָט געהייסן „די לאנסטעריע", וואו עס האָבן זיך געפונען קלענערע, אָרימערע קראָמען, פון וועלכע ס'איז שווער געווען צו ציען חיונה.

ביעלסק האָט פאַרמאָגט אַ באַן סטאַנציע, אַ וואָקזאַל. צוגן פון דער „יוגאָ־זאַפּאַדנאַיאַ זשעלעזנאַיאַ דאָראָגאַ" (מערב־דרומדיקע אייזנ־באַן) פלעגן דורכפאָרן הין און צוריק פיר מאָל אין מעת לעת, צוויי מאָל בייטאָג און צוויי מאָל בייַנאַכט, לויפנדיק פון בריסק נאָך ביאַליסטאָק — און פלעגן זיך אָפּשטעלן אַ געוויסע צייט אַרויסצו־שטייגן און אַרויפצונעמען פּאַסאַזשירן. ביעלסק האָט געהאַט צוויי שאָסייען: איינער האָט זיך געצויגן פון ביעלסק ביז וואַרשע, דער אַנדערער פון ביעלסק ביז ביעלאָוויעזש, צום קייזערלעכן שלאָס, כדי לייכטער צו מאַכן דער קייזערלעכער פאַמיליע אַהינצו צו קומען.

די באַפעלקערונג און זייערע פרנסות

די באַפעלקערונג פון ביעלסק האָט מען געשאַצט אויף פינף טויזנט נפשות, יידן און קריסטן. דעם גרעסטן טייל האָבן אויס־געמאַכט די יידישע משפחות. פרנסות פון וואַנען די באַפעלקערונג האָט געצויגן איר חיונה זיינען געווען פאַרשידענע. קריסטן האָבן געצויגן זייער חיונה פון די תבואות, וואָס זיי האָבן אַרונטערגענומען פון זייערע פעלדער, האָבן דאָס פאַרקויפט אויף די מערק און יאַרידן. יידן האָבן געהאַט פאַרשיידענע פרנסות. אַ גרויסער טייל זיינען געווען קרעמער מיט פאַרשידענע סאָרטן סחורות: געווען שפּייז־קראָמען, בשמים־קראָמען, קראָמען מיט נויטיקייטן פאַרן נאָדל־פאַך, שניט־קראָמען, פליייש־קראָמען, צירונג און זייגערמאַכער קראָמען, שיינקען, טראַקטירן, טשיינעס, אַכסאַניעס, גאַסטיניצעס (פאַר פאַר־מעגלעכע געסט). אַ טייל ווידער זיינען געווען הענדלער. זיי האָבן

געהאַנדלט מיט אַלץ, וואָס איז נאָר געקומען אונטער דער האַנט. איבערהויפּט אין די מערק און יאַרידן: מיט הינער, אייער, פעלכלעך, חזיר־האָר, פאַרשידענע תבואות. אייניקע פלעגן ניט וואַרטן ביז מען וועט דאָס ברענגען אויף די מערק און יאַרידן. זיי פלעגן גיין אין די דערפער דאָס איינצוקויפן. אַנדערע האָבן געלעבט פון אַרבעט אין „מייסטערסקאַיעס״, פאַבריקן, און פון שווארצע טאָג־אַרבעט. ביעלסק האָט פאַרמאָגט אַ טאַבאַק־פאַבריק, צוויי גילדזן־פאַבריקן, אַ גלאַנציקע־ציגל פאַבריק פאַר אויוונס, דריי אויל־פאַבריקן, וואָס מען האָט גענוצט צום באַקן און פרעגלען, און צוויי פּיוואָווארניעס.

„מייסטערסקאַיעס״ זיינען געווען אין ביעלסק אין גרעסטן צאָל פון פרויען און מענער קליידער, וועש נייטערינס, פון שוסטער פאַר מענער און פרויען שיך, פון היטל־מאַכער, און פון טאַנדעט מלאכה, וואָס האָט ניט געאַרבעט פאַר באַשטעלונגען, נאָר פאַרן מאַרק, פון סטאָליערס, שלאָסערס, טאָקערס, שניצערס, בלעכערס און שמידן. עס זיינען געווען מאַליאַרעס וואָס האָבן געפּאַרבט, געקאַלכט הייזער און צי־מערן, טשעסלערס וואָס האָבן געבויט הילצערנע הייזער, מוליאַרעס, וואָס האָבן געבויט ציגלנע געמויערטע הייזער, אויך אויוונס אין די הייזער. עס זיינען געווען פּריקאַזטשיקעס אין גרעסערע געשעפטן — ווי אין די מעל און אַנדערע שפּייכלערס, שרייבערס, בוכהאַלטערס אין די קאַנטאָרן און פאַרזיכערונגס געזעלשאַפטן. די גאַנצע אַרבעטערשאַפט אין ביעלסק איז געשאַצט געוואָרן אַרום פינף הונדערט. דער גרעס־טער טייל אין די נאָדל־פאַכן זיינען געווען יידן.

מיט די אַלע אויסגערעכנטע פּרנסות האָט דער גרעסטער טייל פון דער ביעלסקער באַפעלקערונג — געלעבט אין אָרעמקייט און נויט. אַ קליינער טייל איינגעפונדעוועטע בעלי־בתים, אייגנטימער פון גרעסערע קראָמען, פון מאַסטערסקאַיעס און פאַבריקן — האָט געלעבט אַ באַקוועמען לעבן. בלויז געציילטע פאַמיליעס האָבן גע־לעבט אין לוקסוס און רייכקייט. דאָס זיינען געווען אַזוי צו זאָגן די גבירישע פאַמיליעס ווי שליאַסבערג, סירקין, מאַזיע, זאַם, מאַל־צאָווע, זייערע איידעמס בראַמס און ניימאַרק, לערמאַן און אַנדערע. אַט דער אונטערשייד פון עקאָנאָמישן צושטאַנד האָט געבילדעט שטאַנדן, קאַסטעס צווישן דער באַפעלקערונג. די עלטערע רייכערע

פאַמיליעס זיינען געווען די מיוחסים, די אַריסטאָקראַטיע פון שטאָט, האָט געהאַט די גאַנצע דעה אין שטאָטישע ענינים, אין שול און בית מדרש, און האָבן געקוקט פון אויבן אַרונטער אויף אַלע אַנדערע. די בעלי בתים און גרעסערע געשעפטסלייט האָבן געהאַט דעם זעלבן בליק אויף אָרעמערע פון זיי, און אַלע צוזאַמען האָבן זיי פאַראַכטעט די אַרבעטער: מען האָט זיי אינגאַנצן איגנאָרירט, מען האָט זיך געשעמט צוזאַמען מיט זיי צו גיין אין גאַס, צו ריידן צו זיי, שוין אָפּגערעדט פון זיך משדך זיין מיט זיי.

כדי צו לינדערן די נויט פון דער באַפעלקערונג האָט ביעלסק פאַרמאָגט דריי אינסטיטוציעס:

1) אַ „קאַמיטעט", וואָס האָט געזאַמלט יעדע וואָך פינף־צען קאָ־פּיקעס פון אַלע די וואָס האָבן געוואָלט צאָלן. די געזאַמלטע געלדער פלעגן צעטיילט ווערן אין קליינע סומען צו נויטבאַדערפטיקע.

2) אַ „ביקור חולים", וואָס פלעגט באַזאָרגן קראַנקע, וואָס האָבן זיך געפונען אין איינער פון די צוויי „באָלניצעס" אין ביעלסק, — אַ יידישע אויף אָרלער גאַס, און אַ שטאָטישע אויף ברײנסקער גאַס, קעגנאיבער דעם קאַטוילישן קאָסטשאָל. אויך די קראַנקע וואָס זיינען געלעגן ביי זיך אין הויז האָט מען געהאָלפן מיט רעצעפּטן, מעדיקאַ־מענטן, מיט אַ פעלדשער אָדער אַ דאָקטאָר.

3) אַ „לינת הצדק", וואָס פלעגט שיקן מענטשן, איבערהויפּט אויף די נעכט, צו העלפן די שוין אויסגעמאַטערטע פאַמיליע־מענטשן אַרומגיין אַרום די קראַנקע.

אָבער דאָס איז ווייט ניט געווען גענוג, ווייל אָרעמקייט און קראַנקהייט איז געווען אַן אַלגעמיינע פּלאָג. די פאַראָרעמטע בעלי־בתים, די קלענערע קרעמערס, די הענדלער — האָבן זיך געשעמט מיט זייער אָרעמקייט און זיך געשטיקט מיט זייער נויט, האָבן געליטן און געשוויגן. איידעלע פרויען האָבן באַזאָרגט אַ סך משפחות מיט שפּייז, באַקליידונג און באַשוכונג. ערב יעדן שבת, יום־טוב, פלעגן די דאָזיקע פרויען זיך אַרויסלאָזן איבער די הייזער, געשעפטן, בעַ־קערייען, קצבים, און פלעגן זאַמלען שפּייז, מלבושים, שיך און אַנדערעס און פאַרטיילן צווישן די נויטבאַדערפטיקע — שטיל, פיין. די זעלבע

פרויען פלעגן זיך אַרויסלאָזן פּורים איבער די רייכערע הייזער שפּילן, טאַנצן, זינגען, און פלעגן באַקומען עטלעכע רובל כדי העלפן חתונה צו מאַכן אָרעמע כלות. גאַנץ אָפט פלעגט דער רב פון שטאָט, ר' בנציון, אַרויסגיין מיט אַ פּאָר בכבודיקע בעלי־בתים איבערן שטאָט זאַמלען געלט, כדי צו קויפן האָלץ פאַר אָרעמע פאַמיליעס. אָט די דאָזיקע איידעלע הילפסט־אַרבעט איז זיכער געווען דער שענסטער קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון דער אַמאָליקער ביעלסק.

דער גייסטיקער צושטאַנד פון דער באַפעלקערונג

די ביעלסקער יידישע באַפעלקערונג איז געווען אַ טראַדיציאָנעל־אָרטאָדאָקסישע. קיינער האָט ניט געוואַגט זיך קעגן־צושטעלן, אָדער פּראָטעסטירן קעגן דער הסכמה פון די רבנים. פאָלגענדע פאַקטן וועלן וואַרפן אַ ביסל ליכט אויף יענעם צושטאַנד:

לייבל דער מלמד, למשל, איינער פון די תלמוד תורה מלמדים, פלעגט יעדן פרייטיק פאַרנאַכט אַ האַלבע שעה פאַר ליכט בענטשן, אַן אויסגעצוואָגענער און אַרומגעוואַשענער, מיט אָפּגעפּוצטע שטיוול און לאַנגער קאַפּאָטע, דורכמאַרשירן הין און צוריק דער לאַנגער הויפּט גאַס פון שטאָט, וואו ס'האָבן זיך געפונען די מערסטע קראָמען און געשעפטן, און הייסן צומאַכן: — ס'איז שוין שבת! — פלעגט ער אין אַ באַפעלנדן טאָן זאָגן — מאַכט צו! — און טאָמער האָט נאָך ווער ניט צוגעמאַכט צו דער צייט, ווען ער איז שוין געגאַנגען צוריק, פלעגט ער אַריינגיין אין קראָם אָדער געשעפט אַ צעבייזערטער און זאָגן מיט כעס: — שוין שפּעט! איר מוזט גלייך צומאַכן! — און מען האָט אים געפאָלגט און צוגעמאַכט. עס איז אויך ניט געווען קיין זעלטענע דערשיינונג, אַז פרייטיק צו נאַכט, נאָכדעם ווי די טשאָלענטן און קוגלען זיינען שוין לאַנג געווען פאַר־רוקט אין די אויוונס, האָבן זיך געבראָטן און געשמאָלצן אין זייער אייגענעם פעטס, און דער עולם איז שוין געווען פאַרזאַמלט אין די בתים מדרשים צו קבלת שבת, פלעגט דער שמש אַ קלאַפּ טאָן מיט דער האַנט אין באַלעמער און אויסרופן אַ כרוז, אַז ער איז מכריז ומודיע אין נאָמען פון רב, און לאָזט וויסן די אַלע, וואָס האָבן

געקויפט פלייש ביי דעם און דעם קצב (און פלעגט דערביי אָנגעבן דעם נאָמען פון קצב), אַז זייער טשאָלנט און קוגל איז „טריף״, מען טאָר דאָס ניט עסן! די ערדענע טעפּלעך דאַרפן אַרויסגעוואָרפן ווערן, און די טשוגונענע — דאַרפן אויסגעכשר׳ט ווערן!... און אַ טייל פון דער באַפעלקערונג איז (נאָך דעם כרוז) געבליבן יענעם שבת אָן עסן.

רבנים, חברות, בתי־מדרשים און תלמוד תורה

ביעלסק האָט פאַרמאָגט דריי רבנים און דריי שוחטים. אויסגעהאַלטן זיינען זיי געוואָרן פון די וואָס האָבן געהאַלטן אין אַרענדע די באָד, וואָס האָבן געדאַרפט ביישטייערן פאַר דעם צוועק אַ געוויסע סומע געלט, און אויך פון אַ קאָראָבקע, וואָס פלעגט פאַרקויפן קוויטלעך צו די וואָס האָבן געוואָלט שעכטן עופות. די פרייזן פון די קוויטלעך זיינען געווען פון דריי ביז פינף קאָפּיקעס. די פרייזן פאַר שעכטן אַ בהמה איז — פאַרשטייט זיך — געווען אַ גרעסערע. פון אָט די געלדער האָט די קאָראָבקע געהאַט גענוג צו צאָלן די רבנים און שוחטים און עס איז נאָך געבליבן אַ גוטער פּראָפיט פאַר זיך.

ביעלסק האָט אויך פאַרמאָגט פינף בתי־מדשים צום דאַווענען און לערנען, און בלויז איין חסידים־שטיבל. יעדער בית־מדרש האָט געהאַט זיינע חברות. די גרעסערע לומדים האָבן געהאַט אַ „חברה ש״ס״. יעדן אָוונט, צווישן מנחה און מעריב, פלעגן זיי לערנען אַ בלאַט גמרא מיט תוספות און מהרש״א. די קלענערע לומדים האָבן געהאַט אַ „חברה משניות״, וואָס פלעגט יעדן אָוונט לערנען. אַ חברה „חיי אָדם״ פון ווייניקער געלערנטע האָט געהאַט אַ רבין, וואָס פלעגט לערנען מיט זיי יעדן אָוונט. אַ „חברה תהלים״ וואָס פלעגט יעדן פרימאָרגן, פאַרן דאַווענען, און צווישן מנחה און מעריב, אויך שבת נאָכן „עונג־שבת״־שלאָף זאָגן תהלים. דאָס זיינען געווען די אַזוי גערופענע קולטור־חברות, וואָס האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט „רוחניות״. עס זיינען אָבער געווען אַנדערע חברות אויך: אַ חברה קדישה און אַ חברה לויה וואָס פלעגט פאַרזאָרגן אַ מנין כדי צו באַגלייטן די פאַרשטאָרבענע ביז צום בית עלמין; בית־

עלמינס האָט ביעלסק פאַרמאָגט צוויי — אַן אַלטן און אַ נייעם. אייגנטלעך איז דאָס געווען איינער און דערזעלבער: צום אַלטן פלעגט מען פאָרן מיט יאַגוסטאָווער וועג, צום נייעם — דורך ברײנסקער שאָסעי. דער בית עלמין האָט זיך געצויגן דורך דער גאַנצער ברייט פון שטאָט. ווען איין זייט איז צו פיל פאַרלייגט געוואָרן — האָט מען אָנגעפאַנגען מקבר זיין פון דער צווייטער זייט און אַ נאָמען געגעבן: דער נייער בית עלמין.

ביעלסק האָט געהאַט אַ תלמוד תורה וואָס איז אויסגעהאַלטן געוואָרן פון דער שטאָט. די למודים זיינען געווען פון אלף־בית ביז אַ בלאַט גמרא מיט תוספות. קינדער פון אָרימע עלטערן פלעגן ניט צאָלן קיין שכר־למוד. קינדער פון פאַרמעגלעכע עלטערן פלעגן יאָ צאָלן. אָבער זייער צאָל איז געווען זייער קליין. זיי פלעגן זיך לערנען אין פריוואַטע חדרים. אין אייניקע פון די חדרים פלעגט מען אויך לערנען יידיש און העברעאיש. רוסיש, פויליש אָדער דייטש פלעגט מען זיך לערנען ביי פריוואַטע לערערס, אָדער אין איינע פון די „אוטשילישטשעס״, וואָס עס האָבן זיך געפונען אין ביעלסק, צווישן זיי איינע נאָר פאַר יידישע קינדער, מיט ווייניק תלמידים, דערפאַר ווייל מען האָט באַדאַרפט טראָגן אַ „רובאַשקע״ מיט אַ פּאַס אַרום און אַ היטל מיט אַ ליאַקירעוועם קאַזיראַק, וואָס איז צו יענער צייט באַטראַכט געוואָרן אין דער אָרטאָדאָקסישער ביעלסק פאַר אַ פאַר־ברעכן, ווייל די קריסטלעכע ייִנגלעך, די „שקצים״ האָבן דאָס געטראָגן. די רייכערע בעלי־בתים האָבן געהאַלטן פריוואַטע לערערס פאַר זייערע קינדער און פלעגן שיקן זייערע קינדער אין די גרעסערע שטעט אין די גימנאַזיעס, אוניווערזיטעטן, א. אז. וו.

וואָס איך געדענק פון מיין יוגנט

מיינע קינדער יאָרן האָבן זיכער געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף דעם שפּעטערדיקן גאַנג פון מיין לעבן, אויף מיין רעוואָלוציאָנערע אַרבעט און קוק אויפן לעבן.

איך בין געבאָרן געוואָרן דעם 20טן מאַי, 1884, אין ביעלסק, דעמאָלט גראָדנער גובערניע. ווען איך בין געקומען אויף דער וועלט

זיינען מיינע עלטערן שוין ניט געווען קיין יונגע מענטשן. מיין פֿאָטער געדענק איך בלויז מיט גרויע האָר. מיין מוטער געדענק איך נאָך מיט אַ קאָפּ געקרויזטע שוואַרצע האָר. מיין פֿאָטערס נאָמען איז געווען אברהם מרדכי שטערן. אין שטאָט האָט מען אים גערופֿן „אַבראַמקע דער אַלייניק", ווייל ער האָט פֿאַבריצירט אַלעי, אַ סאָרט פֿליסיקער פֿעטס, געברויט צום באַקן און פּרעגלען. מיין מוטערס נאָמען איז געווען „מאַריאַשע", איר מיידלשער פֿאַמיליע־נאָמען איז געווען „כילקאָ". איך בין געווען דער מוזינעק. פֿאַר מיר זיינען געבאָרן געוואָרן דריי מיידלעך און פֿינף יינגלעך. איין שוועסטער איז געשטאָרבן נאָך איידער איך בין געבאָרן געוואָרן. אַ ברודער מיט פֿיר יאָר עלטער פֿון מיר איז געשטאָרבן ווען איך בין שוין אַלט געווען דרייצן יאָר. אַזוי אַרום איז אונזער פֿאַמיליע באַשטאַנען פֿון צוויי טעכטער און פֿינף זין. מיין פֿאָטער שטאַמט פֿון דער שטאָט כענטשין, אין פּוילן. ער איז געווען אַ ניקאָלאַיעווער סאָלדאַט און האָט געדינט פֿינף און צוואַנציק יאָר. אין ביעלסק האָט ער פֿאַר־ענדיקט זיין דינסט און חתונה געהאַט מיט מיין מוטער, אַ טאָכטער פֿון „מאָטיע פּריניוויטשער", אַ דאָרף ניט ווייט פֿון ביעלסק. מיר שיינט, דאָס מיין פֿאָטער איז געווען אַ פּעאיקער געשעפֿט־מענטש. האָט ער אַזוי לאַנג געהאַנדלט און געוואַנדלט, ביז ער האָט דערגרייכט צו דער שטופֿע פֿון אַ פֿאַבריקאַנט.

מיינע עלטערן זיינען געווען גאַנץ פֿאַרמעגלעכע מענטשן און האָבן געפֿירט אַ ברייטע בעלי־בתישקייט, געהאַט אַ צוויי־גאָרנדיקע הויז, אַ פֿאַבריק צו מאַכן אַליע, אַ גאָרטן, אַ הויף מיט שפּייכלערס, עופֿות, עטלעכע פֿערד און אפֿילו אַ פּאָר בהמות.

פֿון מיינע יינגלשע יאָרן געדענק איך ניט צו פֿיל. איך בין געגאַנגען אין חדר און אין דער זעלבער צייט פֿלעגט אַריינקומען צו אונדז אַ לערער, צו לערנען שרייבן און לייענען יידיש, רוסיש און אַ ביסל דייטש.

פֿאַרטיק געוואָרן מיט אַלע חדרים פֿון ביעלסק האָט מיין פֿאָ־טער מיך אַוועקגעפֿירט קיין ביאַליסטאָק אין אַ ישיבה. ער האָט מיר איינגעאָרדנט ביי אונדזערע פֿריינד. דאָס איז געווען צום ערשטן מאָל וואָס איך האָב באַזוכט אַ גרויסע שטאָט און דאָס האָט געמאַכט אויף

פאָטער און מוטער פון מחבר

מיר אַ גוטן איינדרוק. אין דערזעלבער צייט האָב איך אָבער צום ערשטן מאָל זיך אָנגעשטויסן אין אַזאַ זאַך וואָס הייסט „פּרעמד״, — אַ פּרעמדע הויז, אַ פּרעמדער טיש. דאָס איז מיר גאָרניט געפעלן געוואָרן און איך האָב דאָס גלייך דערקלערט מיין פאָטער. ער האָט אָבער אָנגעוויזן אויף דער לאַגע פון אַנדערע ישיבה־בחורים, וואָס דאַרפן עסן טעג ביי פרעמדע טישן, וואַלגערן זיך אין דער ישיבה אָדער אין אַ בית־מדרש.

איך האָב זיך געלאָזט איינריידן און געבליבן לערנען אין דער ישיבה.

דער איבערברוך אין מיינע געדאַנקען

אין דער ישיבה האָב איך פאַרבראַכט אַ געוויסע צייט און האָב זיך געלערנט גאַנץ גוט. און דאַן האָט פאַסירט אַ זאַך, וואָס ניט איך, און זיכער ניט מיינע עלטערן — האָבן דאָס דערוואַרט.

צו יענער צייט האָט שוין געפלאַקערט אַ גרויסער קאַמף צווישן אַרבעט און קאַפּיטאַל. סטרייקן, אַרעסטן — זיינען געווען טאָג־טעגלעכע דערשיינונגען אין ביאַליסטאָק. די דאָזיקע נייעס האָט אַריינ־געדרונגען אין דער ישיבה און די ישיבה־בחורים האָבן גאַנץ ברייט דיסקוטירט וועגן דעם. איך האָב זיך אויך אַריינגעטראַכט אין דעם און האָב דערזען די גרויסע אומרעכט, וואָס ווערט באַגאַנגען לגבי די אָרעמע אַרבעטער. און אַזוי טראַכטנדיק, האָבן מיר מיינע גע־דאַנקען אָוועקגעפירט צו מיין אייגענער היים וואו איך האָב זיך גע־האָדעוועט, געלעבט אין לוקסוס, אין דער צייט, ווען די אַרבעטער, וואָס האָבן ביי אונדז געאַרבעט האָבן געלעבט אין דלות, אָרעמקייט און נויט. נאָך אין דער היים פלעג איך זיך גאַנץ אָפט אַריינטראַכטן אין דעם. איך האָב דערזען דעם טיפן אָפּגרונט צווישן אָרעם און רייך, צווישן לוקסוס און נויט; אַ צווייפל האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין מיינע געדאַנקען און האָט אָנגעפאַנגען בויערן אין קאָפּ, און איך בין געקומען צום שלוס, אַז אומרעכט דאַרף און מוז באַקעמפט ווערן און מיין פּלאַץ דאַרף זיין מיט די אַרבעטער־מאַסן.

מערקווירדיק איז, וואָס איך בין ניט געווען דער איינציקער, וואָס האָט דורכגעמאַכט אַזאַ איבערברוך אין די געדאַנקען. די ישיבה בחורים האָבן אָנגעפאַנגען זיך אינטערעסירן מיט וועלטלעכע פּאַ־סירונגען, און סטרייקס און אַרעסטן פלעגן אַרויסרופן הייסע ויכוחים. מיר פלעגן פאַרשטעקן אומלעגאַלע ליטעראַטור, סאָציאַליסטישע בראָ־שורן צווישן די בלעטער פון דער גמרא און לייענען מיט „התמדה" די נייע תורה פון סאָציאַליזם.

סוף יענעם זמן בין איך געקומען אויף יום טוב אַהיים און דער־קלערט, אַז איך וועל צוריק אין ישיבה ניט פאָרן. איך וויל מער ניט לערנען, איך וויל קיין רב ניט זיין און איך וויל זיך אויסלערנען אַן אַרבעט.

מיינע עלטערן האָבן אויסגעשטעלט אויף מיר זייערע אויגן און האָבן ניט געגלויבט זייערע אויערן, — אַן אַרבעטער גאָר ? — האָבן זיי געפרעגט. מערער פון אַלע אַנדערע האָט דאָס ניט געקענט באַגרייפן מיין מוטער, וועלכע איז שוין געווען זיכער, אַז איר מוזשיניק וועט געוויס ווערן אַ רב. אומזיסט האָבן אַלע זיך באַמיט איבערצייגן און איבעררעדן מיך. עס האָט זיי גאָר ניט געהאָלפן. מען האָט מיך אָפּגעגעבן זיך אויסצולערנען האָלץ־שניצעריי.

מיין געדאַנק איז געווען זיך צו דערנענטערן צו די אַרבעטער און ווערן איינער פון זיי און צוזאַמען מיט זיי. אין מיין יונגער פאַנטאַזיע האָט זיך אָט דער דאָזיקער געדאַנק צעשפּילט. איך האָב זיך שוין געזען ווי אַ קעמפער פאַר פרייהייט, פאַר סאָציאַליזם, איך פיר אָן מיט סטרייקס, איך רייד צו די מאַסן. מיין פאַנטאַזיע האָט מיך שוין אַוועקגעפירט אין טורמעס, פאַרשיקט קיין סיביר.

גלייך ביים אָנהויב האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף שווערקייטן צוליב מיין בעלי־בתישער אָפּשטאַמונג. די אַרבעטער מיט וועלכע איך בין געקומען אין קאָנטאַקט אין מיין פאַך זיינען געווען סטאָ־ליערס און טאָקערס. זיי האָבן זיך באַצויגן צו מיר גאַנץ קאַלט. זיי האָבן געוואוסט וועגן מיין אָפּשטאַמונג, האָבן מיר באַטראַכט ווי אַ פרעמדן, ניט פון זייער קרייז און האָבן געהאַט ווייניק צוטרוי

צו מיר. זיי האָבן מורא געהאַט צו ריידן מיט מיר. איך האָב זיי גוט פאַרשטאַנען און האָב אויף זיי קיין פאַריבל ניט געהאַט. מיר איז אָבער געלונגען צו מאַכן פאַרבינדונגען מיט די אַרבעטער אויף אַ אומדירעקטן אופן, דורך אַ זייטיק פערזאָן, דווקא ניט קיין אַר־בעטער, דורך איינעם משה פעלדשער.

משה דער פעלדשער איז געווען אַן אָנגעזעענע פּערזענלעכקייט אין שטאָט. קיין סאָציאַליסט איז ער אָבער ניט געווען. חוץ היילן קראַנקע האָט ער געהאַט נאָך אַ קוואַל פון הכנסה — אַ ראַזיר־פּלאַץ וואו ס'האָבן געאַרבעט שערער־אַרבעטער. ווי אַ פעלדשער פלעגט ער זיין אַן אָפטער אַריינגייער ביי אונדז אין שטוב. ווען איך פלעג פאַר „עפּעס" קומען צו אים פלעג איך כאַפּן אַ שמועס מיט די אַרבעטער, צווישן זיי מיט איינעם קעלמאַן, דעם זון פון טאָדרעס יאָסל, וועגן וועמען מען האָט זיך געשושקעט, אַז ער איז פון די „פאַראייניקטע". מיט דעם טאָקע קעלמאַן בין איך געקומען אין באַרירונג. זיין באַציאונג צו מיר איז אָנפאַנגס געווען זייער אַ פאָרזיכטיקע. וואָס ווייטער, אַלץ ערנסטער זיינען געוואָרן אונדזערע שמועסן וועגן אַרבעטער, וועגן סטרייקס, אַפילו וועגן סאָציאַליזם. קעלמאַן איז געווען איבער־ראַשט פון מיין באַהאַוונטקייט אין די דאָזיקע פראַגן און פון מיינע סימפּאַטישע מיינונגען. עס האָט לאַנג ניט גענומען ביז איך האָב געוואונען זיין צוטרוי, און ער האָט מיר געגעבן צום לייענען אומ־לעגאַלע ליטעראַטור. איך האָב דאָס געלייענט ביינאַכט ביים שיין פון אַ לאָמפּ, ווען אַלע אין שטוב זיינען שוין געשלאָפן. ער האָט מיר צונויפגעבראַכט מיט עטלעכע אַרבעטער, מיט וועלכע איך פלעג גראד קומען אין באַרירונג צוליב מיין אַרבעט, אָבער יענע האָבן מורא געהאַט פאַר מיר. דאָס זיינען געווען צאַלקע דער טאָקער און מענדל דער שניצער. ער האָט מיר פאָרגעשטעלט פאַר זיי ווי אַ נייעם „באַקאַנטן". דער נאָמען „באַקאַנטער" האָט דאַן געמיינט — אַן אייגענער מענטש, אַ מענטש פון דער אָרגאַניזאַציע. מיך האָט דאָס געוואונדערט, ווייל איך האָב נאָך דאַן צו דער אָרגאַניזאַציע ניט געהערט. ער האָט מיר ביי אַן אַנדער שמועס דערקלערט פאַר־וואָס ער האָט דאָס געטאָן, — ווייל קיין אָרגאַניזאַציע איז נאָך אין ביעלסק ניט געווען. אָבער ער האַלט מיר פאַר אַן אייגענעם

מענטשן, און ער דערוואַרט פון מיר הילף אין אויפבויען אַזאַ אָרגאַ־ניזאַציע אין ביעלסק. און דערביי האָט ער מיר טאַקע אַ פרעג געטאָן צי איך וואָלט געקומען צו אַ פאַרזאַמלונג? דער וואָרט „פאַרזאַמ־לונג" האָט מיר אַ ביסל איבערגעשראָקן און ס'האָט געדויערט עטלעכע סעקונדן ביז איך האָב אים געענטפערט: — יאָ, איך וועל קומען! — גוט! — האָט ער געזאָגט, — ער וועט מיר לאָזן וויסן דעם אָרט און די צייט פון דער פאַרזאַמלונג.

עטלעכע טעג זיינען פאַרביי. ענדלעך, אַ שבת נאָך מיטאָג, אָנ־הויב ווינטער פון יאָר 1899־1900 (די גענויע דאַטע געדענק איך ניט), בין איך געגאַנגען צו אַזאַ ערשטער געהיימער פאַרזאַמלונג.

די ערשטע פאַרזאַמלונג אין ביעלסק

מיט שווערע געדאַנקען האָב איך זיך געלאָזט גיין צו יענעם פלאַץ דורך האָלעווסקער גאַס. מיר האָט זיך געדוכט, אַז מען שפּירט מיר נאָך. נאָך אַ קורצן וואַרטן וואָס האָט מיר אויסגעזען אַן אייבי־קייט און קיינער קומט ניט — האָב איך געטראַכט אפשר איז די פאַרזאַמלונג דורכגעפאַלן איידער איך בין נאָך אַהער געקומען? האָב איך אָנגעהויבן זיך פילן אומזיכער איינער אַליין אין אַ פאַרוואָרפענעם פלאַץ הינטערן שטאָט, און האָב אָנגעהויבן שטעלן טריט אויף צוריק אין שטאָט אַריין. פּונקט דאַן האָב איך פון דערווייטנס באַמערקט אַ פּאָר מענטשן זיך דערנענטערן צו מיר. איך האָב זיך אָפּגעשטעלט. דאָס זיינען געווען קעלמאַן און משה קאָפּעליאָוועס. מיר האָבן זיך געגריסט. אויף מיין פראַגע — וואו זיינען די אַנדערע, האָט קעלמאַן געענטפערט: קיינער וועט מער ניט קומען און דאָס איז די גאַנצע פאַרזאַמלונג! איך האָב זיך דערפילט שטאַרק אַנטוישט. ביידע האָבן דאָס אַרויסגעלייענט פון מיין פּנים. זיי האָבן פּרובירט מיר צו דערמוטיקן. — נאָך אַלעמען איז דאָס די ערשטע פאַר־זאַמלונג אין ביעלסק, — האָט קעלמאַן געזאָגט, — דאַרף מען ניט ווערן אַזוי ענטוישט. יעדער אָנהויב איז שווער. משה קאָפּעליאָוועס, אַ סטאָליער, האָט זיך באַקלאָגט, אַז עס איז זייער שווער צוצוקומען

צו דער מאַסע, אָבער ער גלויבט, אַז סוף כל סוף וועט דאָך געלינגען אַריינצודרינגען אין דער מאַסע.

אין מיין גרויס אַנטוישונג האָב איך גאָר קיין מיינונג ניט אויסגעדריקט, אָבער זיי האָבן געוואָלט דווקא וויסן וואָס איך טראַכט וועגן דעם. זיי האָבן זיך געווענדט צו מיר, געפרעגט מיין מיינונג. האָב איך, ניט אָפּגעבנדיק זיך קיין חשבון פון מיינע ווערטער, געענטפערט, אַז ניט געקוקט אויף מיין גרויסע אַנטוישונג אין דער פאַרזאַמלונג, גלויב איך אין דער מעגלעכקייט צו בויען אין ביעלסק אַ באַוועגונג, און אַז איך וועל צוטראָגן מיין חלק.

די דאָזיקע ווערטער, וואָס האָבן זיך דעמאָלט אַרויסגעכאַפּט פון מיין מויל זיינען מיט דער צייט מקויים געוואָרן. גלייך אויפן אָרט האָבן מיר אָנגעהויבן צו מאַכן פּלענער מכח אַ באַוועגונג אין ביעלסק. מיר האָבן זיך געאייניקט אויף אַ פּלאַן ווי אַזוי צו מאַכן פאַרבינדונגען מיט דער מאַסע. דערמיט האָט זיך געענדיקט די ערשטע פאַרזאַמלונג אין ביעלסק.

מיין ערשטע רעדע

קיין פאַרשריט אויפן געביט פון בויען אַ באַוועגונג אין ביעלסק איז יענעם ווינטער ניט געמאַכט געוואָרן. דער ווינטער איז געווען אַ שטאַרקער. גרויסע פרעסט זאַווערוכעס, האָבן געשטערט דאָס צוזאַמענקומען זיך הינטערן שטאָט. אַ הויז, וואו מיר זאָלן זיך צוזאַמענקומען האָבן מיר ניט געהאַט. סוף ווינטער 1900, ווען די פרעסט האָבן אַ ביסל אָפּגעלאָזן און דער וועטער איז געוואָרן מילדער, ווארימער — האָבן מיר באַשלאָסן צו רופן אַ פאַרזאַמלונג ביי דער זייט פון ארעכאָוויטשער גאַסטשינעץ.

איך האָב דערוואַרט, אַז צו דער דאָזיקער פאַרזאַמלונג וועלן שוין קומען מערער מענטשן. איך האָב זיך אָבער אַנטוישט. עס זיינען געקומען סך הכל פינף מענטשן: קעלמאַן, משה קאַפּעליאַוועס, צאַלקע דער טאָקער, מענדל דער שניצער און איך. דער רעדנער האָט געדאַרפט זיין מענדל דער שניצער, אָבער ווי נאָר ער האָט געעפנט

ס׳מויל — האָט ער זיך גלייך אַנטשולדיקט אַז ער קען ניט ריידן, ווייל עס איז אים שטאַרק קאַלט און ער איז אויך פאַרקילט, האָט ער געבעטן אַז אימיצער אַנדערש זאָל ריידן.

איך האָב דאַן באַשלאָסן צו ריידן. וואָס איך האָב דעמאָלט געזאָגט געדענק איך ניט מער. איך געדענק אָבער אַז איך האָב אויסגענומען מיט מיין רעדע.

נאָך דער דאָזיקער ערשטער רעדע אין מיין לעבן האָט זיך מיין פאַנטאַזיע צעשפּילט. אַ שטאַרקער ווילן האָט זיך אין מיר אַנטוויקלט צו דערגרייכן אַ סך. איך האָב אָבער פאַרשטאַנען, אַז ביעלסק איז ניט דאָס אָרט פאַר דעם. צוליב מיין בעלי־בתּישער אָפּשטאַמונג, וועל איך דאָ מיט דער מאַסע ניט קענען צוזאַמענקומען. האָב איך באַשלאָסן אַוועקצופאָרן אין דער פרעמד. איך האָב געמאָלדן מיינע עלטערן אַז איך וויל אַוועקפאָרן אין דער פרעמד זיך צו פאַרפאָלקאָמען אין מיין פאַך, דאָס הייסט שניצערײַ. זיי זיינען געווען שטאַרק קעגן דעם און זיך געשראָקן פאַר מיין זיין אין דער פרעמד. אָבער קעגן זייער ווילן בין איך באַלד נאָך פּסח פון יענעם יאָר אַוועקגעפאָרן קיין ביאַליסטאָק.

איך לערן פיל אין ביאַליסטאָק

דאָ בין איך פאַרפאָרן צו רפאל דעם שניצער, אַן אַנגעזעענער מיטגליד פון דער ביאַליסטאָקער באַוועגונג. אַ בריוו וואָס איך האָב אים איבערגעגעבן פון צאַלקע דעם טאָקער און מענדל דעם שניצער האָט אים שוין אַלץ דערציילט וועגן מיר. ער האָט מיר זייער פריינדלעך אויפגענומען. ער האָט געמאַכט פּלאַץ פאַר מיר אין איינער פון זיינע צוויי צימערן, פון וואָס איינע פון זיי האָט געדינט ווי אַ מאַסטערסקאַיע, האָט צוגעזאָגט צו קריגן פאַר מיר אַרבעט. דאָס האָט ער אָבער ביי זיין בעסטן ווילן ניט געקענט טאָן, ווייל ער אַליין האָט קיין אַרבעט ניט געהאַט. דעם גרעסטן טייל פון יענעם זומער האָב איך זיך אַרומגעדרייט איבער די ביאַליסטאָקער גאַסן, געווען אַ שטענדיקער באַזוכער אויף דער אַרבעטער בירזשע, געלייענט אומ־

לעגאַלע ליטעראַטור און געגאַנגען אויף פאַרזאַמלונגען. געלעבט האָב איך פון דעם געלט וואָס איך האָב געבראַכט מיט זיך פון דער היים, ווייל געאַרבעט האָב איך גאַנץ ווייניק.

סוף זומער בין איך געקומען אַ היים אויף יום־טוב. אַלע האָבן זיך מיט מיר דערפרייט און פאַרלאַנגט אַז איך זאָל בלייבן אין ביעלסק. עטלעע רעוואָלוציאָנערן האָבן אויך פאַרלאַנגט אַז איך זאָל בלייבן אין ביעלסק און העלפן בויען אַ באַוועגונג.

איך בין טאַקע געבליבן דערווייל אין ביעלסק.

אין פינסק

עס האָט זיך אָבער אַזוי געמאַכט, אַז גאָר אומדערוואַרטעט בין איך אַוועק קיין פינסק, וואו אַ ברודער פון מיינעם אַ שוואָגער איז געווען אַ שניצער. ער האָט געקראָגן אַ באַשטעלונג צו מאַכן אַן ארון קודש אין אַ שול לויט אַ מוסטער וואָס געפינט זיך אין אַ בית המדרש אין ביעלסק. איז ער צוליב דעם געקומען קיין ביעלסק אָרונטערצונעמען צייכנונגען. מיינע עלטערן האָבן אויסגענוצט די געלעגנהייט און האָבן אים געבעטן נעמען מיר קיין פינסק, כדי איך זאָל זיך פאַרפאַלקאָמען אין שניצעריי. זייער כוונה איז אָבער גע־ווען — אַוועקצונעמען מיר פון די ביעלסקער רעוואָלוציאָנערן. אין דער פרעמד און ביי אייגענע — האָבן זיי געטראַכט — וועל איך זיין געזיכערט.

אין פינסק האָב איך געפירט אַ טאָפּלטן לעבן: פאַר מיין מייסטער האָב איך געגאָלטן פאַר אַ בעל־הביתש קינד, געווען פרום, אַפילו געגאַנגען מיט אים אין שול אַריין. אָבער אין די אָוונטן פלעג איך זיך טרעפן מיט די פינסקער רעוואָלוציאָנערן, געגאַנגען אויף פאַר־זאַמלונגען און געלייענט אומלעגאַלע ליטעראַטור.

צוריק אין ביעלסק

פסח 1902 בין איך צוריק געקומען קיין ביעלסק, און בין שוין דאָרטן פאַרבליבן. איך האָב באַשלאָסן איינצואָרדענען אַ ווערקשטאַט פאַר זיך אַליין.

איך האָב צופעליק באַגעגנט מיינעם אַ חדר חבר — מיישקע לייבל דעם מלמדס, אַ שלאָסער פון פאַך, וואָס איז געקומען אַהיים אויף יום־טוב פון גראָדנע, וואו ער האָט געאַרבעט. מיר האָבן זיך צוזאַמענגערעדט. איך האָב אויסגעפונען, אַז ער איז אַ מיטגליד פון דער פוילישער סאָציאַליסטישער פאַרטיי פּ.פּ.ס. מיר האָבן ביידע באַדויערט, וואָס אין ביעלסק איז נאָך ניטאָ קיין באַוועגונג, און האָבן איינגעשטימט, אַז די הויפּט־צרה דערפון איז, וואָס די יוגנט אין ביעלסק זוכט אַרבעט אין אַנדערע שטעט.

מיר פאַלט איין אַ געדאַנק אויסצונוצן דעם פאַקט, וואָס צוליב יום־טוב געפינען זיך אַ סך אַרבעטער אין ביעלסק און עס איז כדאי צו מאַכן אַ פאַרזאַמלונג. מיישקע האָט פאַרזיכערט, אַז ער קען קריגן אַ רעדנער, אָבער ווי קומט מען צו צו דער מאַסע?

פון מיישקען האָב איך זיך דערוואוסט, אַז פון מיינע באַקאַנטע, וועלכע איך האָב איבערגעלאָזן אין ביעלסק איז קיין איינער ניט געבליבן. קעלמאַן, משה קאַפּעליאַוועס, צאַלקע דער טאָקער, מענדל דער שניצער, גרשון דער טאָקער און אַנדערע זיינען אַוועק פון ביעלסק. עס געפינען זיך אָבער עטלעכע אַרבעטער וואָס זיי האָבן פּרובירט (זיי) באַאיינפלוסן, ווי רופקע קעלמאַנס ברודער, הוישע דער שערער, הערש לייב דער שניידער, איטשע דעם באַגרעבערס אַ זון, משה חיים דער שניידער, כאַצקל דעם איזוואָזטשיקס אַ זון, בענדעט דער סטאָ־ליער, דוד סטאָליערס אַ זון. אַזוי ווי קיין אַנדערע זיינען ניטאָ — איז באַשלאָסן געוואָרן מאָרגן זיך צו טרעפן מיט זיי. אויף מאָרגן האָבן מיר זיך טאָקע אַלע באַגעגנט ערגעץ הינטערן שטאָט, דאַכט זיך אויפן נייעם שאָסיי וואָס לויפט נאָך ביעלאָוויעזש. מיר האָבן זיך דורכגערעדט, פאַרגעלייגט פאַר זיי אונדזער פּלאַן און זיינען זיך פונאַנדערגעגאַנגען צופרידענע, וואָס ענדלעך וועט מען עפּעס אָנ־הויבן צו טאָן אין ביעלסק.

די ערשטע מאַסן פאַרזאַמלונג אין ביעלסק

מיישקע האָט זיך געווענדט קיין ביאַליסטאָק וועגן אַ רעדנער. עס איז אונדז געלונגען צו קריגן זיידל דעם אָראַטאָר, אַ פלאַם־פייערדיקן רעדנער. מיר האָבן גלייך באַשטימט דעם טאָג, די צייט און דעם פלאַץ פאַר דער פאַרזאַמלונג און האָבן גלייך געלאָזט וויסן אונדזערע עט־לעכע באַקאַנטע.

שבת נאָך מיטאָג, חול המועד פסח, האָבן, לויט אונדזערע איג־סטרוקציעס זיך געצויגן איינציקווייז אָדער פּאָרווייז יונגע בחורים און מיידלעך אויף אַרעכאָוויטשער וועג צום וואַלד צו. ווען מיר זיינען אַריין טיף אין וואַלד מיט זיידל דעם אָראַטאָר און דערזען אַן עולם פון קנאַפּע הונדערט פּערזאָן — זיינען מיר שטאַרק איבער־ראַשט געוואָרן. זיידל דער אָראַטאָר האָט געהאַלטן אַ רעדע, וואָס האָט אַלעמען באַצויבערט און געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק אויף דער מאַסע. מיר, עטלעכע באַקאַנטע, זיינען געווען שטאַרק באַ־גייסטערט. נאָך דער רעדע האָט דער עולם זיך צוריקגעקערט אין שטאָט אַריין. מיר, אַ קליינע גרופּע, זיינען פאַרבליבן הינטערן שטאָט, כדי זיך צו באַראַטן וואָס טאָן ווייטער.

זיידל דער אָראַטאָר האָט זיך געווענדט צו מיר מיט אַ פאַר־לאַנג — איך זאָל ווערן דער פאַרשטייער פון דער ביעלסקער אָרגאַ־ניזאַציע, וואָס וועט זיך גרינדן אונטערן אויפזיכט פון ביאַליסטאָקער קאָמיטעט פון דער „פּ.פּ.ס.". איך האָב ניט געוואָלט צושטימען צו דעם: — ווי אַ יידישער אַרבעטער בין איך גיכער געניינט צום „בונד" — האָב איך געזאָגט, — איך בין ניט קיין פּ. פּ. ס.־ניק!...

זיידל און מיישקע האָבן מיר געזאָגט:

— לאָמיר צוערשט גרינדן אַן אָרגאַניזאַציע, דערנאָך וועלן מיר זען וועגן אַ פּאַרטיי. אויב די מאַסע וועט ניט זיין צופרידן — וועט זי קענען זיך אָנשליסן אין אַן אַנעדר פּאַרטיי!

די פּאַרטיי פּראָגראַמען זיינען מיר דעמאָלט ניט געווען אַזוי קלאָר, און דער רעזולטאַט איז געווען, אַז איך האָב צוגעשטימט צו ווערן דער פאַרשטייער פון דער אָרגאַניזאַציע וואָס מיר האָבן גע־נומען גרינדן.

זיידל האָט מיר אין געהיים איבערגעגעבן אַ פּאָר אַדרעסן צו וועמען זיך צו ווענדן: — האַלט דאָס שטאַרק קאָנספּיראַטיוו! — האָט ער מיר אָנגעזאָגט, — און לאָזט אונדז וויסן פון אייער פּראָ־גרעס!...

ווינטשנדיק אונדז דערפאָלג איז ער אַוועק מיט די עטלעכע מענטשן, וואָס זיינען געקומען צוזאַמען מיט אים פון ביאַליסטאָק.

שפּעטער, ווען איך האָב זיך געגעבן באַקאַנט מיט דער פּאָלי־טישער פּראָגראַם פון דער פּ.פּ.ס., האָב איך ניט געזען קיין סתירה פון דער אומאָפּהענגיקייט פאַר פּוילן צום סאָציאַליזם. די באַפרייאונג פון די פאַרשקלאַפּטע פעלקער און לענדער איז דאָך איינע פון די הויפּט־פּרינציפּן פונם סאָציאַליסטישן געדאַנק. דעריבער איז דער קאַמף פאַר דער באַפרייאונג פון פּוילן פון אירע דריי אונטערדריקער (רוסלאַנד, עסטרייך און דייטשלאַנד) — אַ באַרעכטיקטער, און איז חל אויף אַלע אירע איינוואוינער, יידן איינגעשלאָסן.

ביים אויספורעמען מיין באַשלוס האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָ־ליע מיין אויסמיידן דעם קורס פון אַגיטאַציע, מיין ניט דורכגיין דער מאַסאָווער שול פון פּראָפּאַגאַנדע. עס איז אַזוי אַרום ניט איינגעפּלאַנצט געוואָרן אין מיר די שאַרפע קעגנערשאַפט צו אַנ־דערש־דענקענדע. און ביים גרינדן די אָרגאַניזאַציע אין ביעלסק האָב איך געהאַט געגוג כוח ניט מקפּיד צו זיין אויף פּאַרטייאישע מיינונגס־פאַרשידנהייטן און אונטערשיידונגען. איך האָב דער עיקר שטאַרק אין זינען געהאַט די גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכע אויפגאַבע פון בויען אַ גרויסע שטאַרקע באַוועגונג, און וואָלט איך זיך גלייך ביים אָנפאַנג אַריינגעלאָזן אין פּאַרטיי־צוויסטיקייטן — וואָלט די ביעלסקער באַוועגונג זיכער ניט דערגרייכט צו אַזאַ הויכע מדרגה.

די ערשטע „סכאָדקע״ אין ביעלסק

די „סכאָדקע״ איז באַשטאַנען פון די פּאַלגנדיקע: רופקע, הושיע, מיישקע, בענדעט און דער שרייבער פון די זכרונות.

מיר פלעגן זיך טרעפן איין מאָל אין וואָך, יעדן מאָל אויף אַן אַנדער פּלאַץ. די הויפּט־אויפגאַבע וואָס מיר האָבן געהאַט איז געווען צו מאַכן פאַרבינדונגען מיט דער מאַסע, זיך טרעפן מיט מענטשן, ריידן מיט זיי, אַגיטירן זיי, פאַרלייגן זיי ביכער צום לעזן און אַזוי ווייטער.

פון ביאַליסטאָק האָט מען אונדז געבראַכט אַ ביסל ביכער — לעגאַלע און אומלעגאַלע. איך האָב גענומען די אומלעגאַלע און מיישקע די לעגאַלע. די באַריכטן פון די ערשטע פּאָר סכאָדקעס זיינען אין אָנהויב געווען גאָר ניט קיין פריילעכע: די מאַסע האָט מורא, שרעקט זיך צו ריידן מיט אונדז... אָבער לאַנגזאַם, וואָס ווייטער זיינען די באַריכטן געוואָרן פריילעכערע, בעסערע, און שפּעטער ווען מיר האָבן שוין אָנגעפאַנגען לאָזן וואָרצלען און געהאַט די פאַר־בינדונגען מיר אַ פּאָר צענדליק אַרבעטער, האָבן מיר באַשלאָסן צו פאַררופן נאָך אַ מאַסן־פאַרזאַמלונג פאַר „שבועות״. מיר האָבן זיך געווענדעט קיין ביאַליסטאָק מיט אַ פאַרלאַנג צו שיקן אונדז ווידער זיידל דעם אָראַטאָר, וואָס איז באַוויליקט געוואָרן.

דעם ערשטן טאָג שבועות האָט זיך אַ גרויסער עולם פון איבער הונדערט מענטשן געצויגן דורך האָלעווסקער גאַס צו קליעשטשעלער גאסטשיניעץ, הינטער סמאָלסקיעס הויף, אויפן זעלבן פּלאַץ וואו עס איז פאָרגעקומען אונדזער ערשטע פאַרזאַמלונג.

זיידעל דער אָראַטאָר האָט געהאַלטן אַ לענגערע רעדע וועגן דער טרויעריקער עקאָנאָמישער לאַגע פון די אַרבעטער־מאַסן און דעם לוקסוסדיקן לעבן פון קאַפּיטאַליסטישן קלאַס. די רעדע האָט דורכ־גענומען יעדן איינעם. יעדער איינער האָט געפילט, אַז דאָס רעדט ער טאַקע וועגן אים גופא. די רעזולטאַטן פון דער פאַרזאַמלונג האָבן מיר גלייך נאָך דעם דערפילט: די מאַסע האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו אונדז מחנות־ווייז. מיר זיינען געווען צו שוואַך אַלעמען צופרידן צו שטעלן. מיר זיינען געווען אָרעם אין מענטשן און ליטעראַטור.

בירזשעס און קרוזשקעס

דער גרויסער געדראַנג פון דער מאַסע האָט אונדז געצוואונגען איבערצובויען דעם צוזאַמענשטעל פון אונדזער שוואַכער אָרגאַניזאַציע. מיר האָבן געשאַפן פאַכאָווע סכאָדקעס. יעדע סכאָדקע האָט געהאַט אַ פאָרטרעטער. מען פלעגט אָרומריידן די לאַגע פון פאַך און מאַכן פלענער ווי אַזוי צו פאַרבעסערן די לאַגע. עס זיינען אויך געגרינדעט געוואָרן קרוזשקעס פון עטלעכע מענטשן אין אַ קרוזשאָק, וואָס פלעגן זיך צוזאַמענקומען ערגעץ אין אַ וואַלד, מערסטן טייל שבת נאָכן עסן און אימיצער פלעגט פאָרלעזן פון אַ בוך, אַ בראָשורע, אָדער דיסקוטירן. מיר האָבן אַריינגעקראָגן פון ביאַליסטאָק אַ היפּש ביסל ליטעראַטור. מיר האָבן איינגעאָרדנט בירזשעס צו טרעפן זיך מיט דער מאַסע, אויסטיילן ביכער, בראָשורן, ריידן מיט זיי, אַגיטירן זיי. דער שטאָטישער גאָרטן האָט געדינט ווי אַ בירזשע פאַר לעגאַלע ליטעראַטור. זי איז געווען אַ פּערמאַנענטע, אַ שטענדיקע. די בירזשע פאַר אומלעגאַלע ליטעראַטור איז, צוליב קאָנספּיראַציע, געביטן געוואָרן כמעט יעדע פאָר וואָכן. און מיר האָבן ווירקלעך אויפגעטאָן אַ סך. איבערהויפּט האָבן מיר געהאַמערט אויף איין פּונקט: אויף דער שלעכטער עקאָנאָמישער לאַגע. מיט דעם זיינען מיר אויסן געווען צוצוגרייטן די מאַסע צו סטרייקס.

די אַרבעטס באַדינגונגען און באַהאַנדלונגען

די אַרבעטס באַדינגונגען פון די ביעלסקער אַרבעטער זיינען צו יענער צייט געווען שרעקלעכע. אַן אַרבעטס־טאָג האָט בכלל אינגאַנצן ניט עקזיסטירט און איז געווען אינגאַנצן אָנגעוויזן פון דעם ווילן פון באַלעבאָס. איז געווען ווייניקער אַרבעט פלעגט מען אַרבעטן 12־14 שעה אַ טאָג. איז געווען מער אַרבעט — פלעגט מען אַרבעטן 16־17 שעה. ערב יום־טוב, ווען מ׳האָט געדאַרפט אַרויספאַרטיקן די גאַנצע אַרבעט — פלעגן די אַרבעטער גאָר ניט גיין אַהיים שלאָפן. זיי פלעגן איבערדרימלען אַ פּאָר שעה ביים וואַרשטאַט און ווייטער אַרבעטן. די שכירות זיינען געווען זייער קליינע.

דער דורכשניטלעכער פאַרדינסט פון אַ ביעלסקער אַרבעטער איז צו יענער צייט געווען צווישן צוויי און דריי רובל אַ וואָך. עס זיינען אויך געווען אַרבעטער פון יאָר: 10־20־30 רובל אַ יאָר. עס זיינען אויך געווען אינגאַנצן אומזיסטע אַרבעטער: טערמיניקעס האָט מען זיי גערופן, לערניינגלעך, אָדער מיידלעך, וואָס האָבן געאַרבעט צוויי־דריי יאָר אינגאַנצן אומזיסט. דאָס האָט געהייסן, אַזוי לאַנג דאַרף דויערן ביז זיי וועלן זיך אויסלערנען די אַרבעט. אין אמתן אָבער זיינען די יונגע קינדער געווען שקלאַפן. די ערשטע פּאָר יאָר פלעגן זיי טאָן הויז־אַרבעט. אין מאַסטערסקאַיע פלעגט מען מיט זיי פאַר־שטעקן אַלע לעכער. די באַהאַנדלונגען וואָס ביעלסקער אַרבעטער האָבן געהאַט אויסצושטיין פון די בעלי־בתים זיינען געווען שרעק־לעכע.

אונטער אַזעלכע ביטערע אומשטענדן האָט די נאָך גאָר יונגע אָרגאַניזאַציע פון ביעלסק זיך פאַרמאָסטן אָנצוהייבן אַ קאַמף פאַר אַ קירצערן אַרבעטס־טאָג, פאַר העכערע שכירות און פאַר בעסערע באַהאַנדלונגען פאַר די אַרבעטער.

דער ערשטער אַרויסטריט אין ביעלסק

די לעצטע וואָכן פון זומער 1902 האָבן מיר אויסגענוצט צו־צוגרייטן דעם ערשטן אַרויסטריט. די אַרבעט איז געווען אַ שווערע, אַלע אונדזערע טענות מכח אַרויסגיין אין אַ סטרייק זיינען געפאַלן אויף טויבע אויערן. די מאַסע האָט זיך פשוט געשראָקן פאַרן פשוטן וואָרט סטרייק, און די אָרגאַניזאַציע האָט זיך איבערצייגט, אַז זי וועט מוזן פירן אַ סטרייק אָן דער מאַסע. דערוויל איז דאָס דער־גאַנגען צו די אויערן פון די מייסטערס. זיי האָבן דאָס באַלד איי־בערגעגעבן דער פּאָליציי. ווען די אָרגאַניזאַציע האָט זיך דערפון דערוואוסט, האָט זי באַשלאָסן צו באַנוצן איינע פון די מיטלען וואָס זי האָט פאַרטראַכט פאַרן סטרייק. דאָס איז געווען „דראָהונגס־בריוו״. איך האָב אויף בויגעלעך פּאַפּיר אויסגעמאָלן אַ ביקס, אַ שווערד, אַ קינזשאַל, אַ רעוואָלווער, און דערצו צוגעשריבן עטלעכע ווערטער,

אַז די אָרגאַניזאַציע וועט די בעלי־בתים האַלטן פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די אַרעסטן וואָס די פּאָליציי וועט מאַכן.

די דאָזיקע שרעק־בריוו זיינען אַוועקגעשיקט געוואָרן צו די מייסטערס און דאָס האָט געבראַכט רעזולטאַטן. די מייסטערס האָבן זיך פון זיי דערשראָקן אויף טויט. האָבן מורא געהאַט עפּעס צו טאָן. דערווייל איז געקומען סוכות, די צייט, ווען עס איז באַשטימט גע־וואָרן אָנצוהויבן אַ סטרייק פאַר אַ צוועלף־שעהדיקן אַרבעטס טאָג. ס'איז אָבער דער אָרגאַניזאַציע ניט געלונגען צו באַוועגן אימיצן פון דער מאַסע אַרויסצוגיין אין סטרייק. די אָרגאַניזאַציע האָט דאַן גענומען אויף זיך אַליין דורכצופירן דעם סטרייק אָן די אַרבעטער. זי האָט אַריינגעשיקט בריוו צו די מייסטערס צו געבן זייערע אַרבעטער אַ צוועלף־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג פון 8 פרי ביז 8 ביינאַכט.

מיר האָבן געוואַרט עטלעכע טעג. ווען קיין ענדערונג איז ניט פאָרגעקומען — זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן אָטריאַדן, וועלכע האָבן זיך באַזאָרגט מיט שטיינער, און אַ געוויסן אָוונט פונקט 8 אַ זייגער — זיינען אַלע פענסטער פון די מאַסטערסקאַיעס אויסגעבראָכן געוואָרן. דאָס האָט אָנגעוואָרפן אַזאַ שרעק אויף די מייסטערס, אַז זיי האָבן פשוט פאַרטריבן זייערע אַרבעטער אַהיים און זיי פאַרזאָגט ניט צו קומען צו דער אַרבעט פריער פון 8 אַ זייגער אין דער פרי.

אַ ווינטער פון סטרייקס

דער איינדרוק, וואָס די שטיינער האָבן געמאַכט אויף די מייסטערס, אויף דער פּאָליציי און אויף דער גאַנצער שטאָט — איז געווען אַ גוואַלדיקער. די אַרבעטער האָבן דערוואַכט, געוואָרן קאַמפּסלוסטיק. די אָרגאַניזאַציע האָט דאָס אויסגענוצט און האָט אָרגאַניזירט אַ צאָל סטרייקס אין משך פון ווינטער 1902־1903 פאַר גרעסערע שכירות און בעסערע באַהאַנדלונגען. די אַרבעטער גופא האָבן שוין אַרויס־געשטעלט פאָדערונגען צו די בעלי־בתים, און וואו מען האָט ניט געוואָלט נאָכגעבן — זיינען זיי אַרויס אין סטרייק. די אָרגאַניזאַציע האָט אויך געהאָלפן אין די דאָזיקע סטרייקס. זי האָט אָרגאַניזירט

אַזעלכע „שרעק־אַטריאַדן״ איבערצושרעקן די בעלי־בתים זיי זאָלן שנעלער נאָכגעבן. מען פלעגט פאַרקליידן עטלעכע אַרבעטער אין פאַרשידענע קאָסטיומען, פאַרשמירן זייערע געזיכטער מען זאָל זיי ניט דערקענען. זיי פלעגן זיך אַריינלאָזן מיט אַ גרויסן טומל, ריידן, שרייען אַלע מיט אַמאָל, צעשפּרייטן זיך איבערן מאַסטערסקאַיע, זוכן, נישטשערן, ענדלעך אָנזאָגן מיטן האַרבן וואָרט נאָכצוגעבן דעם סטרייק, ווען ניט וועלן זיי קומען אַ צווייטן מאָל און מאַכן פון אַלץ אַ באַרג אַש!

די בעלי־בתים האָבן נאָכגעגעבן אַלע פאָדערונגען, און אַזוי אַרום האָבן די ביעלסקער אַרבעטער יענעם ווינטער, מיט דער הילף פון דער אָרגאַניזאַציע אויסגעקעמפט העכערע שכירות און בעסערע באַהאַנדלונגען. האָבן אָנגעהויבן קוקן אויף דער אָרגאַניזאַציע מיט אַנדערע אויגן, האָבן זי רעספּעקטירט, זיך צוגעהערט צו אירע רייד. די אָרגאַניזאַציע האָט דאָס אויסגענוצט: האָט געשאַפן מער קרוזש־קעס, וואו מען פלעגט זיך צוזאַמענקומען און אַרומריידן די אַרבע־טער פראַגן.

דער קאַמף פאַר אַ צען-שעהדיקן אַרבעטס טאָג

סוף ווינטער האָבן מיר זיך גענומען גרייטן צו אַ קאַמף פאַר אַ צען־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג. עס האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז די מייסטערס וועלן דאָס מאָל ניט נאָכגעבן אַזוי גרינג און וועלן זיך אָרגאַניזירן. די דאָזיקע קלאַנגען האָבן אָבער דער אָרגאַניזאַציע ניט איבערגעשראָקן. ביעלסקער אַרבעטער זיינען שוין צו יענער צייט געווען מער אָדער ווייניקער באַוואוסטזיניק, און מען האָט מיט זיי ניט באַדאַרפט צו פיל איינטענהן. זיי האָבן איינגעשטימט אַרויס־צוגיין אין סטרייק.

עס איז באַשלאָסן געוואָרן אַרויסצולאָזן אַ פּראָקלאַמאַציע (אגב די ערשטע אין ביעלסק) מיט אַ רוף צום סטרייק. די פּראָקלאַמאַציע האָב איך אָנגעשריבן. זי איז געדרוקט געוואָרן אויף אַ העקטאָגראַף אויפן צווייטן עטאַזש פון אונדזער הויז, וואָס האָט געדינט אַלס הויפּט־קוואַרטיר פאַר דער אָרגאַניזאַציע. צווישן געציילטע קאָנספּיראַטיווע מענטשן איז ער געווען באַוואוסט אַלס דער „היסטאָרישער בוידעם״.

פסח האָבן מיר פאַררופן אַ גרויסע פאַרזאַמלונג איו פּריניעוויטשער וואַלד. גלייך נאָך פסח, ווען דער נייער זמן האָט זיך אָנגעהויבן — האָבן די אַרבעטער אָנגעהויבן פאָדערן אַ 10 שעה אַרבעטס־טאָג. קיין איבעראַשונג פאַר די מייסטערס איז דאָס ניט געווען, ווייל זיי האָבן דאָס אויסגעפונען פון דער פּראָקלאַמאַציע. גלייך נאָכגעבן האָבן זיי אָבער ניט געוואָלט און די אַרבעטער זיינען אַרויס אין אַ סטרייק. אַ וואָך שפּעטער האָבן די מייסטערס אָנגעהויבן נאָכצוגעבן.

דער סטרייק איז געווען אַ געוואונענער. קיינער האָט ניט ז'ער־וואַרט אַזאַ שנעלן און לייכטן נצחון.

דער גענעראַל סטרייק פאַר אַן אַכט-שעהדיקן אַרבעטס-טאָג

דער לייכטער זיג פון דעם 10 שעה אַרבעטס טאָג האָט געהויבן די מוט פון דער ביעלסקער אָרגאַניזאַציע און האָט פּשוט צערייצט דעם חשק צו ווערן מיט לייטן גלייך. אין וואַרשע, לאָדזש, ביאַליסטאָק, בריסק איז שוין פון לאַנג איינגעפירט אַן 8־שעה אַרבעטס טאָג. די אָרגאַניזאַציע האָט זיך אָבער ניט געאַרט, אַז מען קען יעדן האַלב יאָר פירן סטרייקן אין אַזאַ קליינער שטאָט. דאָך האָט זי באַ־שלאָסן גלייך נאָך דעם געוואונענעם סטרייק אויפצוהויבן דער גאַנצער אַרבעטערשאַפט פון ביעלסק פאַר אַ גענעראַל סטרייק פאַר אַן 8־שעה אַרבעטס טאָג. זי האָט אויסגענוצט דעם גוטן זומערדיקן וועטער צוצוגרייטן זיך צום קאַמף. אויף די בירזשעס, אין די קרוזשקעס, אויף די סכאָדקעס — אומעטום האָט מען גערעדט און געפּלאַנעוועט דעם דאָזיקן גענעראַל־סטרייק. אַ סך פאַרזאַמלונגען זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן פאַר דעם צוועק און ס'איז אויך געזאַמלט געוואָרן געלט פאַר שטיצע פאַר די סטרייקער. עס איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ סטרייק־קאָמיטעט.

גלייך נאָך סוכות, מיטן אָנהויב פון נייעם זמן זיינען די אַרבע־טער אַוועק צו דער אַרבעט — האָבן דערקלערט די בעלי־בתים וואָס זיי ווילן. די מייסטערס האָבן ניט צוגעשטימט און ניט גע־

וואָלט נאָכגעבן, און אין אַ פּאָר טעג זיינען אַלע אַרבעטער אַרונטער פון דער אַרבעט.

אַ פּאָר וואָכן זיינען אַוועק אָן שום ענדערונגען.ביידע צדדים זיינען געווען פאַרביסן און באַשלאָסן ניט נאָכצוגעבן. די אָרגאַני־זאַציע, דער סטרייק־קאָמיטעט זיינען געשטאַנען אויף דער וואַך. אין שטענדיקע קאָנטאַקטן מיט די סטרייקנדע האָבן זיי אינפאָרמירט וועגן דער לאַגע. אויף דער דריטער וואָך האָבן מאַנכע פאַרהייראַטע מענער, אָרימערע מיידלעך און אַנדערע אָנגעהויבן פאָדערן שטיצע און זיי האָבן דאָס באַקומען. גאַנץ שנעל איז אָבער אונדזער אָנגעזאַמלטער קאַפּיטאַל אויסגענוצט געוואָרן. מיר האָבן זיך געווענדט צו אונדזער קאָמיטעט אין ביאַליסטאָק און מיר האָבן באַקומען צוגעשיקט אַ שיין ביסל געלט און זיינען ווייטער אָנגעגאַנגען מיט אונדזער שטיצע פאַר די נויטבאַדערפטיקע סטרייקערס.

אויף דער זעקסטער וואָך האָבן אייניקע פון די מייסטערס אָנ־געהויבן נאָכצוגעבן, אויף דער זיבעטער וואָך נאָך מערער, אויף דער אַכטער וואָך איז שוין דער גענעראַל סטרייק געווען כמעט אַריבער. בלויז צוויי מייסטערס זיינען געבליבן פאַרביסן און ניט געוואָלט נאָכגעבן. סוף כל סוף האָבן אויך די דאָזיקע צוויי פאַר־ביסענע מייסטערס געמוזט נאָכגעבן און דער גענעראַל סטרייק איז געווען פאַרענדיקט.

מיט דעם געוואונענעם גענעראַל סטרייק האָט זיך אָפּגעשלאָסן די ערשטע עפּאָכע פון דער ביעלסקער אַרבעטער באַוועגונג. אין די פּאָר יאָר איז ממש פון גאָרנישט אויפגעבויט געוואָרן אַ שטאַרקע באַוועגונג, וואָס האָט אין בלויז צוויי יאָר צייט, באַוויזן אויסצוקעמפן באַדינגונגען פאַר די אַרבעטער, וואָס זיי אַליין האָבן אַפילו ניט גע־חלומט, און האָט גלייכצייטיק רעוואָלוציאָניזירט, איבערגעאַנדערש דעם גאַנצן פנים פון דער שטאָט. ביעלסק האָט קיינמאָל ניט אָנגעזען אַ יוגנט אין די פאַרנאַכטן, ווייל זי איז געלעגן טעג און נעכט אין די וואַרשטאַטן. קיינמאָל פריער זיינען די אַרבעטער און זייערע פאַמיליעס ניט געגאַנגען אָנגעטאָן ווי מענטשן. קיינמאָל פריער האָבן די אַרבעטער פאַמיליעס ניט געלעבט אַזוי גוט ווי איצט, און דאָס האָט זיך געלאָזט גאַנץ גוט מערקן אין שטאָט. איבערהויפּט אין די

פאַרנאַכטן, שבתים און יום־טובים. די אַרבעטער זיינען געווען צופרידן מיט זייער פאַרבעסערטער לאַגע און די קרעמער זיינען אויך געווען צופרידן. זיי האָבן געלייזט מער אין די קראָמען. דער אָנזען פון דער אָרגאַניזאַציע איז געוואַקסן. דער עולם האָט זיך איבערצייגט, אַז דאָ האָט מען ניט צו טאָן מיט אומפאַראַנטוואָרטלעכע יינגלעך און מיידלעך.

אַ צעטל פון די ערשטע ביעלסקער רעוואָלוציאָנערן

ביים אָנפאַנג פון דער ערשטער עפּאָכע פון דער ביעלסקער אַר־בעטער־באַוועגונג זיינען פאַרצייכנט געוואָרן די גאָר ערשטע, די „פּאַרקעמפּער" פון דער באַוועגונג. דאָס זיינען געווען: קעלמאַן טאָד־רעס יאָסלס; משה קאַפּעליאָוועס; צאַלקע דער טאָקער און מענדל דער שניצער —ביידע פון ביאַליסטאָק, גרשון דער טאָקער און דער שרייבער פון די ציילן.

ביים אָנהויב פון דער צווייטער תקופה האָט זיך קיינער פון זיי, חוץ מיר, זיך ניט געפונען אין ביעלסק. עס זיינען אָבער געווען אַ צאָל אַנדערע, וואָס האָבן פאַרדינט פאַרצייכנט צו ווערן אין דער געשיכטע פון דער ביעלסקער אַרבעטער באַוועגונג. אייניקע פון זיי זיינען געשטאַנען ביים רודער פון דער באַוועגונג. דאָס זיינען געווען:

רופקע, דער אינגסטער ברודער פון קעלמאַנען. ער האָט געהאַט אַ ראַזיר־פּלאַץ ביי זיך אין דער היים;

הושיהע דער שערער, האָט געאַרבעט ביי משה פעלדשער, איז געווען איינער פון די ערשטע אַרעסטירטע צו ווערן אין ביעלסק;

מיישקע, לייבל דעם מלמדס, האָט געהאָלפן גרינדן די אָרגאַני־זאַציע. געווען אַרעסטירט צוזאַמען מיט הושיהע דעם שערער;

הערש לייב דער שניידער, אַ זון פון איטשע דעם גרעבער, האָט מיטגעהאָלפן ביים אָרגאַניזירן זיין פאַך;

משה חיים דער שניידער, אַ זון פון כאַצקל דעם איזוואָזטשיק, ער האָט געהאַט די זעלבע פאַרדינסטן, וואָס זיין אינטימער פריינד הערש לייב;

די ברידער וואשינסקי, בערקע, יואלקע און דוד, זין פון יהודה

זאַוועליס. די ערשטע צוויי זיינען געווען סטאָליאַרעס, דער לעצטער איז געווען אַ שניידער. אַל זיינען זיי געווען איבערגעבן דער באַוועגונג;

יודעל סאַנעס, אַ זון פון סאַנע דעם מענער שניידער, האָט זיך באַטייליקט אין דער אָרגאַניזירונג פון זיין פאַך, געווען אַ מיטגליד פון דער צענטראַלער סכאָדקע די אָרגאַניזאַציע האָט זיך באַנוצט מיט זיין פאָטערס מאַסטערסקאַיע פאַר קלענערע פאַרזאַמלונגען;

חיים׳יק, אַ זון פון ווידעווער שענקער יאָסעל. ער האָט געהאַט אַ קינדערשן פנים — האָט מען אים דערפאַר גערופן „חיים׳יק״. שפּעטער איז ער געשטיגן און געוואָרן געהילף בוכהאַלטער. ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין געוואַגטקייט. געווען אַרעסטירט פאַר טיילן פּראָקלאַמאַציעס צו סאָלדאַטן;

איטשע דער שטומער, אַ זון פון תנחום דעם פעל־קרעמער, אַן אָנגעזעענער פרומער ייד אין ביעלסק. דער דאָזיקער שטומער האָט אויפגעטאָן פאַר דער באַוועגונג מער ווי אייניקע ריידעוודיקע. ער איז געווען אַן אַלזייטיקער טוער. פון פאַך איז ער געווען אַ טאַבאַק־שניידער. ער האָט געאַרבעט אין אייזענבערגס מאַכאָרקע פאַבריק. ער איז אַרעסטירט געוואָרן פאַר באַזיצן אומלעגאַלע ליטעראַטור;

שעפּסעל, דער זון פון זלמן שאַיעס דעם שניידער. אַליין אויך אַ שניידער. אַ גאַנץ אינטעליגענטער, שאַרפע קאָפּ. האָט זיך באַטייליקט אין די לעקציעס און קרוזשקעס;

שמעון פליאָמבע, דעם נאָמען פליאָמבע האָט ער זיך דערוואָרבן אַ דאַנק זיין שווערער וואָג. שווער ווי בליי פון וואָס פלאָמבעס ווערן געמאַכט. ער איז געווען דער זון פון פייוול ריבעלער. פון פאַך איז ער געווען אַ פריקאַזטשיק. ער האָט פיל געהאָלפן אין אָרגאַניזירן זיין פאַך. ער איז געווען איינער פון די אַרעסטירטע אינם מאַסן־אַרעסט;

בענדעט, אַ זון פון דוד סטאָלער. ער איז אויך געווען אַ סטאָלער. ער האָט געהאָלפן אַ סך אין אָרגאַניזירן דעם סטאָלער פאַך אין ביעלסק. ער איז געווען אַ מיטגליד פון דער צענטראַלער סכאָדקע און איז געווען איינער פון די אַרעסטירטע אינם מאַסן־אַרעסט;

יצחקל, זיין נאָמען איז געווען יצחק, אַ קליין געוויקסיקער מיט

אַן אויסזען פון אַ יונגן ייִנגל, האָט מען אים גערופן „יצחקל". ער איז געווען דער זון פון נחום סופר, פון פאַך איז ער געווען אַ בלעכער. ער איז געווען אַ מיטגליד פון דער אַנאַרכיסטישער גרופּע, יצחקל האָט באַצאָלט מיט זיין לעבן פאַר אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד אין ביאַלי־סטאָק, וואו מען האָט אים געוואָלט אַרעסטירן.

מיידלעך פּיאָנערקעס

עטלעכע מיידלעך, וואָס האָבן געשפּילט אַ ראָליע אין דער רע־וואָלוציאָנערער באַוועגונג אין ביעלסק פאַרדינען פאַרצייכנט צו ווערן. זיי זיינען געווען די, וואָס האָבן געמאַכט די פאַרבינדונגען מיט די אַרבעטער מיידלעך פון פאַרשידענע פאַכן און האָבן זיי אַריינגעבראַכט אין דער אָרגאַניזאַציע. דאָס זיינען:

ראָכטשע, די טאָכטער פון פישקע דעם שניידער. פון פאַך איז זי געווען אַ הוטן־מאַכערין, אַ גאַנץ אינטעליגענטע מיידל. זי איז געווען אַ מיטגליד פון דער צענטראַלער סכאָדקע. זי האָט אויסגעאיבט אַ גוטן איינפלוס אויף די אַרבעטער־מיידלעך און האָט געטאָן אַ סך אַגיטאַ־ציע־אַרבעט.

שרה פייגע, אַ טאָכטער פון גרשון דעם שוסטער. פון פאַך איז זי געווען אַ שניידערקע, איז געווען אַ מיגליד פון דער צענטראַלער סכאָד־קע, האָט פיל בייגעשטייערט אין אָרגאַניזירן איר פאַך.

יענטע, אַ טאָכטער פון בריסקער מאַליער, פון פאַך אַ שניידערקע, האָט געהאַט איר אייגענע מאַסטערסקאַיע. די אָרגאַניזאַציע האָט זיך פיל באַנוצט מיט איר וואַרשטאַט פאַר פאַרשידענע צוועקן. זי איז געווען אַ מיטגליד פון דער צענטראַלער סכאָדקע.

שרהקע, די טאָכטער פון קלמן בער דעם בעקער, די פרוי פון שריי־בער פון די דאָזיקע שורות. זי האָט געאַרבעט ביי איר פאָטער אין בע־קעריי, האָט געהאָלפן פאַרקויפן די געבעקס; איז געווען אַ מיטגליד פון דער צענטראַלער סכאָדקע, איז געווען באַליבט ביי די אַרבעטער מיידלעך.

גאָלדע, אַ טאָכטער פון נחום דעם מלמד, אַ שניידערקע, האָט פיל געהאָלפן אין אָרגאַניזירן איר פאַך, איז געווען אַ מיטגליד פון דער צענטראַלער סכאָדקע.



ראָכטשע　　שרה פייגע　　יענטע

שרהקע

גאָלדע

אַט די אויסגערעכנטע מיידלעך זיינען דאָס געווען דער „בריק" דורך וועלכן די אָרגאַניזאַציע איז אַריבער צו די אַרבעטער מיידלעך, פון וועלכע עס איז שפּעטער אַרויסגעוואַקסן די שטאַרקע פאַכן פון אַרבעטער מיידלעך: שניידערקעס, וועש־נייטאָרינס, פאַבריק אַרבע־טאָרינס אין די טאַבאַק און גילדזן־פאַבריקן און אַנדערע.

די ראַיאָן אַרבעט און די באַדינגונגען

מיט דער אַרבעט איבער דעם ביעלסקער ראַיאָן הויבט זיך אָן די נייע תקופה. דער גענעראַל סטרייק האָט מער אָדער ווייניקער באַפּרידיקט די עקאָנאָמישע באַדערפעענישן פון די אַרבעטער. אָבער ביי דעם האָט זיך די אָרגאַניזאַציע ניט אָפּגעשטעלט. זי האָט גע־פילט, אַז עס איז איר פליכט צו טאָן פאַר די אַרבעטער פון ראַיאָן, דאָס, וואָס זי האָט געטאָן פאַר די אַרבעטער פון ביעלסק. פאַר דעם צוועק איז געשאַפן געוואָרן אַ ראַיאָנע סכאָדקע פון עטלעכע מיטגלי־דער פון דער צענטראַלער סכאָדקע מיט דעם שרייבער פון די שורות בראש. די אַרבעט אין ביעלסק האָט זיך באַגרענעצט אויפן געביט פון פּראָפּאַגאַנדע, לעקציעס, ליטעראַטור — לעגאַלע און אומלעגאַלע; די איבעריקע צייט האָבן מיר געווידמעט צו אָרגאַניזירן דעם ראַיאָן, וואָס איז נאָך געלעגן און געשלומערט אין זיין האַרטן שלאָף.

איך האָב זיך אַרויסגעלאָזט איבער די שטעט אַרום ביעלסק — ווי אָרלע, באָדקע, ברײנסק, סימיאַטיטש, קליעשטשעל און אַנדערע. און עס איז מיר געלונגען צו מאַכן פאַרבינדונגען מיט די דאָרטיקע אַרבע־טער און מיט דער צייט צו גרינדן דאָרטן אָרגאַניזאַציעס אונטער דער אויפזיכט פון דער ביעלסקער אָרגאַניזאַציע. עס איז אויך גע־לונגען דער אָרגאַניזאַציע צו פאַרקניפּן פאַרבינדונגען מיט אייניקע סטודענטן פון דער אויעזדנער „אוטשילישטשע", פון וועלכער עס איז שפּעטער אַרויסגעוואַקסן אַ סטודענטן אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט געטאָן גוטע אַרבעט צווישן אַלע שולן אין ביעלסק און האָט אַרויס־גערופן אַ סטודענטן סטרייק. פאַר דער אַרבעט צווישן די פּויערים אין די דערפער אַרום ביעלסק האָט דער צענטראַל קאָמיטעט פון דער

פּאַרטיי צוגעשיקט צו אונדז אַ קריסטלעכן יונגן חבר, און ער האָט זיך מיט דער דאָזיקער אַרבעט אָפּגעגעבן.

די צאָל אַרבעטער איבערן ראַיאָן איז געווען געשאַצט אַרום 500. דעם גרעסטן טייל פון זיי האָט געבילדעט די שטאָט סימיאַטיטש, וועלכע איז אויך געווען די גרעסטע שטאָט פון ראַיאָן. די פאַכן זיינען באַשטאַנען פון שוסטער, שניידער, קירזשנער, בעקערס, שלאָסערס, סטאָליאַרעס, גאַרבערס און אַרבעטער ביי געבויגענע מעבל, מיט וואָס עס האָט זיך אויסשליסלעך באַשעפטיקט די שטאָט סימיאַטיטש. און אַ דאַנק דעם האָט זי פאַרמאָגט דעם גרעסטן טייל אַרבעטער. מיט דעם אויסנאַם פון שלאָסערס און בעקערס זיינען די אַנדערע פאַכן געווען טאַנדעטנע אַרבעטער, האָבן ניט געאַרבעט פאַר באַשטעלונגען, נאָר פאַרן מאַרק אָדער יאַריד אין נאָענטע און ווייטע שטעט.

אָט די דאָזיקע טאַנדעט אַרבעט האָט געהאַט אַ באַזונדערע, אייגנאַרטיקע ווירקונג אויף די אַרבעטער, און אַ באַזונדערע שוועריקייט פאַר דער אָרגאַניזאַציע אַנצוגיין מיט איר אַרבעט איבערן ראַיאָן. די אַרבעטס באַדינגונגען, די שכירות, זיינען געווען אַזעלכע, וואָס ס׳איז גאָר שווער זיך פאָרצושטעלן. וואָס אַזעלכעס עס איז אַן אַרבעטס־טאָג האָט קיינער פון די אַרבעטער ניט געוואוסט. ווען דער מייסטער הייסט גיין אַהיים — גייט מען, ווען ער הייסט קומען — קומט מען. די שכירות זיינען פון יאָר, פון 10 ביז 100 רובל אַ יאָר, אַמאָל מיט עסן אָדער אָן עסן, מיט שלאָפן אָדער אָן שלאָפן. די באַהאַנדלונגען זיינען דווקא ניט געווען קיין שלעכטע. און דאָס איז געווען צו פאַרדאַנקען די אייגנאַרטיקייט פון די טאַנדעט אַרבעט איבערן ראַיאָן, וואָס איז געווען די איבערבלייבעכץ פונם פעאָדאַליזם. אָט די טאַנדעטניקעס, די באַלעבאַטים, זיינען דאָס געווען די לעצטע פון די „וואַנדערנדע אַרבעטער״, פון יענע אַרבעטער, וואָס פלעגן אַרומוואַנדערן מיט זייער געצייג און אַ זאַק אויפן פלייצע פון דאָרף צו דאָרף, אָפּשטעלן זיך אויף עטלעכע טעג אָדער עטלעכע וואָכן צו באַנייען, באַשוכן, אָדער אַנדערע מינים אַרבעט פאַרן גאַנצן דאָרף. ענדלעך האָבן זיך אויפגענומען אַזעלכע וואַנדערנדע אַרבעטער, האָבן צוגעגרייט שיך, שטיוול, היטלען, מאַנטלען, מעבל און אַנדערעס גענוג

פאַר אַ סך דערפער, האָבן דאָס געבראַכט אויף די מערק און יאַרידן צו פאַרקויפן. אַנשטאָט צו גיין איבער די דערפער צו די פויערים, זיינען די פויערים פון די דערפער געקומען צו זיי אויף די מערק און יאַרידן.

אָט די טאַנדעטניקעס זיינען צום גרעסטן טייל געווען משפּחה: ברידער, שוואָגערס, שוועסטערקינדער און אַזוי ווייטער. און ווען זיי האָבן אַנגעפאַנגען פאַרמערן זיך האָבן זיי אַריינגענומען זייערע קרובים און נאָענטע. אַזוי אַרום איז דאָס געוואָרן אַ „פאַמיליע־אַנגעלעגנהייט", און פאַמיליע, אייגענע, האָט מען באַהאַנדלט ווי אייגענע, און דאָס האָט פיל־פאַך פאַרערגערט און שווערער געמאַכט די אַרבעט פון דער אָרגאַניזאַציע. צו אָרגאַניזירן זיי איז געווען שווער, און נאָך שווערער איז געווען אויפצוהויבן זיי, זיי זאָלן אַרויסטרעטן קעגן זייערע איי־גענע פאַרוואַנדטע.

אַ פּראָקלאַמאַציע פאַרן ראַיאָן

כדי צו באַזייטיקן די דערמאָנטע שוועריקייטן איז באַשלאָסן געוואָרן אָפּצודרוקן אַ פּראָקלאַמאַציע. זי איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אויפן „היסטאָרישן בוידעם", אַ העקטאָגראַפישע. דאָס איז געווען אַ ווענדונג צו אַלע אַרבעטער פון ראַיאָן אויפצושטיין און אויסקעמפן בעסערע אַרבעטס־באַדינגונגען, אַזעלכע, אין וועלכע עס לעבן די אַרבעטער אין ביעלסק און פון די שכנישע שטעט. די פּראָקלאַמאַציעס זיינען צעשיקט געוואָרן איבער אַלע שטעט פון ראַיאָן.

די ווירקונג פון דער דאָזיקער ערשטער פּראָקלאַמאַציע איז געווען אַ גרויסע. זי האָט אַנגעוואָרפן אַ שרעק אויף די מייסטערס. די ראַיאָנע סכאָדקע האָט דאָס אויסגענוצט און האָט אָנגעהויבן גרייטן דעם ראַיאָן פאַר אַ קאַמף פאַר בעסערע אַרבעטס באַדינגונגען. עס זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן קלענערע און גרעסערע פאַרזאַמלונגען מיטן שרייבער פון די דאָזיקע שורות ווי דעם רעדנער. אַמאָל האָט נאָך אַ מיטגליד פון דער ראַיאָנער סכאָדקע גערעדט. קיין קאַמפן אין פולן זין פון וואָרט זיינען אָבער ניט פאָרגעקומען. צום גרעסטן טייל

זיינען די פאָדערונגען פון די אַרבעטער געשליכטעט געוואָרן אָן סטרייקס. אָן אויסנאַם איז געווען די שטאָט אָרלע, וואו עס זיינען פאָרגעקומען עטלעכע סטרייקס אין אַ קליינעם פאַרנעם. גרעסערע קאַמפן זיינען פאָרגעקומען אין סעמיאַטיטש.

אויף אַזאַ פאַרזאַמלונג האָט אַפילו גערעדט אַ פוילישער רעדנער, אָבער קיינער האָט ניט געקענט הערן. ער איז געווען הייזעריק פאַר־קילט פון פאָרן אַ גאַנצע נאַכט אין אַ בויד. די קריסטלעכע אַרבעטער האָבן דאַן דערקלערט, אַז זיי פאַרשטייען גוט יידיש, „זאָל דעריבער ריידן אַ יידישער רעדנער!” איך בין דאַן אַזוי אַרום געווען דער איינציקער רעדנער. נאָך דער פאַרזאַמלונג איז די גאַנצע מאַסע, זינגענדיק רעוואָלוציאָנערע לידער, אַריין אין שטאָט.

כאַראַקטעריסטיש זיינען געווען די פאַרזאַמלונגען אין דער שטאָט באַדקע. זיי האָבן געטראָגן אַן אייגנאַרטיקן כאַראַקטער. דאָס איז געווען אַ קלענערע שטאָט, וואו די גאַנצע פּאָליציי מאַכט איז באַ־שטאַנען פון אַן אוראַדניק מיט עטלעכע געהילפן. פאַר אַ פאַרזאַמ־לונג פלעגט מען דעם אוראַדניק אַרייננעמען אין אַ שענק אַריין און גוט אָנשיכורן ביז ער איז איינגעשלאָפן — דאַן פלעגט מען זיך פאַרזאַמלען אין אַ בית־מדרש, האַלטן רעדעס, פּלאַנירן געוויסע אַרבעטן אויפן גאַנצן זיכער.

די אַרבעט צווישן די פּויערים אין די דערפער

עס איז שוין פריער דערמאָנט געוואָרן אַז פאַר דער אַרבעט אין דערפער אַרום ביעלסק האָט דער צענטראַל קאָמיטעט צוגעשיקט אַ קריסטלעכן חבר. זיין קוואַרטיר איז געווען אויף דעם „היסטאָרישן” בוידעם. ער פלעגט זיך אָבער דאָרטן זייער ווייניק אויפהאַלטן. פאַר־קליידט ווי אַ פּויער, מיט אַ זאַק אויף די פּלייצעס, אין וועלכן ס'האָט זיך געפונען ליטעראַטור, פלעגט ער פאַר וואָכן פאַרפאַלן גיין און וואַנדערן פון דאָרף צו דאָרף, פאַרקניפּן פאַרבינדונגען מיט פּויערים, פלעגט איבערלאָזן פּראָקלאַמאַציעס, בראָשורן, און פאַרשווינדן. מיט אַ צייט שפּעטער זיך ווידער באַווייזן אין זעלבן דאָרף און אָנהויבן וואו ער האָט לעצטנס איבערגעלאָזן. פלעגט ער באַמערקן אַז עס ווערט

אַ ביסל געפּערלעך, פּלעגט ער קומען קיין ביעלסק, בלייבן דאָ אַ קורצע צייט און זיך ווייטער לאָזן אין וועג אַריין.

איינמאָל בין איך געווען צוזאַמען מיט אים אויף אַ קאָנפערענץ אין ווילנע, וואו איך האָב זיך געטראָפן מיט אַזעלכע באַרימטע חברים ווי סלאַוועק, רעדאַקטאָר פון „וואלקא״, אַ יונגן פּוילישן רעד־נער, דאַכט זיך אַנטאַניק, און אַדוואָקאַט אַבראַמאָוויטש. ער האָט דאָרט באַריכטעט פון זיין אַרבעט אין די דערפער אַרום ביעלסק. די קאָנ־פערענץ איז געווען צופרידן מיט זיין אַרבעט. אַן אַנדער באַווייז אַז ער האָט געהאַט דערפאָלג איז געווען דער באַפעל פון איספּראַוו־ניק, אַז מען זאָל זוכן און כאַפּן דעם יונגן פּראָפּאַגאַנדיסט, וואָס פאָרט אַרום איבער די דערפער. מען האָט אים אָבער ניט געכאַפּט.

אונדזער אַרבעט צווישן דער שול־יוגנט

אין דער „אויעזדנער אוטשילישטשע״ זיינען געווען תלמידים צווישן 15 און 20 יאָר. אַ סך פון זיי זיינען געקומען פון די אַרומיקע דערפער. מען פלעגט זיי ברענגען מיט די פורן אין דער פרי און נעמען אַהיים נאָך די אורקן לעקציעס. די, פון די ווייטערע דערפער פלעגן האָבן קוואַרטירן אין ביעלסק גופא, און פרייטיק פלעגן זיי פאָרן אַהיים. די אַדמיניסטראַציע האָט געוואָלט וויסן וואָס די תלמידים טוען אין דער היים אין די אָוונטן, ווי אַזוי פאַרברענגען זיי די פרייע טעג. דאָס איז די תלמידים ניט געפעלן געווען. די למודים זיינען זיי אויך ניט געווען שטאַרק צום האַרצן. מיט דער אומצופרידנקייט פון די תלמידים איז געוואַקסן די שטרענגקייט פון דער אַדמיני־סטראַציע, וואָס האָט קאָנטראָלירט יעדן אוטשעניק. די שילערס האָבן זיך שוין אָנגעהערט אַ סך וועגן די סטרייקס, אַרעסטן און דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

פון אייניקע ביעלסקער שילערס פון דער אויעזדנער אוטשילי־שטשע האָט די אָרגאַניזאַציע זיך דערוואוסט וועגן די שטימונגען צווישן דער יוגנט פון דער דאָזיקער שול. די אינפאָרמאַציע איז געקומען פון אַ תלמיד סטאַוווסקי, אַ זון פון דעם פּראָשעניע־שרייבער. דער דאָזיקער סטאַוווסקי איז געווען אַן איידעם פון תנחום דעם לע־

דער־קרעמער, און דורך אים האָט די אָרגאַניזאַציע זיך פאַרבונדן מיט עטלעכע תלמידים, פון וועלכע ס׳איז מיט דער צייט אויסגעוואַקסן די „סטודענטן אָרגאַניזאַציע״. זי האָט צוגעצויגן אַ סך תלמידים. מיר האָבן זיי צוגעשטעלט אומלעגאַלע ליטעראַטור און רעדנערס צו די פאַרזאַמלונגען. די פאַרזאַמלונגען זיינען געווען דערפאָלגרייכע. די רעדנער, אוניווערסיטעט־סטודענטן האָבן געמאַכט זייער אַ גוטן איינדרוק אויף די פאַרזאַמלטע. נאָך אָט די פאַרזאַמלונגען האָבן מיר געשלאָסן ענגערע פאַרבינדונגען מיט דער „סטודענטן אָרגאַניזאַציע״ און געהאַט געמיינשאַפטלעכע באַראַטונגען.

עטלעכע חדשים שפּעטער האָט די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע באַשלאָסן אָנצוהויבן אַן אַגיטאַציע פאַר אַ סטרייק אין דער אויעזדנער אוטשילישטשע.

דער סטרייק

די סטודענטן אָרגאַניזאַציע האָט איבערגעגעבן אונדזער אָרגאַניזאַציע דעם באַשלוס צו סטרייקן און האָט פאַרלאַנגט הילף אין אָרגאַניזירן דעם סטרייק. זי האָט אויך איבערגעגעבן די פאָדערונגען וואָס זי האָט אויסגעשטעלט: מילדערן די שטרענגקייט פון דער שול־אַדמיניסטראַציע, אַרונטערנעמען די קאָנטראָל איבער זייער פרייער צייט און ענדערן די לימודים.

עטלעכע וואָכן צייט האָבן געדויערט די צוגרייטונגען, און ווען אַלץ איז געווען פאַרטיק — איז פאַררופן געוואָרן אַ פאַרזאַמלונג פון די תלמידים פון דער אויעזדנער אוטשילישטשע און מען האָט זיי איבערגעגעבן וועגן דעם באַשלוס פון סטרייקן. עס איז אויך זיי איבערגעגעבן געוואָרן געוויסע אינסטרוקציעס ווי זיי זאָלן זיך האַלטן און וואָס זיי זאָלן טאָן.

אין איין פרימאָרגן, ווען די תלמידים זיינען געקומען אין שולע זיינען זיי אַלע אַריין אין דעם גרויסן שול־זאַל, און ווען די לערער זיינען אַריינגעקומען האָבן זיי פאָרגעלייגט פאַר זיי זייערע פאָדערונגען. די אָרגאַניזאַציע האָט אין דער זעלבער צייט לויט אַן אויסגעאַרבעטן פלאַן צוגעשיקט דריי מיטגלידער: שעפסל, זלמן שאַיעס,

דער שרייבער פון די שורות און מיין ברודער העזשע. אַזוי שנעל ווי די תּלמידים האָבן פאַרגעלייגט זייערע פאָדערונגען זיינען זיי (די דריי) אַריין אינעווייניק אינם גרויסן זאַל און האָבן געמעלדעט אין נאָמען פון דער ביעלסקער אָרגאַניזאַציע אַ סטרייק, ביז די פאָ־דערונגען וועלן ניט נאָכגעגעבן ווערן. די סטודענטן האָבן אין גרויס איילעניש גענומען שפּרינגען דורך די פענסטער, לויפן צו די טירן, און אין אייניקע מינוטן שפּעטער איז די גאַנצע שולע געבליבן ליידיק. די תּלמידים האָבן גרופּנווייז זיך געלאָזן אין שטאָט אַריין.

די באַפעלקערונג האָט זיך געוואונדערט און ניט געקענט פאַר־שטיין וואָס האָט דאָ פּאַסירט.

דער סטרייק האָט געדויערט דריי וואָכן צייט. אייניקע תּלמידים זיינען זיך צעפאָרן אַהיים. די ביעלסקער און די פון די נאָענטע דערפער אָבער זיינען געבליבן אין שטאָט. אויף דער פּערטער וואָך האָט די אַדמיניסטראַציע געלאָזט וויסן, אַז זי איז גרייט צו פאַרהאַנד־לען מיט די תּלמידים וועגן געוויסע רעפאָרמען, אָבער וואָס שייך די לימודים קען זי גאָרניט טאָן, ווייל זיי ווערן באַשטימט פון דעם בילדונגס דעפּאַרטאַמענט. די תּלמידים האָבן זיך באַראָטן וועגן דעם פאָרשלאַג פון דער אַדמיניסטראַציע און האָבן באַשלאָסן דאָס אָנצונעמען און פאַרענדיקן דעם סטרייק.

אין שטאָט האָבן אַלע באַוואונדערט און געלויבט די גוטע האַל־טונג און די פירונג פון דער אָרגאַניזאַציע. די תּלמידים אָרגאַני־זאַציע איז שטאַרק אויסגעוואַקסן.

די אָנגעזעעוודיקייט פון דער אָרגאַניזאַציע אין שטאָט איז גע־וואַקסן ספּעציעל נאָך דעם סטרייק פון די תּלמידים. אונדזער אָר־גאַניזאַציע, וואָס האָט אָנגעהויבן שליכטן פאַרשידענע סכסוכים און ביי וועלכער מען האָט געזוכט גערעכטיקייט און יושר, איז אַזוי אַרום געוואָרן אַ גרויסער קאָנקורענט פאַר די געריכטן און אפילו פאַר „בית דין". דער פּרייז פון די דערפּאָלגן זיינען געווען אַרעסטן און פאַרפאָלגונגען מצד דער פּאָליציי.

די אַרעסטן

דער ערשטער אַרעסט אין ביעלסק

פון די אַלע אַרעסטן וואָס זיינען פאָרגעקומען אין ביעלסק האָט דער אַרעסט פון דעם שרייבער פון די דאָזיקע שורות געמאַכט דעם גרעסטן רושם אין שטאָט. דאָס איז שוין געווען דער צווייטער אַרעסט.

דער ערשטער אַרעסט אין ביעלסק איז פאָרגעקומען אָנהויב ווינטער 1904. די ריכטיקע דאַטע געדענק איך ניט. די אַרעסטירטע זיינען געווען מיישקע און הושיה. זיי האָבן געטראָגן מיט זיך אומלעגאַלע ליטעראַטור. מען האָט זיי אָוועקגעפירט אין דער פּאָליצייסקע אופּראַוולעניע און דאָרט געהאַלטן. ווען דער „זשאַנדאַר־מייסטער" איז פאַרטיק געוואָרן מיט זיין ערשטן „דאָפּראָס" האָט מען זיי אָפּגעשיקט אין דער ביעלסקער טורמע.

אַן און פאַר זיך איז דער ערשטער ביעלסקער אַרעסט ניט קיין אויסערגעוויינלעכע זאַך און וואָלט ער ניט געווען דער ערשטער — וואָלט ער אפשר ניט געמאַכט אַזאַ גרויסן רושם ווי ער האָט געמאַכט. די אויסערגעוויינלעכע אומשטענדן אַרום דעם אַרעסט האָבן אָבער אַרויסגערופן פאַרוואונדערונג. קיינער האָט ניט געקענט באַגרייפן די אומפאַרזיכטיקייט פון די אַרעסטירטע און פון די אָנפירער פון דער אָרגאַניזאַציע. די אַרעסטירטע זיינען דאָך פשוט אַריינגעקראָכן אין די הענט פון דער פּאָליציי. מען האָט דאָך זיי ניט אַרויסגעשלעפּט פון זייערע בעטן ביינאַכט, ווי דאָס איז געווען דער פאַל אין גרעסטן טייל אַרעסטן, און מען האָט דאָך ניט געזוכט און גענישטערט אין זייערע היימען. דער פאַקט גופא וואָס דער צווייטער אַרעסט איז פאָרגעקומען בלויז צוויי וואָכן נאָכן ערשטן,

איז פון אַלעמען אָנגענומען געוואָרן ווי אַ רעזולטאַט פון ערשטן אַרעסט.

דער צווייטער אַרעסט אין ביעלסק וואָס איז פאָרגעקומען מיט צוויי וואָכן נאָך דעם ערשטן, האָט גלייך אַרויסגערופן ביי אַלעמען, סיי ביי דער באַפעלקערונג און סיי ביי דער אָרגאַניזאַציע, אַ פאַר־דאַכט, אַז דאָס איז אַ רעזולטאַט פון דעם ערשטן אַרעסט; דאָס הייסט — די ערשטע אַרעסטירטע אין ביעלסק, מיישקע און הושיע (יהושע) האָבן אַרויסגעגעבן מיך, דעם אָנפירער פון דער ביעלסקער באַוועגונג, וועלכער איז געווען דער דריטער אַרעסטירטער אין ביעלסק בכלל. שפּעטער איז קלאָר געוואָרן, אַז דאָס איז טאַקע געווען אַזוי און דאָס האָט איבערגעלאָזן אַ שלעכטן איינדרוק. אָבער די פאַקטן ציינן, אַז עס איז ניט געטאָן געוואָרן אַבזיכטלעך.

צוויי וואָכן נאָך דעם ערשטן אַרעסט האָב איך געשפּאַצירט מיט עטלעכע מיטגלידער פון דער אָרגאַניזאַציע אויף ביעלאָוויעזשער שאָ־סעי, וואָס פירט קיין אָרלע, איז אונדז פאַרבייגעפאָרן אין אַ פאָטשטאָ־ווער קאָרעטע דער זשאַנדאַרמייסטער מיט פּאָליציי און זשאַנדאַרן. נאַטירלעך האָט דאָס אַרויסגערופן ביי אונדז פאַרדאַכט. פאַרשידענע השערות זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן וועגן דעם צוועק פון זייער רייזע, אָבער באַשטימט האָט קיינער ניט געקענט זאָגן. מיר האָבן דעריבער באַשלאָסן אַכטונג צו געבן, אויב אויף זייער וועג צוריק וועלן זיי ברענגען מיט זיך אַרעסטירטע. שפּעט אין אָוונט איז דער זשאַנדאַרמייסטער מיט זיין סוויטע צוריקגעקומען, אָבער ניט מיט־געבראַכט קיינעם מיט זיך. די דאָזיקע רייזע איז פאַר אונדז געבליבן ניט אויפגעקלערט. אָבער אַזוי ווי דער זשאַנדאַרמייסטער איז גע־בליבן אין זיין גאַסטיניצע ביי ראובן צוקערניק און איז ניט צוריק־געפאָרן אַהיים קיין בריסק — האָבן מיר פאַרדעכטיקט, אַז אַרעסטן וועלן פאָרקומען.

אַרום דריי אַזייגער פאַרטאָג האָט פּאָליציי און זשאַנדאַרן אַרומ־גערינגלט אונדזער הויז און אָנגעהויבן קלאַפּן אין די לאָדנס פון די פענסטער. איך מיט מיין ברודער העזשע זיינען געשלאָפן אויפן צווייטן עטאַזש, אויף דעם „היסטאָרישן" בוידעם. מיר האָבן דאָס גלייך דערהערט. עס איז אַרויפגעלאָפן אַן אַנדער ברודער, אָשר,

וועלכער איז געשלאָפן אויפן אונטערשטן עטאַזש, און געלאָזט וויסן, אַז די פּאָליציי איז דאָ. איך האָב אים געזאָגט זיך ניט צו שרעקן, ווייל זיי וועלן גאָרניט געפינען. מיין פאָטער האָט געעפנט די טיר און די זשאַנדאַרמען האָבן זיך גלייך אַלאָז געטאָן אויפן בוידעם און האָבן אָנגעקלאַפּט אין טיר. איך האָב די טיר באַלד געעפנט.

— וואו איז בערל ? — האָט דער זשאַנדאַרמייסטער שטרענג אַ פרעג געטאָן.

— איך בין בערל — האָב איך געענטפערט.

— און ווער איז דאָרטן ? — האָט ער געפרעגט און אָנגעוויזן אויף דעם וואָס איז געלעגן אין דער אַנדערער בעט.

— דאָס איז מיין ברודער הערשע, — האָב איך געענטפערט.

— גייט צוריק אין בעט אַריין ! — האָט ער מיר געהייסן און האָט אַ קאָמאַנדע געטאָן : „אָביסקאָוואַט !".

מען האָט געזוכט אין מיין ברודערס בעט, אין מיין בעט. דער פּראָקוראָר און ער זיינען געגאַנגען זוכן אין אַנדערע צימערן. זוכנדיק אין מיין בעט און אונטערן בעט האָט איין זשאַנדאַר מיר אַ זאָג געטאָן גאַנץ פאָרזיכטיק : „שפּיצקאָווסקי וויסקאַזאַל" (שפּיצקאָווסקי האָט אויסגעזאָגט). דאָס איז געווען מיישקעס פאַמיליע־נאָמען.

דאָס האָט מיר אַ ברען געטאָן. הייסט דאָס מען האָט מיך אַרויסגעגעבן. איך האָב זיך אָבער געשטאַרקט, צוזאַמענגענומען מיינע נערוון און געהאַלטן זיך רואיק.

מען האָט גאָרניט געפונען. אָבער מען האָט מיר געהייסן זיך אָנטאָן. איך האָב זיך אָנגעטאָן. אַרונטער מיט דער גאַנצער סוויטע. זיי האָבן אין מיין קעגנוואַרט באַזוכט די „אַליינע" און האָבן פון ערגעץ אַ לאָך אַרויסגעשלעפּט אַ שטיקל פאַרשמירטן פּאַפּיר. דאָן זיינען מיר אַריין אין הויז. דער זשאַנדאַרמייסטער מיטן פּראָקוראָר האָבן צעלייגט אויפן טיש זייערע פאָרטפעלן מיט פּאַפּירן. מיך האָבן זיי צוגערופן צו זיך, האָבן אָנגעהויבן שטעלן פאַרשידענע פראַגן. צום אַלעם ערשטן האָבן זיי געוואָלט וויסן וואָס איז דאָס פאַר אַ פּאַפּיר, געבנדיק מיר דעם שטיקל פאַרשמירטן פּאַפּיר. איך האָב דאָס פּאַפּיר באַטראַכט, געלייענט און זיך דערמאָנט וואָס דאָס איז. דאָס איז געווען אַן אויסצוג פון אַן אַרטיקל פון אַ בראָשורע

פון די „סאָציאַליסטישע רעוואָלוציאָנערן", וואָס אַ פּראָפּאַגאַנדיסט, וואָס פלעגט גיין איבער די דערפער האָט פאַר מיר איבערגעשריבן, ווייל ער האָט מיר די בראָשורע ניט געקענט געבן.

ווען איך בין פאַרטיק געוואָרן מיטן אַרטיקל האָב איך דאָס פּאַפּיר אַריינגעלייגט מיט דער אומלעגאַלער ליטעראַטור. וואַרשיינלעך איז דאָס אַמאָל אַרויסגעפאַלן פון אַ פּעקל און אַן אַלטער אַרבעטער אונדזערער האָט דאָס אויפגעהויבן, ניט וויסנדיק וואָס דאָס איז אַזוינס, און האָט עס באַנוצט פאַר פּאַפּיראָסן פּאַפּיר.. דאָס איז מיר געווען פאַרשטענדלעך פון די פּירעקיקע שטיקלעך פּאַפּיר וואָס די זשאַנדאַרמען האָבן געפונען און מיר געוויזן.

— ווי קומט דאָס דאָרטן וואו מען האָט דאָס געפונען?

איך האָב געענטפערט אַז איך ווייס ניט. דער זשאַנדאַרמייסטער האָט אַריינגעלייגט דאָס שטיקל פאַרשמירטע פּאַפּיר אין זיין פּאָרטפעל און האָט מיר געפרעגט צי איך קען שפּיצקאָווסקין און זאַבלודאָווסקין? דאָס זיינען געווען די פאַמיליע־נעמען פון מיישקען און הושיען. — ניין, — האָב איך געענטפערט. — איך קען זיי ניט. — דו קענסט זיי ניט? — איז ער געוואָרן צודרינגענדער. די גאַנצע שטאָט קען זיי און דו ניט! — איך קען זיי ניט, — האָב איך געהאַלטן ביי מיינס. — האָסטו געהערט פון צוויי יונגעלייט וואָס זיינען מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק אַרעסטירט געוואָרן דאָ אין שטאָט? — האָט ער געפרעגט. — יאָ, — האָב איך געענטפערט. — דאָס זיינען דאָך שפּיצקאָווסקי און זאַבלודאָווסקי, — האָט ער מיר געפּרובירט כאַפּן ביי אַ ליגן. — איך קען זיי אַלס מיישקע און הושיהע, ניט אַלס שפּיצקאָווסקי און זאַבלודאָווסקי, — האָב איך אים געענטפערט. ער האָט זיך איבערגעקוקט מיטן פּראָקוראָר מיט אַ שמייכעלע וואָס האָט באַטייט ניט קיין אַנדער זאַך ווי צו זאָגן: אַ כיטרע קערל!...

— פון וואַנען קענסטו זיי? — האָט ער מיר געפרעגט. — איך בין געגאַנגען מיט זיי צוזאַמען אין חדר — האָב איך געענטפערט.

צוויי אינצידענטן וואָס האָבן פאַר אַ ווײַלע איבערגעריסן דאָס אויספרעגן זיינען ווערט פאַרצייכנט צו ווערן. זוכנדיק אין דער „אליינע" האָט דער זשאַנדאַרמייסטער זיך פאַרשמירט מיט סאַזשע דאָס פּנים. זייענדיק לעבן אים האָב איך דאָס דערזען. זאָג איך צו אים:

— איר זייט פאַרשמירט! — קוקט ער מיך אָן און קען זיך ניט באַשליסן צי איך שפּאַס פון אים, צי איז דאָס טאַקע אמת, און פרעגט מיך: — „טשטאָ טאַקאָיע״? (וואָס אַזוי?) זאָג איך אים נאָכאַמאָל דאָסזעלבע. — „זערקאַלאָ אימעיעטע?״ (אַ שפּיגל האָסטו?) — פרעגט ער ביי מיר. האָב איך אים צוגעטראָגן אַ שפּיגל. ער האָט אַריינ־געקוקט, האָט אָנגעפאַנגען שמייכלען. — „ספּאַסיבאָ״ (אַ דאַנק) — האָט ער זיך געווענדעט צו מיר און האָט זיך אַרומגעוואַשן. אין דעם מעלדעט איין זשאַנדאַר אַז ער דענקט, אַז איך האָב פּאַפּיר אין מיינע קעשענעס. אָט די באַמערקונג, דאַרף דערקלערט ווערן, איז געווען געצילט ניט קעגן מיר, נאָר קעגן דעם צווייטן זשאַנדאַר מיט וועמען ער איז געווען צעקריגט.

— לייג אַרויס אַלע פּאַפּירן! — האָט מיר דער זשאַנדאַר גע־הייסן. איך האָב אַרויסגעלייגט אַלע פּאַפּירלעך פון מיינע קעשענעס. ער האָט זיי איבערגעקוקט, גאָר ניט געפונען און האָט זיי מיר צוריק געגעבן. — צו וואָס טראָגסטו זיך אַרום מיט די פּאַפּירלעך? — פרעגט ער, — צו וואָס דאַרפסטו דאָס האָבן? — „נאַ מיאַכקאָיע דיע־לאָ״! (פאַר ווייכע אַרבעט) — האָב איך געענטפערט. וואָס דאָס באַדייט האָט ער געוואוסט. ער האָט זיך איבערגעקוקט מיטן פּראָ־קוראָר און האָבןביידע געלאַכט. נאָך אָט דעם איבעררייס האָט ער זיך ווידער גענומען אויסצופרעגן מיר: — ביסט גראַמאָטנע? — האָט ער מיר געפרעגט. — ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט אַז איך בין „גראַמאָטנע״. וואָלט ער ניט געוואוסט, וואָלט ער מיר דאָך ניט געגעבן צום לייענען דאָס פאַרשמירטע פּאַפּיר. ער האָט אָבער גע־דאַרפט האָבן מיין באַשטעטיקונג אַז איך קען לייענען און שרייבן. צו וואָס ער האָט עס געדאַרפט האָבן האָב איך ערשט שפּעטער אויסגעפונען. — יאָ, איך בין גראַמאָטנע, — האָב איך געענטפערט. האָט ער מיר דערלאַנגט פּאַפּיר און אַ פּען און האָט מיר דיקטירט וואָס איך זאָל שרייבן, אויף יידיש און רוסיש.. איך האָב געשריבן וואָס ער האָט מיר געהייסן, פריער אויף רוסיש און דאַן האָב איך דאָס איבערזעצט אויף יידיש. ער האָט צוגענומען ביי מיר דאָס אָנגעשריבענע, האָט דאָס אַריינגעלייגט אין פּאָרטפעל, האָט דאַן אָנגעשריבן אַ פּראָטאָקאָל און האָט דאָס געלייענט פאַר מיר. דער

אינהאַלט איז געווען, אַז דעם און דעם טאָג איז געמאַכט געוואָרן אַן „אַביסק" אין הויז פון דעם און דעם, און מען האָט געפונען אַ שטיקל פּאַפּיר וואָס זעט אויס צו זיין פאַרדעכטיק.

פאַרטיק געוואָרן מיטן פּראָטאָקאָל האָט ער זיך געווענדט צו מיר: — און איצט קום מיט אונדז אין מיין גאַסטיניצע. מיר דאַרפן זיך אַביסל דורכשמועסן!

ער איז איינגעשטאַנען אין ראובן צוקערניקס גאַסטיניצע אויף פאַראַדנעם פּלאַץ, ניט ווייט פון אונדזער הויז. האָט מען מיר אונטער די אָרעמס אָוועקגעפירט אין זיין צימער אין דער גאַסטיניצע.

אין צימער זיינען מיר דריי אַריין: דער זשאַנדאַרמייסטער, דער פּראָקוראָר און איך, זיך געזעצט אַרום אַ טישל אויף וועלכן זיי האָבן צעלייגט די פּאַרטפּעלן. דער זשאַנדאַרמייסטער האָט אַרויסגענומען אַ שטיקל אויפגעלייגטן פּאַפּיר פון זיין פּאָרטפּעל און האָט דאָס מיר דערלאַנגט. — אַ בריוו פון דיין פריינד פון טורמע, — האָט ער באַמערקט. איך האָב גענומען דעם שטיקל פּאַפּיר, דאָס פאַנאַנדערגענומען, אַרומגעקוקט פוןביידע זייטן און האָב אָנגעהויבן צו לייענען. עס איז מיר פינסטער געוואָרן אין די אויגן. איך האָב דערפילט ווי אימיצער וואָלט מיר מיט עפּעס אַ שטאַרקן קלאַפּ געטאָן אַבערן קאָפּ.

דאָס איז געווען אַ בריוו געשריבן מיט אַ בליישטיפט פון מיישקען צו מיר. אויסגעשריבן מיט אַלע איינצלהייטן אַלץ וואָס עס האָט פּאַסירט מיט אים און הושיעהען, פון יענער מינוט, וואָס זיי האָבן ביי מיר צוגענומען די אומלעגאַלע ליטעראַטור, ביז דער צייט וואָס זיי געפינען זיך איצט אין טורמע. מיינע אויגן האָבן ניט געגלויבט, וואָס זיי זעען. איך האָב זיך פאַר קיין פאַל ניט געקענט פאָרשטעלן, אַז מיישקע, אַן ערפאַרענער מענטש אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג זאָל זיין אַזוי אומפאָרזיכטיק און ניט קאָנספּיראַטיוו. און איך האָב געהאַט גרויסע שוועריקייטן צו באַהאַלטן מיינע שווערע איבערלעבונגען פון די אויגן פון זשאַנדאַרמייסטער און פּראָקוראָר, וואָס זיינען געווען געריכטעט אויף מיין פּנים.

איך האָב דעם בריוו געלייענט און געלייענט. דעם אינהאַלט פון בריוו האָב איך שוין געוואוסט, איך האָב אָבער געוואָלט געווינען

צייט צו באַשליסן וואָס צו ענטפערן. איך האָב באַשלאָסן צו לייקע־נען אַלץ. צוגעבן וועל איך קיינמאָל ניט פאַרשפּעטיקן. דאָס ערגסטע וואָס זיי קענען טאָן, האָב איך געקלערט, איז שיקן מיר אין טורמע; נו, וועל איך דאָרטן דורך וועלכן עס איז אופן זיך פאַרבינדן מיט מיישקען און יהושיהען און דאַן וועל איך וויסן ווי צו האַנדלען.

באַשלאָסן, האָב איך דעם בריוו צוריקגעגעבן צום זשאַנדאַר־מייסטער.

— וואָס האָסטו צו זאָגן וועגן דעם בריוו? — האָט מיר דער זשאַנדאַרמייסטער געפרעגט.

— גאָרניט — האָב איך געענטפערט.

— וואָס הייסט גאָרניט? — איז ער בייז געוואָרן. — איז דאָס ניט פון דיין פריינד מיישקען?

— ניין! — האָב איך געענטפערט.

— ער שרייבט דאָך אָבער צו דיר אויף דיין נאָמען?

— יאָ, — האָב איך געענטפערט, — ער שרייבט טאַקע צו בערלען, אָבער איך בין דאָך ניט דער איינציקער בערל אין ביעלסק.

— הייסט דאָס, אַז דו לייקנסט אַלץ! — איז ער געוואָרן אויפ־גערעגט.

— יאָ, — האָב איך רואיק געענטפערט.

געזען אַז מיט בייזן וועט ער גאָרניט אויפטאָן, איז ער געוואָרן אַ ביסל ווייכער. ער האָט מיר געראָטן פון מיין „טובה" וועגן, זיך מודה צו זיין פּונקט ווי דאָס האָבן געטאָן מיישקע מיט הושיהען און דער־ציילן וואו זיי האָבן גענומען די ליטעראַטור, וואוהין זיי האָבן דאָס געטראָגן. — מיישקע האָט אויך דערציילט, אַז ער האָט דיך גע־האָלפן איינבינדן ביי דיר אויפן בוידעם די בראָשורן און דאָס זעלבע שרייבט ער דיר אין בריוו, וואָס ער האָט אָנגעשריבן און געוואָלט דורך עמיצן אַרויסשיקן צו דיר און האָט דאָס ניט באַוויזן. מען האָט דאָס געפונען ביי אים אין דער „נאַרע", ערגעץ פאַרשטעקט, ביי דער וועכנטלעכער „אַביסק". נו, וואָס פאַר אַ זין האָט דאָס פאַר דיר צו לייקענען ווען מיר וויסן שוין אַלץ? נו וואָס וועסטו טאָן? וועסט זיך מודה זיין צי ניט?

— ניין! — האָב איך געענטפערט.

— הייסט דאָס דו לייקנסט אַלץ? — האָט ער זיך שטרענג גע־ווענדט צו מיר.

— מאַלע וואָס זיי זאָגן, מאַלע וואָס זיי שרייבן, — האָב איך זיך געהאַלטן ביי מיינס.

— מיר וועלן דיך שוין איבערצייגן ווער עס זאָגט דעם אמת! — האָט ער מיט כעס זיך געווענדט צו מיר. דערווייל וועלן מיר דיר שיקן אין טורמע צו דיינע פריינד.

ער האָט אָנגעשריבן אַ פּראָטאָקאָל, אַז אויפן יסוד פון די אויס־זאָגונגען פון מיישקע און הושיהע (יהושע), און אויפן גרונד פון דעם געפונענעם בריוו — ווער איך אַרעסטירט, פאַר ווייטערדיקע אויספאָרשונג. מיר דריי, דער זשאַנדאַרמייסטער, פּראָקוראָר און איך, האָבן זיך אונטערגעשריבן. דאַן האָט ער אַריינגערופן די זשאַנדאַרן און פּאָליציי, וואָס זיינען די גאַנצע צייט פון פאַרהער געשטאַנען אין קאָרידאָר, און געהייסן מיך אָוועקפירן אין טורמע.

זיי האָבן איבערגענומען די פּאַפּירן, גערופן אַ איזוואָזטשיק און מיך אָוועקגעפירט אין טורמע.

אין טורמע

אַרום פינף פאַדטאָג בין איך געבראַכט געוואָרן אין טורמע. מען האָט מיך אַריינגענומען אין קאַנצעלאַריע, אויסגעטאָן מוטער־נאַקעט און אַרומגעזוכט אַלע מיינע זאַכן. זיי האָבן גאָרניט גע־פונען אַ חוץ עטלעכע פּאַפּירלעך, וואָס האָבן גאָר קיין ווערט ניט געהאַט, און אַ קנאַפּן רובל אין קליינגעלט. דאָס געלט האָבן זיי צוגענומען. דאַן האָבן זיי מיר אַריינגעפירט אין אַ קאַמער. די שווערע טיר האָט זיך מיט אַ טעמפּן קלאַפּ פאַרמאַכט הינטער מיר.

מיינע בליקן האָבן אַרומגעוואַנדערט איבער מיין נייער דירה: לינקס אַ קליין אויוועלע, רעכטס אַ „פּאַראַשקע" (אַ נאַכט עמער), קעגן איבער ביים פענסטער אַ קליין טישל מיט אַ קליין לעמפּל, וואָס האָט געריכערט. ביי דער רעכטער האַנט איז געשטאַנען אַן אייזער־נע בעטל.

אַ מידער און אויסגעמאַטערטער האָב איך זיך אויסגעצויגן אויף דעם בעטל. דער קאָפּ האָט מיר אָנגעהויבן ווי צו טאָן. אָבער איינשלאָפן האָב איך איצט ניט געקאָנט. ווי לאַנג איך בין אַזוי געלעגן ווייס איך ניט. קלאַנגען פון טריט זיינען דערגאַנגען צו מיינע אויערן. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס הויבט זיך אָן דאָס לעבן אין טורמע. וואָס ווייטער אַלץ מער האָט זיך געהערט טריט אין קאָרידאָר. איך האָב דערהערט די טריט לעבן מיין טיר. די טיר האָט זיך אויפגעמאַכט. אַן אַרעסטאַנט אין אַ ווייסן פאַרטוך איז אַריינגעקומען, אַוועקגעלייגט אַ פּאָרציע ברויט אויפן טישל און איז גלייך פאַרשוואונדן.

דאָס האָט זיך יענעם פרימאָרגן ווידערהאָלט עטלעכע מאָל. יעדעס מאָל האָט אַן אַנדער אַרעסטאַנט עפּעס אַריינגעבראַכט אָדער אַרויסגענומען: איינמאָל איז דאָס געווען ברויט, אַ צווייטן מאָל האָלץ, אַ דריטן מאָל איז דאָס געווען וואַרעמע וואַסער פאַרן טיי, אַ פערטן מאָל האָט מען אַרויסגענומען די „פּאַראַשקע״, און דאָס אויפשליסן און פאַרשליסן די טיר. דער טעמפּער קלאַפּ פון די טיר האָט נאָך פאַרשטאַרקט מיין קאָפּ־ווייטיק.

דאָס טורמע לעבן האָט אַלץ מערער אָנגענומען אַ נאָרמאַלן גאַנג. אַרעסטאַנטן האָבן פאַרהילכט מיט זייערע הילצערנע שיך גייענדיק הין און צוריק איבערן קאָרידאָר. איך בין צוגעגאַנגען צום לעכל פון דער טיר, זיך צוגעקוקט צו אַלץ וואָס דאָרט קומט פאָר און האָב דערזען צווישן די וועכטער באַקאַנטע מענטשן. אַממערסטן זיינען דאָס געווען מענטשן פון דערפער, מיט וועלכע מיין פאַמיליע פלעגט האַנדלען. מיר האָבן זיך געקענט. פאַרבייגייענדיק האָב איך אַ פּאָר פון זיי אָנגערופן מיט זייערע נעמען. זיי האָבן אַ קוק געטאָן דורכן לעכל אין טיר, דערזען מיר און האָבן זיך געוואונדערט וואָס איך טו דאָ. איך האָב אויסגענוצט די געלעגנהייט און געפרעגט זיי וואו געפינען זיך דאָ שפּיצאָווסקי און זאַבלודאָווסקי? „בעלזיאַ וויסקאַזאַט״ (מען טאָר ניט אויסזאָגן) — האָבן זיי געענטפערט. האָב איך זיך צוריק אַוועקגעלייגט אויפן בעטל.

די ליכט פון טאָג האָט אַריינגעשיינט דורכן פאַרגראַטעוועטן פענצטער און איך האָב אָנגעהויבן טראַכטן ווי אַזוי געפינט מען אויס וואו מיישקע מיט הושיעה געפינען זיך? די ליכטיקייט פון

טאָג האָט אַביסל פּאַרלייכטערט מיין קאָפּ־שמערץ. איך האָב זיך אויפגעהויבן פון בעטל, האָב זיך אַרויפגעטשעפּעט אויפן פענצטער, זיך אָנגעהאַלטן אָן די גראַטעס און אַרויסגעקוקט אין הויף, וואָס גרעַ־נעצט זיך מיט וועלוולס פּאַסינקעס הויף אויף ליטווישער גאַס. גאָר אויבן פון פענצטער האָב איך באַמערקט אַ לופּטשיק און אַ שויב, וועלכע מען קען אויפמאַכן. זי איז געהאַנגען אויף קליינע זאַוויעסעס און איז געווען פּאַרקייטלט פון אינעווייניק. איך האָב אויפגעעפנט דעם לופטשיק. אַ פרישע קאַלטע לופט האָט אַריינגעבלאָזן. ווי לאַנג בין איך געשטאַנען אויפן פענצטער ווייס איך ניט און ווי שפּעט איז האָב איך אויך ניט געוואוסט. איך האָב אָבער דערהערט דאָס אויפמאַכן פון דער טיר און בין אַרונטערגעשפּרונגען פון פענצטער. די טיר האָט זיך אויפגעעפנט. עס איז אַריינגעקומען דער „סטאַרשי", דער עלט־סטער וועכטער און דער נאַטשאַלניק פון דער טורמע. איך האָב זיי ביידן געקענט, און אויך זיי מיר.

דער נאַטשאַלניק איז געווען מיין פאָטערס אַן אַלטער פריינד. איידער ער איז געוואָרן נאַטשאַלניק פון דער טורמע האָט ער געהאַט אַן אַמט אין דער „גאָראָדסקאָיע דומע", די פאַרוואַלטונג וואָס האָט געהאַט צו טאָן מיט שטאָטישע ענינים, מיין פאָטער איז געווען אַן אָנגעזעענער בעל־הבית — האָט דער נאַטשאַלניק געקענט אונדזער גאַנצע משפחה. ווען ער האָט מיך דערזען, האָט ער אויסגערופן: — אַבראַמטשוק? אַבראַמקעס אַ זון? ווי קומסטו אַהער?... — פּאָליציי האָט מיך אַהער געבראַכט, — האָב איך געלאָזן געענטפערט. האָט ער מיר אָוועקגעלייגט אַ פאַרציע מוסר. געשטראָפט וואָס איך ברענג שאַנדע צו מיין שיינער סוחרישער פאַמיליע, און האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז איך זאָל אָפּהיטן די געזעצן פון דער טורמע. — דאָ ביסטו אַן אַרעסטאַנט, — האָט ער באַטאָנט, — גלייך מיט אַלע אַרעסטאַנטן! — און איז אַרויס

אַ קורצע צייט האָב איך אַרומגעשפּאַצירט איבערן קאַמער הין און צוריק און ווידער זיך אויסגעצויגן אין בעטל, ווידער געטראַכט ווי אַזוי אויסצוגעפינען וואו מיישקע מיט הושיעה געפינען זיך. אַזוי טראַכטנדיק דאַכט זיך מיר, אַז איך הער אַ באַוועגונג אין דער קאַמער לעבן מיר. האָב איך זיך גוט צוגעהערט. יאָ, עמיצער

געפינט זיך דאָרטן. די שפּראַך, ווי צונויפּריידן זיך דורך די ווענט, האָב איך געקענט; האָב איך פּרובירט קלאַפּן אין איין וואַנט, אין דער אַנדערער. מען האָט מיר געענטפערט מיט קלאַפּן, אָבער מען האָט גאָרנישט געקענט צוזאַמענשטעלן. עס איז פאַר מיר געוואָרן קלאָר, אַז דער וואָס געפינט זיך דאָרטן אין יענעם קאַמער פאַרשטייט ניט די טורמע שפּראַך פון קלאַפּן. האָב איך זיך ווידער אַוועקגעלייגט און געטראַכט, ווי אַזוי אויסצוגעפינען וואו מיישקע מיט הושיעהן געפינען זיך. און עס דאַכט זיך מיר, אַז איך הער אַ געשפּרעך. איך האָב זיך אויפגעהויבן, נאָכגעפאָלגט דעם געשפּרעך און האָב פעסטגעשטעלט, אַז דאָס קומט פון ערגעץ אויסנווייניק. האָב איך זיך אַרויפגעטשעפּעט אויפן פענצטער, זיך צוגעהערט צום געשפּרעך, און האָב זיך גלייך איבערצייגט, אַז דאָס ריידן צווישן זיך מיישקע און הושיעה. איך האָב געגומען רופן: „מיישקע, הושיעה!... אַזוי עטלעכע מאָל, און דער געשפּרעך זייערער איז איבערגעריסן געוואָרן.

איך האָב אַלץ געהאַלטן אין איין רופן ביז איך האָב דערהערט אַ שטימע וואָס איך האָב גלייך דערקענט, אַז דאָס איז הושיעה (יהושע). ער פרעגט: — ווער איז דאָס? — בערל! — האָב איך געענטפערט. — דו ביסט שוין אויך דאָ? — האָט ער אין אַ גרויסן געוויין אויסגעבראָכן און איז אַרונטער פון זיין פענצטער. אויף מיינע ווייטערדיקע רופן האָב איך שוין קיין ענטפער ניט באַקומען. אַ לאַנגע צייט האָב איך געהערט אַ געוויין דורך דער וואַנט, וואָס האָט אָפּגעטיילט מיין קאַמער פון הושיעהס, און דאָס האָט געמאַכט אויף מיר אַ שווערן איינדרוק. הייסט דאָס, אַז דער זשאַנדאַרמייסטער האָט מיך געזאָגט דעם „אמת". דאָס האָבן זיי דאָך איצט אַליין צוגעגעבן מיט זייער האַלטן זיך ביי דער ערשטער באַגעגעניש מיט מיר. ווי קליינע קינדער וואָס מען כאַפּט ביי דער האַנט ביי אַ פאַרברעכן — האָבן זיי זיך צעוויינט, און אַוועק, ניט געוואָלט מער ריידן צו מיר.

אָבער וואָס האָט זיי געטריבן צו דער פאַרברעכערישער האַנדלונג? האָט מיר אַ געדאַנק געמאַטערט. עס קען דאָך ניט זיין. אַ פּאָר וואָכן טורמע האָט זיי איבערגעשראָקן?! די מורא פאַר קלעפּ האָט

דאָס געטאָן? עס איז ניט קיין אַנדער זאַך, — האָב איך ביי זיך באַשלאָסן, ווי דער זשאַנדאַרמייסטער אַן אַלטער דערפאַרענער אויס־פאָרשער, האָט זיי אַזוי פאַרפּלאָנטערט מיט זיינע פראַגן, אַז זיי האָבן זיך ניט געקענט אַרויסדרייען — האָבן זיי געמוזט צוגעבן. אַ גרויסע ראָליע האָט געמוזט שפּילן מיישקעס בריוו. ער האָט זיי מיט אים געשטאָכן די אויגן, און זיי האָבן ניט געהאַט מיט וואָס זיך אָפּצואוועדן — האָבן זיי געמוזט צוגעבן.

די טיר פון מיין קאַמער האָט זיך געעפנט. אַן אַרעסטאַנט האָט אַריינגעבראַכט אַ טעלער זופּ, האָט דאָס אַוועקגעשטעלט אויפן טיש און איז אַרויס.

אונדזער ערשטע פאַרבינדונג

דעם מיטאָג האָב איך ניט געגעסן פונקט ווי איך האָב ניט געגעסן דעם פרישטאָק — די ברויט מיט די וואַרמע וואַסער וואָס מען רופט „קיפּיאַטאָק". מיינע געדאַנקען זיינען אינגאַנצן געווען פאַרנומען מיט איין זאַך — זיך צוזאַמענריידן מיט מיישקען און הושיהען, איצט, ווען איך האָב שוין געוואוסט, אַז זיי זיינען מיינע „שכנים". איך בין געווען זיכער, אַז פריער אָדער שפּעטער וועט מיר געלינגען זיך צוזאַמענריידן מיט זיי. אַ פּאָר שעה שפּעטער האָב איך ווידער געמאַכט אַ פּאַרזוך זיך צוזאַמענצורידן מיט זיי. איך בין אַרויף אויפן פענצטער, אויפגעעפנט דעם לופטשיק און אָנגעפאַנגען רופן: „מיישקע! הושיעה!... הושיעה האָט געענטפערט. איך האָב אויך אויסגעפונען, אַז ער געפינט זיך דער ערשטער צו מיין קאַמער, און מיישקע — דער צווייטער.

נאָך דעם ווי מיר האָבן זיך איבערגעביטן מיט עטלעכע געוויינלעכע פראַגן: וואָס מען מאַכט? און וואָס עס טוט זיך אויף דער פריי? — בין איך גלייך איבערגעגאַנגען צום הויפּט־פונקט וואָס האָט מיר שטאַרק געמאַטערט. איך האָב אים אין קורצן איבערגעגעבן די פאַקטן פון מיין אַרעסט און אים געפרעגט וואָס אַזעלכעס האָט פּאַסירט.

הושיעה האָט זיך ווידער צעוויינט, און אַזוי וויינענדיק האָט ער מיר איבערגעגעבן קורץ אַז אויף דעם לעצטן דאָפּראָס האָט ער אַלץ געלייקנט, וואָס דער זשאַנדאַרמייסטער האָט אים געזאָגט וועגן מיר, האָט ניט געוואָלט זיך מודה זיין, האָט מען אַריינגעבראַכט מיישקען און מען האָט אים געשטעלט פּנים אל פּנים און מיישקע האָט אין זיין קעגנוואַרט אַלץ צוגעגעבן. דאַן האָט דער זשאַנדאַר־מייסטער אים געפרעגט — נו, וואָס וועסטו איצט זאָגן ?... — ער איז אינגאַנצן צעטומלט געוואָרן, האָט ניט געוואוסט ווי אַזוי ער קען זיך אַרויסדרייען און האָט צוגעגעבן אַז ס׳איז ריכטיק.

— אָבער וואָס האָט מיישקען געטריבן צו דעם ? — האָב איך געפרעגט.

— ער ווייסט ניט ! — האָט ער געענטפערט ; ער דענקט, אַז עפּעס אַ בריוו וואָס מען האָט געפונען ביים „אָביסק״ איז שולדיק אין דעם.

זיין אָפנהאַרציקייט איז מיר געפעלן געוואָרן. איך בין געוועזן זיכער, אַז ער זאָגט דעם אמת.

— קען איך ריידן מיט מיישקען ? — האָב איך אים געפרעגט. — עס וועט זיין שווער צו הערן, ווייל ער איז אין דער דריטער קאַמער פון דיר — האָט ער מיר געזאָגט, — אָבער ער וועט פּרובירן אונדזביידן צו פאַרבינדן.

איך האָב געהערט ווי ער רופט מיישקען און זאָגט אים, אַז איך, בערל, וויל ריידן מיט אים. באַלד האָב איך דערהערט מיישקעס שטימע. — וואָס מאַכסטו מיישקע ? — האָב איך געפרעגט. — ניט גוט — האָט ער געענטפערט. — פאַרוואָס ? — דו ווייסט דאָך אין וואָס פאַר אַ בלאָטע מיר זיינען אַריינגעקראָכן, — האָט ער גע־זאָגט. — אָבער איך האָב געוואָלט וויסן פונוואַנען האָט זיך גענומען די צרה ? — פון אַ בריוו וואָס איך האָב אָנגעשריבן צו דיר! — האָט ער געזאָגט. — איך האָב אים געוואָלט אַרויסשיקן צו דיר דורך אַן אַרעסטאַנט, וואָס גייט אַרויס ראַמען די גאַסן. דערווייל האָט מען געמאַכט אַן אָביסק און מען האָט דעם בריוו געפונען און אים אי־בערגעגעבן דעם זשאַנדאַרמייסטער. אויפן לעצטן „דאָפּראָס״ האָט ער

מיר געשטאָכן די אויגן מיט דעם בריוו. איך האָב גאָרניט געקענט מאַכן. איך האָב זיך געמוזט מודה זיין...

די לעצטע ווערטער האָב איך קוים געקענט הערן. זיי זיינען אַרויס פון זיין האַלדז האַלב פאַרשטיקט און מיט אַ וויינענדיקער שטים.

איך האָב געפרעגט הושיהען, וואָס איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אויפן פענצטער און זיך צוגעהערט צום שמועס: — וואָס האָט פּאַסירט?

— ער איז אַרונטער פון פענצטער — האָט הושיהע געענטפערט — און ער וויינט.

מיט דעם האָט זיך געענדיקט אונדזער ערשטער שמועס אין טורמע.

מיין צווייטער טאָג אין טורמע

אויסגעמאַטערט פון די איבערלעבענישן פון ערשטן טאָג אין טורמע און פון די שמועסן מיט מיישקען און הושיהען, בין איך אַ מידער אַ פאַל געטאָן אויפן בעטל און תיכף איינגעשלאָפן. איך בין געלעגן איינגעדרייט ווי אַ קנויל, זיך ניט געוואָלט שיידן מיט די ביסל וואַרימקייט, וואָס האָט זיך געפונען אונטערן צודעק. ענדלעך האָב איך זיך אויפגעהויבן, זיך אָנגעטאָן און אָפּגעגעסן דעם אַזוי גערופענעם פרישטיק.

דער וועכטער מיטן סטאַרשע זיינען אַריינגעקומען. דער סטאַרשע, וואָס האָט מיר גוט געקענט, איז געווען פריינטלעך צו מיר און האָט געפרעגט וואָס איך פאַרלאַנג?

— איך וואָלט געוואָלט קענען באַקומען ביכער, גיין אויף „פּראָגולקע‟ און איינקויפן וואָס איך וויל...

— וועגן ביכער צום לייענען — האָט דער סטאַרשי געזאָגט — דאַרף מען וואַרטן אויף אַן ערלויבעניש פון זשאַנדאַרמייסטער; „פּראָגולקעס‟ וועסטו היינט אָנהויבן. איינקויפן קענסטו וואָס דו ווילסט. מיר וועלן איבערגעבן דעם פּאַדריאַטשיק פון דער טורמע און ער וועט אַלץ ברענגען.

ווי ער האָט נאָר דערמאָנט דעם פּאָדריאַדטשיק האָב איך גלייך דערשמעקט אַ געלעגענהייט זיך צו פאַרבינדן מיט דער היים. דער טורמע־פּאָדריאַדטשיק איז געווען „הערשל זינגער“, אַ יונגער פריינד פון מיין עלטערן ברודער. איך האָב דעם „סטאַרשע“ געגעבן אַ לאַנג צעטל פון זאַכן וואָס מען זאָל מיר ברענגען. דער פּאָדריאַדטשיק וועט שוין פאַרשטיין אַז אויב ס'וועט אויספעלן געלט וועט ער גיין צו אונדז אין הויז אַריין נאָך געלט. אַזוי אַרום וועט זיך שאַפן אַ פאַרבינדונג צווישן מיר און מיין הויז. און דאָס האָט גוט גע־אַרבעט.

דעם זעלבן נאָכמיטאָג האָט דער וועכטער מיר אַריינגעבראַכט ווייַסע ברויט, פּוטער, קעז, טיי, צוקער, זייף, אַ שפּיגל, אַ האַנדטוך און אַזוי ווייטער. אַ סך מער ווי איך גופא האָב פאַרלאַנגט. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז ער איז געווען ביי מיר אין שטוב. דער וועכטער וואָס האָט דאָס מיר אַריינגעבראַכט האָט געלאָזט וויסן אַז איך דאַרף איצט גיין אויף „פּראָגולקע“. איך האָב אָנגעטאָן דעם מאַנטל, אַרויסגעגאַנגען אין הויף.

— אָט דאָ קענסטו גיין הין און צוריק! — האָט ער מיר אָנ־געצייגט אויף אַ שטיקל פּלאַץ פון הויף.

אויפן הויף האָט זיך קיינער ניט געפונען אויסער מיר מיטן וועכטער, און איך האָב ניט געזען קיין גרויסן אונטערשייד צווישן די פיר ווענט פון מיין קאַמער און צווישן די פיר הויכע געמויערטע ווענט פון הויף. איידער איך האָב נאָך געהאַט צייט צו באַטראַכטן דעם טורמע הויף האָט זיך די צייט פון „פּראָגולקע“ פאַרענדיקט און מען האָט מיך צוריק אַריינגעפירט אין קאַמער אַריין. איך האָב נאָכאַמאָל באַטראַכט די „פּאָסילקע“ פון דער היים, האָב דאָס צעטיילט אין דריי טיילן און אָנגעקלאַפּט אין דער וואַנט צו יהושיהעס קאַמער. ער האָט פאַרשטאַנען אַז דאָס מיינט אַז איך וויל ריידן מיט אים. ער איז אַרויף אויף זיין פענצטער און איך אויף מיינעם, געעפנט דעם לופטשיק און אים איבערגעגעבן, אַז איך האָב געקראָגן פון דער היים אַ פּעקל און וויל זיך טיילן מיט אים און מיט מיישקען. די פראַגע איז נאָר ווי אַזוי קען מען דאָס איבערגעבן. איך האָב געוואַרט אויף אַן ענטפער פון זייביידן. אַביסל שפּעטער האָבן זיי מיך געלאָזט

וויסן, אַז זיי זיינען געריררט פון מיין האַנדלען, ווייל זיי זיינען געווען זיכער, אַז איך בין שטאַרק אין כעס אויף זיי.

הושיעה האָט מיר געהייסן אָנקלאַפּן אין טיר. ווען דער וועכטער וועט צוקומען און פרעגן וואָס איך וויל, דאַן זאָל איך אים בעטן איבערגעבן צו זיי די פּעקלעך, און ער וועט דאָס זיכער טאָן.

דער וועכטער האָט איינגעוויליקט און האָט זיי איבערגעגעבן די פּעקלעך. שפּעטער האָט מען אַריינגעבראַכט וואַרעמע וואַסער. איך האָב אַריינגעשאָטן אַביסל טייל און צוקער, באַשמירט די ווייסע ברויט מיט פּוטער און געהאַט אַ גוטן מאָלצייט. איך בין געווען צו־פרידן, וואָס מיישקע און הושיהע האָבן אויך געהאַט אַ גוטן מאָל־צייט.

די שטאַרקע קעלט האָט ניט געלאָזט שלאָפן און איך האָב קוים דערלעבט, אַז עס זאָל ווערן טאָג און מען זאָל שוין איינהייצן דאָס אויוועלע.

דאָס לעבן אין טורמע האָט זיך אָנגעהויבן. אַן אַרעסטאַנט האָט אַריינגעבראַכט האָלץ און אונטערגעצונדן דאָס אויוועלע. איך האָב זיך אָנגעוואַרעמט. ווען מען האָט אַריינגעבראַכט די וואַרעמע וואַסער האָב איך זיך צוגעכאַפּט, געמאַכט טיי און זיך מער איינגעוואַרמט. פּלוצלינג האָב איך דערהערט אַ קלאַפּ אין וואַנט. איך האָב באַלד געענטפערט און אַרויף אויפן פענצטער, געעפנט די לופטשויב. הושיהע האָט מיך גערופן. אַ לאַנגע געשפּרעך האָט זיך אָנגעהויבן צווישן מיר מיט מיישקען און הושיהען. זיי האָבן באַדאַנקט פאַר דעם טייל פון מיין פּאָסילקע — דאַן זיינען מיר אַריבער צו דער פראַגע פון אונדזערע אַרעסטן.

איך האָב פאַרלאַנגט, אַז זיי זאָלן דערציילן וואָס מער פּרטים. אָט וואָס זיי האָבן מיר דערציילט:

ווען זיי האָבן פאַרלאָזט מיין הויף מיט ליטעראַטור אין די אָרעמס, האָט הושיהע דערציילט, איז געווען שטאַרק פינצטער. מען האָט ניט געזען קיין מענטשן אין גאַס. האָבן מיר באַשלאָסן צו גיין גלייך מיט דער באַן גאַס. דערנענטערנדיק זיך צו שלאָסבערגס בריקל האָבן מיר דערזען דעם אָקאָלאָדאָטשניק וואָלטשינסקי מיט דעם זשאַנ־דאַר גאַפּינאָוויטשן שטיין אויפן בריקל. זיינען מיר געבליבן אין

אַ פּאַרלעגנהייט: גיין צוריק האָבן מיר מורא געהאַט, אַז זיי זאָלן אונדז ניט נאָכגיין, ווייל זיי האָבן אונדז שוין באַמערקט, גיין ווייטער איז געווען ניט קיין קלענערע ריזיקע. מיר האָבן באַשלאָסן צו גיין ווייטער, אפשר וועט אונדזער דרייסטקייט זיי אָפּהאַלטן פון אָפּשטעלן אונדז. זיי האָבן אָבער אונדז אָפּגעשטעלט, געפרעגט וואָס מיר טראָגן? מיר האָבן געענטפערט, אַז מיר ווייסן ניט. מיר האָבן דאָס נאָר וואָס געפונען. זיי האָבן געעפנט דער בלעכענער קעסטל, דערזען ביכער און בראָשורן — האָבן זיי זיך איבערגעקוקט און געפרעגט: וואוהין טראָגן מיר דאָס? — צו מיר אין הויז — האָב איך גע־ענטפערט, צו זען וואָס דאָס איז אַזעלכעס. — איר זייט ביידע אַרעס־טירט, — האָבן זיי אונדז דערקלערט און האָבן אונדז אַוועקגעפירט. שפּעטער איז געקומען דער זשאַנדאַרמייסטער, האָט געפרעגט פּראָ־געס און מיר האָבן זיך געהאַלטן שטאַרק ביי אונדזערע ענטפערס. ער האָט גאָרניט געקענט מאַכן מיט אונדז און האָט אונדז אָפּגע־שיקט אין טורמע.

ער האָט ווייטער דערציילט, אַז אויף דעם ערשטן דאָפּראָס איז דער זשאַנדאַרמייסטער געווען גאַנץ פריינטלעך און האָט אַפילו געפרעגט ווי מען באַהאַנדלט אים אין טורמע? דאַן האָט ער געפרעגט צי איך האָב עפּעס צו פאַרלאַנגען? — יאָ, — האָב איך געענטפערט: — מען זאָל מיר דערלויבן צו אַרבעטן דאָ אין טורמע, צום ביישפּיל, שערן, ראַזירן די אַרעסטאַנטן און אַזוי ווייטער. — וועט מען דאָס דיר דערלויבן שפּעטער, — האָט ער געזאָגט. דערווייל זאָג מיר אָבער וואו האָסטו גענומען דאָס קעסטל מיט דער אומלעגאַלער ליטעראַטור?

— איך האָב דאָס געפונען! — האָב איך געענטפערט.

— עס איז אַ ליגן! — האָט ער זיך צעשריען. — בעסער זאָג דעם אמת, וועט ניט וועסטו שלעכט אָפּשניידן!...

— איך זאָג דעם אמת! — האָב איך באַשטאַנען אויף מיינס.

— דו זאָגסט ניט דעם אמת! — האָט ער געשריען, מיר ווייסן דעם אמת, דו האָסט דאָס גענומען ביי בערלען! ניט אמת? — ווענדט ער זיך צו מיר.

— ניין! — האָב איך געענטפערט. ער האָט זיך עפּעס געשושקעט מיטן פּראָקוראָר און האָט זיך געווענדט צו מיר: — בעסער זיי

זיך מודה פונקט ווי מיישקע האָט דאָס שויו געטאָן. ער איז קליגער פון דיר, און אים וועט זיין בעסער פון דיר. אויב דו וועסט זיין אַזוי איינגעשפּאַרט וועסטו אַ סך ליידן פון דעם. און וואָס פאַר אַ זין האָט דאָס פאַר דיר צו זיין איינגעשפּאַרט, ווען מיישקע האָט זיך שוין מודה געווען? נו, זיי ניט קיין נאַר, זיי זיך מודה!...

— ניין, — האָב איך געענטפערט.

— ברענגט אַרויף מיישקען! — האָט ער געהייסן. מען האָט מיישקען אַריינגעבראַכט.

— וואו האָסטו גענומען דאָס קעסטל מיט ליטעראַטור? — האָט מען אים געפרעגט.

— ביי בערלען! — האָט ער געענטפערט.

— וואוהין האָסטו דאָס געטראָגן?

— צו הושיהען אויפן הויף — האָט ער געענטפערט.

— פירט אים אַרונטער! — האָט ער געהייסן. און מען האָט אים צוריק אַרונטערגעפירט.

— נו, וואָס וועסטו איצט זאָגן? — האָט דער זשאַנדאַרמייסטער זיך געווענדט צו מיר.

— איך בין געווען אינגאַנצן צעטומלט, צעמישט און ניט גע־וואוסט וואָס צו ענטפערן. ער האָט אָבער ניט אָפּגעלאָזן. האָט גע־פאָדערט תיכף אַן ענטפער. איך האָב קיין אַנדער אויסוועג ניט גע־האַט... דערביי האָט ער זיך צעוויינט.

מיישקע האָט צוגעגעבן אַז דאָס איז אמת, ווייל קיין אַנדער „ברירה" איז ניט געווען.

איך האָב געפרעגט וועגן אַ בריוו וואָס מען האָט געפונען ביי אַן אָביסק. איך ווייס פון דעם בריוו — האָב איך געזאָגט. — איך האָב אים געלייענט ווען מען האָט מיך אַרעסטירט. ווי קומסטו צו שרייבן אַזאַ בריוו? עס איז דאָך אַן אמתע „פּראָוואָקאַציע"! עס איז דאָך אַלץ דערציילט מיט איינצלהייטן!

— מיין צוועק פון שרייבן אַזאַ בריוו — האָט ער געזאָגט, איז געווען צו פאַרהיטן ווייטערדיקע אַרעסטן. איך האָב געוואָלט אייך אַלעמען צו וויסן געבן וואָס מיט אונדז האָט פּאַסירט, כדי איר זאָלט וויסן וואָס צו טאָן און איך האָב שוין געהאַט אָפּגעמאַכט מיט אַן

אַרעסטאַנט ער זאָל דאָס צו אימיצן פון אייך איבערגעבן, ווען ער וועט גיין אויף אַרבעט ראַמען די גאַסן. דערווייל איז דער בריוו דורכגעפאַלן. דעם בריוו האָט מען איבערגעגעבן דעם זשאַנדאַר־מייסטער און ביים לעצטן דאָפּראָס האָט ער מיר געשטאָכן די אויגן מיטן בריוו, און איך האָב זיך גאָר ניט געקענט העלפן, איך האָב געמוזט צוגעבן! — האָט ער פאַרענדיקט זיין דערציילונג.

— מען מוז דאָך וויסן ווי צו האַלטן זיך, וואָס צו ריידן ביי די ווייטערדיקע דאָפּראָסן, ווייל מיט ווייִנען וועט מען דאָך גאָרניט אויפטאָן, — האָב איך געזאָגט.

— דו ביסט גערעכט! — האָט מיר הושיהע געענטפערט.

מיט דעם האָט זיך דער געשפּרעך געענדיקט און איך בין אַרונ־טער פון פענצטער.

דער געשפּרעך האָט געמאַכט אויף מיר אַ שלעכטן איינדרוק.

מיר באַשליסן ווי צו האַנדלען

אין אַ שלעכטער שטימונג האָב איך פאַרבראַכט די לעצטע פּאָר טעג. מיך האָט שטאַרק געשראָקן דער אויסגאַנג פון קומענדן דאָ־פּראָס. דער זשאַנדאַרמייסטער ווייסט שוין מיט וועמען ער האָט דאָ צו טאָן. ער זעט שוין, אַז דאָס זיינען צעשראָקענע ייִנגלעך. עס קען ברענגען צו אַ דורכפאַל פון דער גאַנצער אָרגאַניזאַציע. מיישקע האָט אינגאַנצן פאַרלאָרן דעם קאָנטראָל איבער זיך און הושיהע איז געוועזן פּעסימיסטיש און אַנטשלאָסן אויף אַלץ. דאָס האָט געשאַפן אַ לאַגע וואָס קען זיי ביידן צעטיילן און דער זשאַנדאַרמייסטער קען דאָס נאָך אויסנוצן.

איינמאָל האָט הושיעה מיר דערקלערט, אַז מיישקע האָט אַ פּלאַן און ער דענקט, אַז דאָס איז אַ גוטער פּלאַן. — צוריקציִען דאָס פריער־דיקע איז ניט מעגלעך — האָט ער געזאָגט, — דער זשאַנדאַרמייסטער איז פיל קליגער פון אונדז, מיר וועלן נאָך אַריינקריכן אין אַן ערגערע צרה ווי די איצטיקע. מיר דאַרפן אים אָבער פאַרצאַמען דעם וועג, ער זאָל ווייטער ניט קענען גיין. דעריבער דענקט ער, דאָס איך

זאָל צוגעבן, אַז איך האָב זיי טאַקע געגעבן די ליטעראַטור, און אויף דער פראַגע וואו איך האָב דאָס גענומען — זאָל איך ענטפערן, ביי מנשה דעם סטאָלער פון אָרלע, וועלכער געפינט זיך שוין אין אַמעריקע.

מיר איז דער פּלאַן גאָר ניט געפעלן. עס איז דאָך קעגן די פּרינציפּן פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אויסצוזאָגן אויף אימיצן, אַפילו ווען יענער געפינט זיך שוין אין אַמעריקע. איך האָב קלאָר געזען, אַז איך האָב זיך שטאַרק גענאַרט אין זייביידן. זיי האָבן פון אָנפאַנג אָן ניט געהאַנדלט ווי דערפאַרענע רעוואָלוציאָנערן און מ׳קען זיך אויף זיי ניט פאַרלאָזן. איך בין געקומען צום באַשלוס, אַז די בעסטע זאַך איז, אַרויסצונעמען דעם גאַנצן ענין פון זייערע הענט.

איך מוז צוגעבן אַז איך האָב זיי געגעבן די ליטעראַטור און האָב דאָס טאַקע גענומען ביי מנשה דעם סטאָלער פון אָרלע, און מיט מיר וועט ער ווייטער ניט גיין. ביי דעם וועט ער (דער זשאַנדאַר־מייסטער) בלייבן שטיין. פון זיינע דערפאַרונגען מיט מיר ביים ערשטן דאָפּראָס און פון מיין האַלטונג ביי מיין אַרעסט אין מיין הויז, ווייסט ער שוין אַז איך בין אַ שווערער נוס. אַזוי אַרום וועט פאַרצאַמט ווערן פאַר אים דער וועג פאַר ווייטערדיקע אַרעסטן אין דער אָרגאַניזאַציע.

איך האָב זיך געווענדט צו זיי און געזאָגט, אַז איך נעם אָן דעם פּלאַן ניט מיט קיין פולן לייכטן האַרצן, אַז זיי ביידע האָבן געהאַנדלט קעגן די פּרינציפּן פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, קעגן דעם פּרינציפּ פון קאָנספּיראַציע. דער בריוו וואָס מיישקע האָט געשריבן איז געווען אַן אומפאַראַנטוואָרטלעכער, ממילא אַ פאַרברעכן.

זיי האָבן אויסגעהערט מיין פּראָטעסט און האָבן צוגעזאָגט ניט אַרויסצוגעבן קיינעם און זיך צו האַלטן שטאַרק.

דער „דאָפּראָס"

איך בין ביי זיך ניט געווען זיכער צי איך האָב ריכטיק גע־האַנדלט. צי האָב איך באַדאַרפט טאַקע נעמען אויף זיך די שולד און אַריינציען מנשהן אין דעם עסק.דער פאַקט אָבער, וואָס דאָס קען „אַנטשיידן" דעם גורל פון דער אָרגאַניזאַציע, וועט פאַרצאַמען דעם וועג פאַר ווייטערדיקע אַרעסטן — האָט מיר געגעבן מוט און גלויבן דאָס צו טאָן.

די צייט פון דאָפּראָס איז געווען נאָך האַלבע נאַכט. דער וועכטער האָט געהייסן, אַז איך זאָל זיך שנעל אָנטאָן. אין דער קאַנצעלאַריע זיינען שוין געזעסן דער זשאַנדאַרמייסטער און דער פּראָקוראָר אַרום אַ טיש, אין וועלכן עס זיינען געלעגן זייערע פּאָרטפעלן מיט זייערע פּאַפּירן.

— זעץ זיך! — האָט דער זשאַנדאַרמייסטער העפלעך זיך גע־ווענדט צו מיר. — ווי באַהאַנדלט מען דיך דאָ? — ניט שלעכט, — האָב איך געענטפערט. — האָסטו עפּעס צו פאַרלאַנגען? — פרעגט ער מיר ווייטער. — יאָ! איך וואָלט געוואָלט האָבן ביכער צום לייע־נען, — האָב איך געענטפערט. — דו וועסט זיי מאָרגן קריגן, — האָט ער געענטפערט און צוגעגעבן דערביי, אַז ער באַמיט זיך שטענדיק צופרידנצושטעלן די אַרעסטירטע מיט וואָס נאָר ער קען. — און איצט — האָט ער זיך געווענדט צו מיר מיט אַ פריינטלעכן טאָן — דערצייל מיר דעם אמת וועגן דער ליטעראַטור, וואָס מען האָט גע־פונען ביי שפּיצקאָווסקין מיט זאַבלודאָווסקין. זיי זאָגן, אַז דו האָסט זיי דאָס געגעבן, דו לייקנסט דאָס, ווער זשע פון אייך זאָגט דעם אמת?

— זיי זאָגן דעם אמת! — האָב איך געענטפערט.

דער זשאַנדאַרמייסטער מיטן פּראָקוראָר האָבן זיך איבערגעקוקט. דאָס האָבן זיי גאָרניט דערוואַרט. — ביסט זיך מודה? — האָט ער מיט אַ שמייכל זיך געווענדט צו מיר. — זאָג זשע מיר, וואו האָסטו דאָס גענומען? — ביי מנשהן — האָב איך געענטפערט. — און ווער איז דאָס דער מנשה? — פרעגט ער ווייטער. — איך ווייס ניט ווער ער איז, — האָב איך געענטפערט.

— וואָס הייסט עס דו ווייסט ניט? — האָט ער זיך צעבייזערט.

—ווארום האָט ער דאָס געגעבן גראָד דיר? — קענט איר זיך דאָך איינער מיטן אַנדערן...

— געוויס קען איך אים — האָב איך געענטפערט, אָבער זיין אָפּשטאַמונג ווייס איך ניט.

— פון וואַנען קענסטו אים? — פרעגט ער ווייטער. — ווייל ער איז אַ סטאָלער און איך בין אַ שניצער קומען מיר אין באַרירונג וועגן אַרבעטס־אָנגעלעגנהייטן, — האָב איך געענטפערט.

— ביי וועמען האָט מנשה געאַרבעט? — פרעגט ער.

— ביי יצחק דעם סטאָליער — ענטפער איך.

— דאָס איז אַ גאַנץ שיינע געשיכטע, אָבער ניט קיין אמתע — האָט דער זשאַנדאַרמייסטער באַמערקט. — דער אמת איז, — זאָגט ער, — דאָס דו האָסט די ליטעראַטור געקראָגן פון דער פּאַרטיי! דו ביסט דאָך אַ פּראָפּאַגאַנדיסט, אַ רעדנער און פירער פון דער פּאַר־טיי פּ. פּ. ס. אין ביעלסקער אויעזד.

איך האָב אַלץ געלייקנט.

ער האָט זיך געווענדט צו מיר אַז איך זאָל דערציילן די איינצל־הייטן פון דער גאַנצער געשיכטע מיט מנשה׳ן. איך האָב אָנגעפאַנגען דערציילן אומגעפער אַזוי: — איינמאָל באַגעגנט מיך מנשה אין גאַס און פרעגט זיך, צי וואָלט איך אים געוואָלט טאָן אַ טובה? ער דאַרף אַוועקפאָרן אויף אַ קורצע צייט און ער האָט אַ קעסטל, וואָס ער וויל מיט זיך ניט מיטנעמען. בעט ער מיר איך זאָל דאָס נעמען צו זיך ביז ער וועט צוריק קומען. איך האָב אים די טובה געטאָן, אָבער ער איז ניט געקומען אָפּנעמען דאָס פּעקל. איז מיר די זאַך געוואָרן פאַרדעכטיקט, בין איך געגאַנגען זען וואָס אינם קעסטל געפינט זיך. דערזען ביכער, האָב איך זיך דערשראָקן, ניט געוואוסט וואָס צו טאָן דערמיט. איינמאָל האָב איך געטראָפן מיישקען טימ הושיהען אין גאַס, האָב איך זיי דערציילט די געשיכטע און געפרעגט וואָס צו טאָן מיט דעם. נאָך אַ צייט טראַכטן האָבן מיר באַשלאָסן: אַזוי ווי זיי ביידע וואוינען אין בית־מדרש גאַס, וואו עס געפינען זיך די בתי מדרשים מיט גרויסע אויוונס — וועלן זיי

דאָס נעמען ביי מיר און דאָרטן פאַרברענען. אויפן וועג זיינען זיי אָבער אַרעסטירט געוואָרן.

דער זשאַנדאַרמייסטער מיטן פּראָקוראָר האָבן די גאַנצע צייט ניט אַרונטערגענומען זייערע אויגן פון מיר. — ניט אמת! — האָט דער זשאַנדאַרמייסטער אַ געשריי געטאָן. — וועמען ווילסטו דאָ איינריידן אַזעלכע געשיכטעס? — האָט ער זיך צעשריען: — דו ווייסט ביי אימיצן נעמען אַ קעסטל און ניט וויסן וואָס אין איר געפינט זיך! און פאַרוואָס האָסטו נאָך דעם ווי דו האָסט שוין אויסגעפונען אַז דאָס קעסטל איז פול מיט ביכער — ניט געבראַכט צו דער פּאָליציי? און פאַרוואָס האָסטו אַליין ניט פאַרברענט? צו וואָס האָסטו באַדאַרפט בעטן עמיצן אַנדערש דאָס צו טאָן?... דו האָסט די ליטעראַטור באַקומען פון דער פּאַרטיי, געהאַלטן ביי זיך אויף אויסטיילן איבערן אויעזד. פּלוצלינג האָסטו דערפילט אַ סכנה און האָסט איבערגעגעבן די צוויי אַנדערע, אַז זיי זאָלן דאָס באַהאַלטן.

— ניין, ניט אמת! — האָב איך געענטפערט.

— וואָס? — איז ער אויפגעשפּרונגען, — דו וואַגסט מיר צו רופן ליגנער?

— ניין, — האָב איך געענטפערט געלאַסן. — איך האָב דאָס ניט געזאָגט. איך האָב זיך נאָר באַצויגן צו דער געשיכטע וואָס איר ווילט מיר איינריידן, אָבער ניט צו אייך פּערזענלעך.

— מיר וועלן דיר שוין איבערצייגן ווער עס זאָגט דעם אמת — האָט ער בייז געענטפערט. האָט צעלייגט די לאַנגע בויגנס פּאַפּיר אָנצושרייבן דעם פּראָטאָקאָל פון „דאָפּראָס", און אַזוי שרייבנדיק אַ סך מאָל איבערגעפּרעגט די זעלבע און נייע פראַגן, מיט דער כוונה צו כאַפּן מיר אין אַ ניט פּינקטלעכקייט. אָבער אַלע זיינע באַמיאונגען זיינען געווען אומזיסט. ער האָט מיר אין זיין נעץ ניט געקענט אַריינכאַפּן. דאָס האָט אים שטאַרק געקרענקט און ער איז געווען אויפגעבראַכט.

פאַרטיק געוואָרן, האָט ער מיר אונטערגערוקט דאָס פּאַפּיר אויף אונטערצושרייבן.

— איך פאָדער מען זאָל דאָס מיר איבערלייענען! — ער האָט

זיך איבערגעקוקט מיטן פּראָקוראָר און האָט מיר איבערגעלייענט דעם פּראָטאָקאָל. איך האָב זיך אונטערגעשריבן. ער האָט אַריינגערופן דעם זשאַנדאַרם און אים באַפוילן אָפּפירן מיך אין טורמע. פירנדיק מיר דורכן קאָרידאָר אין קאַמער אַריין, האָט דער זשאַנדאַרם זיך אַרומגעקוקט פון אַלע זייטן און אַ פרעג געטאָן: — וואָס האָסטו געזאָגט. — איך האָב אים דערציילט. ער האָט מיט פאַרדראָס און כעס אויסגערופן: — צום טייוול! — און מיט רעכט, ווייל איך האָב געוואוסט אַז ער איז געווען דער יעניקער, וואָס האָט מיר ריינגעוואַשן פונם פאַשקוויל וואָס איז געקומען פון אַמעריקע, פון מיינע עלטערנס אַמאָליקע קאָנקורענטן. איצט, ווען איך האָב זיך מודה גע־ווען — האָט ער זיך שטאַרק געשראָקן מען זאָל זיך ניט טשעפּען צו אים. איך האָב געפילט אַ רחמנות צו אים. ער קען נאָך ווערן אַ קרבן פון אונדזער אַרעסט. ער האָט מיך איבערגעגעבן צום וועכטער, אָבער איך האָב שוין ניט געקענט שלאָפן דאָס איבעריקע פון דער נאַכט.

איך האָב זיך גיך באַרואיקט. דעם גורל פון דער אָרגאַניזאַציע האָב איך געראַטעוועט און פאַרצאַמט דעם וועג פון זשאַנדאַרמייסטער פון ווייטערדיקע אַרעסטן.

דאָס לעבן אין טורמע האָט זיך ווידער אָנגעהויבן. שפּעטער האָב איך זיך איופגערעדט מיט הושיעהן און מיישקען. זיי זיינען אויך געווען אויף אַ „דאָפּראָס" האָבן זיי דערציילט, און האָבן זיך גוט געהאַלטן. דער זשאַנדאַרמייסטער האָט מיט אַלע מיטלען פּרובירט אַריינשלעפּן נאָך מיטגלידער פון דער אָרגאַניזאַציע, זיי האָבן אָבער קיינעם ניט אַרויסגעגעבן. יענעם טאָג איז אַריינגעקומען אין קאַמער דער ‚סטאַרשי" און האָט מיר אַריינגעבראַכט צום לייענען עטלעכע ביכער. ער האָט מיר אויך אָנגעזאָגט די גוטע „בשורה", דאָס דער זשאַנדאַרמייסטער האָט מיך דערלויבט צו שרייבן אַ היים ווי פיל איך וויל. די דאָזיקע „גוטסקייט" האָב איך באַלד פאַרשטאַנען: ווען איך וועל שרייבן בריוו וועל איך זיך אפשר אַרויסכאַפּן מיט עפּעס, וואָס ער וועט זיך קענען אָנכאַפּן, ווי דאָס איז שוין געווען דער פאַל מיט מיישקען. דאָך האָב איך דעם פאַרשלאָג אָנגענומען, ווייל שרייבן די בריוו האָב איך געקענט נאָר אין וועכטערס צימער, וואָס זיינע צוויי פענצטער זיינען אַריין אינם טורמע־הויף אויף ביאַ־

ליסטאָקער גאַס, וואו איך האָב געקענט אַרויסקוקן. איך פלעג טאַקע שעהען אָפּזיצן בעתן שרייבן די בריוו און אַרויסקוקן דורך די פענצ־טער.

די בריוו זיינען תמיד געווען די זעלבע: אַז איך ווייס ניט פאַרוואָס מען האָט מיך אַרעסטירט, אַז איך בין אומשולדיק. גע־שיקט האָב איך די בריוו צו מיינע עלטערן. אַ שטיקל צייט איז אַוועק און דער „סטאַרשע" האָט מיר פּלוצלינג געזאָגט, אַז איך פאַרברענג צו פיל צייט ביים שרייבן די דאָזיקע בריוו און ער וועט מוזן באַגרענעצן די צייט. דאָס האָט מיך ווייניק וויי געטאָן. איך האָב געהאַט ביכער צו לייענען און האָב אָפּט גערעדט מיט מיישקען און הושיעהן דורך די פענצטער. עס האָט מיך אָבער שטאַרק וויי געטאָן, וואָס מען האָט פאַרקלאַפּט די לופטשיקעס פון די פענצטער און מיר האָבן זיך מער ניט געקענט צונויפריידן. דאָס איז געשען צוליב דעם, וואָס ווען מיין משפחה האָט דערהערט, אַז מען קען זיך צונויפריידן, איז מיין עלטערע שוועסטער צוגעקומען צום פאַרקאַן, וואָס גרענעצט אָפּ וועלוול פאַסינקערס הויף פון דעם טיורמע הויף און האָט מיך גערופן. איינער פון די וועכטער האָט דאָס באַמערקט. ווען זיי האָבן דערזען מיין שוועסטער פון דער אַנדער זייט פאַרקאַן — זיינען זיי אַריין אין וועלוול פאַסינקערס הויף, האָבן זי געכאַפּט און אַריינ־געבראַכט אין קאַנצעלאַריע פון דער טורמע. ווען דער נאַטשאַלניק האָט דערזען מיין שוועסטער איז ער געבליבן אין אַ גרויסער פאַרלעגנ־הייט, ווייל ער האָט גוט געקענט מיין גאַנצער משפחה און אויך דער שוועסטער. ווען די וועכטער האָבן אים דערציילט וועגן דעם „פאַר־ברעכן" וואָס מיין שוועסטער איז באַגאַנגען, האָט ער איר געגעבן אַ פּאַרציע „מוסר" און האָט איר פאַרזאָגט מער ניט צו קומען צו נאָענט צו דער טורמע און געהייסן אַהיים גיין. גלייכצייטיק האָט ער אויך געהייסן פאַרקלאַפּן די לופטשיקעס.

די ווייטערדיקע דאָפּראָסן

די ווייטערדיקע דאָפּראָסן זיינען געווען שוין ניט אַזוינע אָפּטע. דער זשאַנדאַרמייסטער פלעגט אַריינפאַלן גאַר אומגעריכט איינמאָל אַ חודש אָדער אַלע זעקס וואָכן. אין פאַרלויף פון די ווייטערדיקע

דאָפּראָסן זײַנען אַרויסגעשוואומען נײַע פּראַגעס װי װעגן מנשהן און װעגן מײַן עלטערן ברודער אָשר. צו די צװײ פֿראַגן האָט ער געװידמעט אַ גאַנצן דאָפּראָס. איך האָב זיך אָבער געהאַלטן בײַ מײַן דערקלערונג און עס איז אים ניט געלונגען עפּעס אַרויסצובאַקומען װעגן מנשהן.

די פֿראַגע װעגן מײַן עלטערן ברודער אָשר האָט זיך באַצויגן צום שטיקל פֿאַרשמירטן פּאַפּיר, װאָס מען האָט געפֿונען בײַם „אָביסק״ אין דער אלײנע. ער האָט גענומען די האַנדשריפֿטן פֿון אַלע מײַנע הויזלײַט. האַנדשריפֿט־עקספּערטן האָבן פֿעסטגעשטעלט, אַז מײַן ברו־דערס האַנטשריפֿט איז זײער ענלעך צו דעם װאָס איז געװען אויפֿן שטיקל פֿאַרשמירטן פּאַפּיר. ער האָט געװאָלט אַז איך זאָל צוגעבן, אַז דאָס האָט מײַן ברודער געשריבן. די האַנטשריפֿט ענלעכקײט איז געװען אַ צופֿאַל. מײַן ברודער אָשר איז געװען אַ סוחר און געקענט גוט שרײַבן, אָבער ער איז געװען װײַט פֿון דער רעװאָלוציאָנערער באַװעגונג. דער זאַשנדאַרמײסטער האָט נאַטירלעך ניט געװאָלט אָנ־נעמען מײַנע באַהויפּטונגען און האָט געסטראַשעט אַרעסטירן אויך מײַן ברודער.

שפּעטער האָב איך אויסגעפֿונען, אַז ער האָט טאַקע גערופֿן מײַן ברודער און דעם אַלטן אַרבעטער, װעגן װעמען איך האָב דערצײלט, האָט זײ אויסגעפֿרעגט, ער האָט אָבער גאָרניט געקענט אַרויסבאַ־קומען. אויף אײנע פֿון די דאָפּראָסן האָט ער מיך געפֿרעגט װער עס שרײַבט פֿאַר מיר די בריװ? איך האָב געענטפֿערט אַז דאָס שרײַב איך אַלײן. — די האַנטשריפֿט איז די זעלבע װי אויף די בראָשורן — האָט ער געזאָגט. איך האָב, פֿאַרשטײט זיך, דאָס געלײקנט. — דײַנע בריװ קענען מער ניט אָפּגעשיקט װערן, — האָט ער געזאָגט, װײַל דו שרײַבסט אין זײ װעגן דעם טורמע לעבן, װאָס איז ניט דערלויבט. — אָבער איך שרײַב דאָך ניט קײן שלעכטס אויף דער טורמע, — האָב איך פּרובירט זיך פֿאַרענטפֿערן.

— נו, מיר װעלן זען, — האָט ער צו מײַן גרויס איבעראַשונג דערקלערט.

איך בין געװען זיכער, אַז ער װעט מער ניט דערלויבן מיר צו

שרייבן. ער האָט מסתמא געהאָפט, אַז איך וועל זיך ביים שרייבן מיט עפּעס אַרויסכאַפּן. אויף דעם האָט ער געוואַרט.

דער לעצטער דאָפּראָס. — די אויספאָרשונג איז פאַרענדיקט

ווען איך האָב זיך דערוואוסט, אַז מיינע בריוו זיינען ניט אַרויס־געשיקט געוואָרן און זיינען געבליבן ביים זשאַנדאַרמייסטער, האָב איך אָנגעהויבן זוכן אַנדערע וועגן כדי זיך צו פאַרבינדן מיט דער היים. אַ קורצע צייט שפּעטער האָב איך אַזאַ וועג געפונען.

איינמאָל איז אַ פרימאָרגן, ווען אַן אַרעסטאַנט האָט געבראַכט האָלץ פאַרן אויוועלע, האָב איך אין אים דערקענט אַ באַקאַנטן פויער, וואָס פלעגט קומען צו אונדז פאַרקויפן זיינע פּראָדוקטן און קויפן אָליע. דורך דער צייט וואָס ער האָט זיך געפּאָרעט ביים אויוועלע האָבן מיר זיך ביידע גוט אָנגעקוקט, און ביידע האָבן מיר געוואַרט אויף אַ מאָמענט, ווען דער וועכטער וועט אַוועקנעמען פון אונדז זיין בליק. אַזאַ מאָמענט איז געקומען, ווען עטלעכע אַרעסטאַנטן זיינען פאַרבייגעגאַנגען מיין קאַמער און האָבן הויך גערעדט צווישן זיך. דער וועכטער האָט זיך אויסגעדרייט צו זיי אַ בייזער. יענעם מאָ־מענט האָב איך מיט דער האַנט אָנגעצייגט ווי מען שרייבט. ער האָט גלייך פאַרשטאַנען וואָס איך האָב געמיינט. אין עטלעכע טעג שפּעטער האָט ער מיר געבראַכט אַ קורצע שטיקעלע בלייפעדער מיט אַ שטיקל פּאַפּיר, וואָס ער האָט גענומען ביי מיינע הויז־לייט, זייענדיק אין שטאָט ביים רייניקן די גאַסן. אַ לאַנגע צייט האָב איך דורך אים קאָרעספּאָנדירט מיט מיין היים. נאַטירלעך פלעגט ער קריגן באַ־צאָלט. אין דער זעלבער צייט אָבער האָב איך אָנגעהאַלטן די פּריווי־לעגיע פון שרייבן בריוו, צוליב צוויי סיבות: ערשטנס — מען זאָל מיך ניט פאַרדעכטיקן און זאָל דער זשאַנדאַרמייסטער ווייטער זיין אונטערן איינדרוק אַז ער נאַרט מיך און איך פאַרשטיי ניט זיינע כוונות, צווייטנס קען איך דאָך פון צייט צו צייט זיצן אין וועכטערס צימער און אַרויסקוקן אויפן הויף. דאָס רעכט צו שרייבן אַ בריוו

האָט זיך באַצויגן בלויז אויף וויפיל בריוו איך זאָל שרייבן אַ וואָך, אָדער אַ חודש. איך פלעג זיך ניט איילן און אָפּזיצן אין דעם וועכטערס צימער אַ שעה און מער, אַזוי, אַז די וועכטערס האָבן זיך שוין צוגעוואוינט דערצו און ניט געווען שטרענג צו מיר. זיי פלעגן לאָזן אַמאָל מיר כאַפּן אַ שמועס מיט אַן אַנדער אַרעסטאַנט.

אַמאָל האָב איך געטראָפן אַן אַרעסטאַנט מיט אַן אינטעליגענטעם פּנים. עס איז געווען קענטיק אַז דאָס איז ניט אַ גנב אָדער אַ גזלן. ער האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט מיר און האָט אויסגעפונען ביי די וועכטער, אַז איך בין אַ פּאָליטישער אַרעסטירטער. איך האָב אויסגעפונען פון די וועכטער אַז ער איז אַן אַדוואָקאַט, וואָס האָט עמיצן באַשווינדלט. ער האָט מיר געגעבן אַן עצה אָנצושרייבן אַ „פּראָשעניע" צום פּראָקוראָר ער זאָל פאַרענדיקן די אויספאָרשונג, אפשר וועט מען מיך אַרויסלאָזן אויף „פּאָרוטשיטעלסטוואָ", דאָס הייסט ווען מען לייגט איין אַ געוויסע סומע געלט ערבות. אַזוי ווי מיינע עלטערן זיינען געווען פאַרמעגלעכע מענטשן וואָלטן זיי דאָס געקענט טאָן.

דער אַדוואָקאַט־אַרעסטאַנט האָט פאַר מיר אָנגעשריבן אַזאַ פּראָשעניע. איך האָב זיך אונטערגעשריבן און איבערגעגעבן אין דער קאַנצעלאַריע פון טורמע כדי מען זאָל זי אַוועקשיקן צום פּראָקוראָר.

עטלעכע וואָכן שפּעטער בין איך אויפגעוועקט געוואָרן פון שלאָף און דער וועכטער האָט מיר געזאָגט אַז מען וואַרט אויף מיר אין דער קאַנצעלאַריע. איך האָב זיך שנעל אָנגעטאָן. אין אַ פּאָר מינוטן בין איך שוין געווען אין קאַנצעלאַריע. ביים טיש זיינען געזעסן דער זשאַנדאַרמייסטער מיטן פּראָקוראָר. אויפן טיש האָב איך באַמערקט אַחוץ די לאַנגע בויגנס פּאַפּיר דריי דיקע, ניט קיין געבונדענע ביכער. אין עטלעכע מינוט אַרום איז אַריינגעקומען דער נאַטשאַלניק פון דער טורמע.

דער זשאַנדאַרמייסטער מיטן פּראָקוראָר זיינען געווען פאַרנומען מיט גריבלען זיך אין די פּאַפּירן. פּאַרטיק געוואָרן מיט די פּאַפּירן ווענדט זיך צו מיר דער זשאַנדאַרמייסטער מיט אַ פראַגע: — וואָס זשע? דיר איז שוין דערעסן געוואָרן די טורמע? דו האָסט דאָך ביכער צום לייענען!

איך האָב ניט געענטפערט.

— דו פאַרלאַנגסט מען זאָל פאַרשנעלערן די אויספאָרשונג? — ווענדט ער זיך צו מיר.

— יאָ, — האָב איך געענטפערט.

— ווי אַזוי קען מען דאָס טאָן, ווען דו האָסט מיר נאָך ניט דערציילט אַלץ. — האָסט גאָר ניט צוצוגעבן? — פרעגט ער. — ניין! — האָב איך געענטפערט.

— ווער האָט געשריבן פאַר דיר די „פראָשעניע״? — וויל ער וויסן.

— אַן אַרעסטאַנט, — האָב איך געענטפערט.

— און ווי אַזוי האָסטו זיך מיט אים אויפגערעדט?

— איך האָב זיך מיט אים ניט אויפגערעדט. דאָס איז געווען מיין אייגענער געדאַנק. איך האָב דאָס איבערגעגעבן דעם נאַטשאַלניק, דאָס איבעריקע האָט ער שוין געטאָן.

— איז דאָס ריכטיק? — האָט ער זיך געווענדט צום נאַטשאַלניק.

— ריכטיק! — האָט דער נאַטשאַלניק געענטפערט און דערקלערט. אַז דער אַרעסטאַנט איז אַן אַדוואָקאַט וואָס זיצט דאָ פאַר אַ שווינדל וואָס ער איז באַגאַנגען.

ער האָט דאַן געהייסן אַריינברענגען מיישקען מיט הושיעהן. מען האָט זיי אַריינגעבראַכט און צום ערשטן מאָל זינט דעם אַרעסט האָבן מיר זיך ווידער באַגעגנט צוזאַמען.

דער זשאַנדאַרמייסטער און פּראָקוראָר האָבן פון אונדז די אויגן ניט אַרונטערגענומען און שטודירט יעדע אונדזער באַוועגונג. איך האָב באַטראַכט מיישקען מיט הושיעהן. אויף מיישקעס פּנים איז געלעגן אַן אומעט, אַ נידערשלאָגנקייט. אין זיינע אויגן איז געווען צו מערקן שרעק און שווערע איבערלעבונג. ביים באַגעגענען מיין ערשטן בליק האָט ער אַרונטערגעלאָזן די אויגן.

הושיעהס פּנים האָט אויסגעדריקט צעטראָגנקייט, שטאַרקע נערוועאישקייט. מיט שנעלע בליקן האָט ער אַרומגענומען אַלץ אַרום אים און האָט געמאַכט אַן איינדרוק, אַז ער קען זיך דאָ ניט פונאַנדערקלייבן. מיין ערשטן בליק האָט ער באַגעגנט מיט איבערראַשונג.

דאַן האָט דער זשאַנדאַרמייסטער זיך געווענדט צו מיישקען און

הושיעהן און האָט זיי דערקלערט, אַז די אויספאָרשונג וועט פאַרענדיקט ווערן אויב זיי וועלן דערציילן דעם גאַנצן אמת. ווי די זאַך שטייט איצט איז די אויספאָרשונג נאָך ניט קיין פאַרענדיקטע.

ער האָט אָנגעהויבן זיי צו פאַרוואַרפן מיט פאַרשידענע פראַגן. דאָ האָב איך געהאַט אַ געלעגנהייט צו זען ווי זיי האַלטן זיך: מיישקע האָט זיך געשראָקן. פאַר אים איז געווען שווער צו פאַרשטיין רוסיש, און דערצו נאָך האָט דער זשאַנדאַרמייסטער געשריען. אין איין פאַל האָב איך אומפאָרזיכטיקערהייט פאַרטייטשט אַ פראַגע פאַר מיישקען אין אידיש — האָט דער זשאַנדאַרמייסטער אויף מיר זיך צעשריען. און ענטפערן אויף פראַגן האָט מיישקע זיך ניט געאײַלט, האָט באַרעכנט וואָס צו ענטפערן, און זיינע ענטפערס זיינען טאַקע געווען מערסטנס צו דער זאַך. הושיעה, דאַקעגן, פלעגט ענטפערן שנעל, אין אַ זייער צעבראָכן רוסיש. עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז אים אַרט ניט וואָס פאַר אַן איינדרוק זיין ענטפער וועט מאַכן.

בײַוואױנענדיק דעם דאָפּראָס, זעענדיק די האַלטונג פונם זשאַנ־דאַרמייסטער און פון מיישקען מיט הושיעהן, האָב איך באַגריפן ווי אַזוי דאָס האָט געקענט פאַסירן אַז מען זאָל אַרויסבאַקומען פון זיי אַלץ.

פאַרטיק געוואָרן מיט זיינע פראַגן, האָט ער דערקלערט, אַז די אויספאָרשונג איז פאַרענדיקט. איך האָב פאַרלאַנגט ער זאָל מיר ווייזן די „דיעלאָ", דאָס הייסט די אַקטן פון דער אויספאָרשונג אין וואָס איך ווער באַשולדיקט. איך האָב זיך באַרופן אויפן אַדוואָקאַט וועלכער האָט מיר געזאָגט, אַז איך האָב אַ רעכט דאָס צו פאַרלאַנגען.

— אָט דאָ האָסטו דיין „דיעלאָ", — האָט ער מיר אָנגעוויזן אויף איינעם פון די דריי דיקע ביכער אויפן טיש.

איך האָב אַ קוק געטאָן אויף דער פאָדער־בלאַט און געזען דעם נומער פון דער דיעלאָ און מיין נאָמען. — ניט דאָס האָב איך גע־מיינט — האָב איך אים געזאָגט, איך וויל וויסן אין וואָס ווער איך באַשולדיקט — האָב איך דערקלערט.

— דו ווייסט דאָך וואָס פאַר אַ פאַרברעכן דו ביסט באַגאַנגען!

ער האָט זיך געוואָלט אַרויסדרייען. נאָר דאָ האָט אָבער פאַסירט אַ מאָדנער אינצידענט. דער טורמע־נאַטשאַלניק רופט זיך אָפּ, אַז איך וויל וויסן די „סטאַטיאַ" אונטער וועלכער איך ווער באַשולדיקט.

— איך ווייס וואָס ער מיינט, — האָט דער זשאַנדאַרמייסטער באַמערקט צום טורמע־נאַטשאַלניק אין גאָר ניט קיין העפלעכן טאָן. דער נאַטשאַלניק האָט זיך גלייך אַנטשולדיקט.

עס איז מיר ניט געווען קלאָר פאַרוואָס ער טוט עס. מעגלעך אַז דאָס קאָנען מיין משפחה האָט אים דאָס באַוועגן. אַלנפאַלס דאָס אַריינמישן זיך פון דעם נאַטשאַלניק האָט פאָרט אויסגעאיבט אַ געהעריקע ווירקונג. דער זשאַנדאַרמייסטער האָט מיר צוגערופן צו זיך און דערקלערט די סטאַטיאַ אונטער וועלכער מיר ווערן באַשולדיקט. אין אַ פּאָר חדשים אַרום וועט מען אונדז צושיקן דעם באַשולדיקונגס־אַקט. בלעטערנדיק דעם דיקן בוך האָט ער מיר געגעבן דערקלערונגען וועגן דעם, וואָס איז אַנגעשריבן אין די דאָזיקע גרויסע ביכער: אַז דאָס איז דער פּראָטאָקאָל פון דעם אָביסק ביי מיר אין הויז, די דערקלערונגען פון דעם אַלטן אַרבעטער וואָס שטימען ניט מיט מיין דערקלערונג און אַזוי ווייטער, אַז דאָס איז מיין ברודערס האַנטשריפט, וואָס איז זייער ענלעך צו דער האַנטשריפט אויף דעם געפונענעם פּאַפּיר און אַזוי ווייטער. ווייטער האָט ער מיר געוויזן דעם פּראָטאָקאָל פון מנשהס אַלטער מוטער פון אָרלע און פון דער דאָרטיקער פּאָליציי. עס איז פעסטגעשטעלט געוואָרן אַז מנשה איז אַוועק אין אַמעריקע מיט זעקס מאָנאַטן פאַר מיין אַרעסט. פאָלגלעך, האָב איך די קעסטל מיט ביכער ביי אים ניט גענומען. און אָט איז אַ פּראָטאָקאָל וועגן די 76 יידישע און רוסישע בראָשורן, וואָס מען האָט געפונען אין קעסטל. אָט זיינען פּראָטאָקאָלן פון דער ביעלסקער פּאָליציי וועגן מיר און מיין משפחה. אָט איז אַ פּראָטאָקאָל פון דער טורמע וועגן מיין האַלטונג, און אָט זיינען פּראָטאָקאָלן פון שפּיצקאָווסקיס און זאַבלודאָווסקיס אויסזאָגונגען וועגן מיר, און אָט זיינען פּראָטאָקאָלן פון מיינע דאָפּראָסן.

אַזוי האָט ער געבלעטערט די ביכער און געמאַכט דערקלערונגען.

— צופרידן? — האָט ער מיך געפרעגט.

— צופרידן! — האָב איך געענטפערט.

— דאָס איז אַלץ, — האָט ער געזאָגט. און האָט מיך צוריקגעשיקט צו מיישקען מיט הושיעהן. דאַן האָט ער געפרעגט מיישקען מיט הושיעהן צי זיי האָבן וואָס צו פרעגן? — ניין! — האָט מיישקע

געענטפערט. דאַן האָט הושיעה געזאָגט אַז ער וויל מאַכן אַ דער־קלערונג: ער האָט זיך באַקלאָגט אויף זיין גאַנצן לעבן אויף דער פריי און אין דער טורמע. וואַרשיינלעך האָט ער געוואָלט אַרויסרופן רחמנות ביי דער נאַטשאַלסטוואָ און האָט פאַרענדיקט מיט דעם וואָס ער וואָלט זיך גענומען דאָס לעבן ווען ער וואָלט דאָס געקענט. אַזוי איז אים שוין דערעסן געוואָרן דאָס לעבן.

— אָבער וואָס פאַרלאַנגסטו? — האָט אים דער זשאַנדאַרמיי־סטער געפרעגט.

ער פאַרלאַנגט מען זאָל אים לאָזן אַרבעטן אין דער טורמע: שערן און ראַזירן די אַרעסטאַנטן.

דער זשאַנדאַרמייסטער האָט זיך צעלאַכט: — ווי קען מען דיר דערלויבן צו אַרבעטן, אַז דו ווילסט ביי דער ערשטער געלעגנהייט זיך נעמען דאָס לעבן. ווען דו וועסט קריגן אַ בריטווע אין האַנט אַריין וועסטו זיך איבערשניידן די האַלדז!

נאָך אַ באַראַטונג צווישן דעם זשאַנדאַרמייסטער, פּראָקוראָר און טורמע־נאַטשאַלניק האָט מען אים געגעבן די דערלויבעניש. מען האָט אונדז צוריקגעשיקט אין אונדזערע קאַמערן.

איך ווער באַפרייט

נאָך דעם ווי די אויספאָרשונג איז פאַרענדיקט געוואָרן איז פאַר מיר געוואָרן אַ ביסעלע לייכטער. איך האָב געפילט ווי אַ שווערע משא איז אַרונטערגענומען געוואָרן פון מיינע פּלייצעס. די דאָפּראָסן פלעגן אויסמאַטערן. די גרעסטע טייל צייט פלעג איך פאַרברענגען אין לייענען ביכער, וואָס די טורמע האָט מיר צוגעשטעלט. פון צייט צו צייט פלעג איך שרייבן בריוו. איך האָב געמאַכט אַ פאַרזוך צו פועלן ביים נאַטשאַלניק פון דער טורמע מען זאָל אונדז זאַלבעדריט האַלטן אין איין קאַמער. מען האָט אָבער די בקשה צוריקגעוויזן. דורך דער צייט איז מיין „פּראָגולקע" צוויי מאָל אַ טאָג, אין דער פרי און נאָך מיטאָג, פאַרלענגערט געוואָרן מיט עטלעכע מינוט. מיר פלעגט אויסקומען פאַרבייצוגיין דעם וועכטערס צימער, וואו הושיעה פלעגט

זיך געפינען, שערן און ראַזירן די אַרעסטאַנטן, די וועכטער, בפרט דעם „סטאַרשע״. ער פלעגט זיך, נאַטירלעך, ניט יאָגן מיט זיין אַרבעט, ער פלעגט אַרויסקוקן דורך די פענצטער, וואָס זיינען אַרויס־געגאַנגען אין הויף, ווי איך האָב דאָס געטאָן ביים שרייבן די בריוו, און מאַנכעס מאָל פלעג איך פאַרבייגייענדיק הערן הושיעהן ווײנען. איינמאָל, ווען איך בין פאַרבייגעגאַנגען דעם וועכטערס צימער, האָב איך דערהערט אַ שטאַרקן געוויין, אַ יאָמער וואָס האָט מיך שטאַרק באַאומרואיקט. — ניט אַנדערש אַז מען שלאָגט אים דאָרטן — האָב איך געטראַכט. מיין אומרואיקייט האָט זיך פאַרשטאַרקט, ווען מען האָט איבערגעביטן דעם פּלאַץ פון מיין שפּאַציר. וואַרשיינלעך ווילן זיי ניט איך זאָל הערן ווי זיי שלאָגן אים — האָב איך געטראַכט. און אויב דאָס איז נאָך געווען וויניק, האָט מען איבערגעריסן מיין שפּאַציר און אַריינגעפירט צוריק אין קאַמער. אויף מיינע פּראָטעסטן האָט מען געזאָגט, אַז מען וועט שפּעטער צוריק געבן די שפּאַצירן.

דאָס האָט נאָך פאַרגרעסערט מיין אומרואיקייט. עפּעס האָט געמוזט פּאַסירן.

שפּעטער איז דער ענין אויפגעקלערט געוואָרן. דער וועכטער האָט אויפגעפּראַלט די טיר פון מיין קאַמער, מיך אַרויסגעפירט צו פאַרענדיקן מיין שפּאַציר, און אַזוי שפּאַצירנדיק האָב איך דערזען דעם אַרעסטאַנט, דורך וועמען איך האָב געפירט די קאָרעספּאָנדענץ מיט מיין שטוב. ווען ער איז מיר פאַרבייגעגאַנגען האָב איך, אין דער שטיל אים אַ פרעג געטאָן: איז דאָ עפּעס נייס? — דיין פאָטער איז דאָ געווען — האָט ער מיר שטיל געענטפערט. דאַן איז מיר קלאָר געוואָרן די גאַנצע זאַך. מען האָט איבערגעריסן מיין „פּראָגולקע״ ווען מיין פאָטער האָט געדאַרפט דורכגיין דעם הויף, און ווען הושיעה האָט אים דערזען דורך די פענצטער אין דעם וואַרט־צימער, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז ער סטאַרעט זיך וועגן מיין באַפרייאונג. דאָס האָט אין אים אַרויסגערופן דעם גאַנצן ווייטיק, דעם געפיל פון זיין עלנטקייט. ער האָט קיינעם ניט ווער עס זאָל עפּעס טאָן פאַר אים. און פון גרויס ווייטיק האָט ער אַזוי שטאַרק געיאָמערט.

קומענדיק צוריק פון שפּאַציר בין איך געוואָרן זייער אומגעדול־דיק. אַ געפיל האָט מיך באַהערשט, אַז מיין באַפרייאונג איז נאָענט.

איך האָב זיך דערמאָנט אָן דעם, וואָס דער אַרעסטאַנט־אַדוואָקאַט האָט מיר געזאָגט, דאָס נאָכדעם ווי די אויספאָרשונג איז פאַרענדיקט, קען מען פאַרלאַנגען אַרויסגעלאָזט צו ווערן אויף „פּאַרוטשיטעל־סטוואָ״. איך בין געווען זיכער, אַז מיין פאָטערס באַזוך אין דער טורמע איז צוליב דעם.

עטלעכע טעג שפּעטער האָט דער וועכטער אויפגעמאַכט די טיר, מיך באַפוילן זיך אָנצוטאָן, צונויפקלייבן אַלע מיינע קליידער און אַלץ וואָס איך האָב דאָ, און גיין אין דער קאַנצעלאַריע. איך האָב שנעל זיך אָנגעטאָן, צוזאַמענגעקליבן מיינע זאַכן און געלאָזט זיך גיין אין דער קאַנצעלאַריע, וואו דער טורמע־נאַטשאַלניק האָט שוין געוואַרט אויף מיר.

— דיין פאָטער, — האָט ער געזאָגט, — האָט איינגעלייגט פינף הונדערט רובל פאַר דיר, און דו וועסט באַפרייט ווערן. און דערביי צוגעמוסרט אַז ער קען מיך, מיין פאָטער און מיין גאַנצער משפחה, און איך ברענג חרפות. ער האָט מיך געוואָרנט זיך ניט צו חברן מער מיט „בונטאָוושטשיקעס״.

פאַרטיק געוואָרן מיט זיין רעדע האָט ער באַפוילן די וועכטער מיך צופירן צום טויער פון דער טורמע און אַרויסלאָזן אויף דער פריי... איך האָב אים באַדאַנקט פאַר דער גוטער באַהאַנדלונג דורך דער צייט וואָס איך האָב זיך געפונען אין דער טורמע, אים געבעטן די אַלע זאַכן וואָס איך האָב מיט זיך געבראַכט און דאָס ביסל געלט וואָס איז נאָך געבליבן אויף מיין חשבון אין דער קאַנצעלאַריע — זאָל צעטיילט ווערן צווישן מיישקען און הושיעהן. דער וועכטער האָט מיר צוגעפירט צום טורמע טויער. — לאָז אים אַרויס! האָט ער געזאָגט צום וועכטער ביים טויער.

דער טויער האָט זיך געעפנט. איך בין אַרויס אויף דער פריי.

באַרוישט פון מיין פרייהייט האָב איך זיך געלאָזט גיין אין שטאָט אַריין. פון דער וויטנס האָב איך דערזען אַ גרופּע מענטשן דער־נענטערן זיך צו מיר. דאָס זיינען געווען מיטגלידער פון מיין משפחה און פון דער אָרגאַניזאַציע, וואָס זיינען געקומען מיך צו באַגעגענען. האָבן מיר צוזאַמען זיך געלאָזט צו אונדז אין שטוב. אויפן וועג האָט אונדז באַגעגנט דער אָקאָלאָדאָטשני, וועלכער האָט צוזאַמען מיטן

זשאַנדאַרם אַרעסטירט מײשקען מיט הושיעהן און אויך מיך, און האָט אונדז באַגריסט. צוקומענדיק צו אונדזער הויז האָב איך זיך גע־זעגנט מיט די מיטגלידער פון דער אָרגאַניזאַציע. איך האָב זיי צו־געזאָגט ווייטער צו אַרבעטן מיט זיי. בין אַריין אין שטוב אַריין. די פאַמיליע האָט מיך באַגעגנט מיט פרייד און מיט טרערן.

אין דער פרי בין איך אַריין אין דער אַליינע וואו די אַרבעטער האָבן מיך אויפגענומען מיט פרייד. דער אַלטער יוזעף, וואָס האָט געפונען די פאַרשמירטע שטיקל פאַפיר, פון וועלכע ער האָט געמאַכט די פאַפּיראָסן, האָט זיך מיט מיר אַרומגעכאַפּט. מיין באַפרייאונג האָט געמאַכט אַ גרויסן איינדרוק אין שטאָט. פאַר אַ לאַנגער צייט איז דאָס געווען דער געשפּרעך פון טאָג. דער גרעסטער טייל פון דער ביעלסקער באַפעלקערונג איז געווען צופרידן פון מיין באַפרייאונג. די מייסטערס אָבער, און די פּאָליציי איז ניט געווען דערפון צופרידן.

מיין אַרבעט אין דעם באַפרייען פון מיינע חברים

עטלעכע טאָג נאָך מיין באַפרייאונג בין איך אַוועק צו מײשקעס עלטערן און אויך צו הושיעהס מוטער, ווייל קיין פאָטער האָט ער שוין ניט געהאַט. איך האָב זיי איבערגעגעבן וועגן דעם לעבן פון זייערע קינדער אין טורמע, אַביסל אויפגעמונטערט, געטרייסט און אויסגעדירקט די האָפנונג, אַז זיי וועלן אין קורצן באַפרייט ווערן.

מײשקעס עלטערן האָבן דערקלערט, אַז זיי האָבן קיינע אויס־זיכטן ניט ערגעץ צו קריגן פינף הונדערט רובל פאַר „פּאָרוטשיטעל־סטוואָ". הושיעהס מוטער האָט געזאָגט, אַז זי האָט יאָ אַן אויסזיכט, אָבער עס וועט איר אָנקומען זייער שווער: איטשע הערש דער מלמד איז געווען אירער אַ פעטער. האָט זי זיך באַשלאָסן ביי אים בעטן רחמים צו ראַטעווען איר קינד. ער איז אָבער געווען אַ האַרטער מענטש. האָט זי זיך געבעטן, אַז איך זאָל גיין מיט איר צו אים. דעם דאָזיקן מלמד האָב איך גוט געקענט. דאָס איז געווען אַן על־טערער ייד. ער האָט פאַרמאָגט הייזער. ער איז אָבער געווען אַ קאַרגער. איך האָב ניט געגלויבט, אַז דער קאַרגער ייד וועט וועלן העלפן. כדי זי ניט צו אַנטמוטיקן האָב איך פאַרגעשלאָגן, אַז זי זאָל

פריער אַליין גיין, און ווען זי וועט גאָרניט דערגרייכן, וועל איך דאַן פּרובירן מיט איר צוזאַמען. זי האָט איינגעוויליקט. אַ פּאָר טעג שפּעטער איז זי געקומען צו מיר מיט אַ געוויין: איר פעטער האָט זי אַרויסגעטריבן פון שטוב און פאַרזאָרגט ניט וואָגן איבערטרעטן זיין שוועל. — דאָס האָב איך דערוואַרט — האָב איך געזאָגט. פּרובירט זוכן אַנדערע פּלענער — האָב איך איר געראַטן. זי איז אָבער באַשטאַנען, אַז איך זאָל גיין צוזאַמען מיט איר, ווייל מיר וועט ער ניט וואָגן אַרויסצוטרייבן.

איך בין געגאַנגען מיט איר צום פעטער און אַזוי שנעל ווי מיר זיינען אַריבערגעטראָטן די שוועל פון זיין הויז האָט ער זיך שטאַרק צעשריען: איך וויל דיר ניט קענען מיט דיין זון דעם בונטאָווטשטשיק! — אָבער פעטער — האָט זי זיך ביי אים געבעטן — עס איז דאָך אייער בלוט און פלייש! — זאָל ער דאָרט פאַרפוילט ווערן אין טורמע, דער שגץ, דער יונגאַטש! — האָט ער געשריען.

— אָבער פעטער, — האָט זי מיט טרערן אין די אויגן זיך געבעטן: אָט דער יונגערמאַן וויל מיט אייך ריידן.

— אויך אַ שגץ? אויך אַ יונגאַטש? — האָט ער געפרעגט.

— ניין, אַן אָרענטלעכער יונגערמאַן, — האָט זי געענטפערט.

איטשע הערש דער מלמד האָט מיך אָפּגעמאָסטן און געפרעגט ווער בין איך?

— איך בין בערל אַבראַמקע, דעם אליינינקס זון!

דאָס דערהערט, אי ער געבליבן אין אַ פאַרלעגנהייט. פּונקט ווי די גאַנצע שטאָט האָט אויך ער געהערט וועגן מיר און האָט פאַרשטאַנען, דאָס אויף מיר טאָר ער ניט שרייען ווי אויף זיין פּלימעניצע.

— וואָס פאַרלאַנגסטו פון מיר? — האָט ער געפרעגט.

— ר׳ איטשע הערש! — האָב איך זיך געווענדט צו אים אין אַן איידעלן מילדן טאָן, — איך ווייס איר זייט אַ פרומער ייד און איר ווייסט זיכער ווי גרויס עס איז די מצוה פון „פּדיון שבויים״ בפרט, אַז אייך שטייט דאָ גאָר ניט צו פאַרלירן. אייער געלט איז דאָך זיכער. אַזוי שנעל ווי דער פּראָצעס וועט זיך ענדיקן קריגט איר דאָס געלט גלייך צוריק. וואָרום זאָלט איר דאָס ניט טאָן? עס

איז דאָך אויך אַ „פיקוח נפש"". אַ יונגער מענטש קען אָפּזיצן ווער ווייסט ווי לאַנג אומזיסט און אומנישט!

— ער זוכט ניט אַזעלכע מצוות און אים אַרט ניט אַז דער יונגאַטש וועט פאַרפוילט ווערן אין טורמע — האָט ער געענטפערט.

— אָבער ר' איטשע הערש, — האָב איך ווייטער געזאָגט, — זייט ניט אַזוי פאַרעקשנט. איר קענט דאָך ראַטעווען אַ מענטשן און דערביי גאָרניט פאַרלירן!

— איך וויל אים ניט ראַטעווען! — האָט ער געענטפערט, — אייערע רייד זיינען אַרויסגעוואָרפן... — ער האָט אונדז ביידן איבער־געלאָזט, איז אַריין אין אַן אַנדער צימער. הושיעהס מוטער איז אים נאָכגעלאָפן, געוויינט; ער האָט זי אָבער געטריבן פון הויז אַרויס. די סצענע האָט געמאַכט אויף מיר זייער אַ שווערן איינדרוק.

— קומט; — האָב איך זיך געווענדעט צו הושיעהס מוטער. מיר וועלן זוכן אַנדערע וועגן כדי אים צו באַפרייען. איך וועל אייך העלפן אין דעם, — האָב איך איר אַ ביסל אויפגעמונטערט. און מיר האָבן ביידע פאַרלאָזן איר פעטערס שטוב. עס זיינען פאַרביי וואָכן. מיישקע מיט הושיעהן זיינען נאָך אַלץ געזעסן הינטער די אייזערנע גראַטעס. מיר איז מיין פרייהייט ניט איינגעגאַנגען. איך בין אַריין אין טור־מע דער לעצטער און אַרויס דער ערשטער. עס האָט מיר געמאַ־טערט דער געדאַנק, אַז עפּעס מוז געטאָן ווערן פאַר זייער באַ־פרייאונג. איך האָב זיך אָפט געטראָפן מיט די עלטערן פון די אַרעס־טירטע, אַרומגערעדט די מעגלעכקייטן פון באַפרייען.

ענדלעך האָט אונדזער אַרבעט גענומען ציַיגן רעזולטאַטן. מיישקעס עלטערן זיינען מיט גרויס פרייד געקומען מיר אָנזאָגן די גוטע בשורה, אַז סענדער דער פאַרבער, מיישקעס אַ פעטער, האָט איינ־געוויליקט איינצולייגן פינף הונדערט רובל פאַר אים, און אַז ער וועט אין קורצן באַפרייט ווערן. שווערער איז אָבער צוגאַנגען מיט הושיעהס באַפרייאונג.

איינמאָל איז מיר אָבער איינגעפאַלן אַ געדאַנק צו פּרובירן ביי משה פעלדשער, וואו הושיעה האָט אַמאָל געאַרבעט. אַריינקומענדיק צו אים און ריידנדיק וועגן הושיעהן, האָב איך באַמערקט, אַז זיי האָבן רחמנות אויף אים. האָב איך אָנגעהויבן מיט אים צו ריידן וועגן

דער מעגלעכקייט, ער זאָל איינלייגן די נויטיקע סומע געלט פאַר הושיעהן, און ווען ער וועט באַפרייט ווערן וועט ער אים אָפּדינען מיט אַרבעט. איך האָב באַמערקט, אַז ער איז גענויגט דאָס צו טאָן. איך האָב וועגן דעם זיך דורכגעשמועסט מיט הושיעהס מוטער און איר געזאָגט, אַז זי קען העלפן אין דער זאַך, און זי זאָל גיין צו משה פעלדשער בעטן פאַר איר זון. זי איז אַוועק צו משה פעלדשער, געוויינט, געבעטן און ער האָט צוגעזאָגט צו זען וואָס ער קען טאָן פאַר הושיעהן.

אַ קורצע צייט שפּעטער איז הושיעה באַפרייט געוואָרן אַ דאַנק משה פעלדשער, וועלכער האָט איינגעלייגט די פינף הונדערט רובל. צוויי וואָכן שפּעטער האָט סענדער דער פאַרבער איינגעלייגט פינף הונ־דערט רובל פאַר מיישקען און ער איז אויך באַפרייט געוואָרן.

די אָרגאַניזאַציאָנעלע אויספאָרשונג

נאָכדעם ווי מיר זיינען שוין געווען פריי, און נאָכדעם ווי די פרייד מיט אונדזער באַפרייאונג איז פאַריבער — האָט די מאַסע אָנגעהויבן זיך פונאַנדערקלייבן אין אונדזערע אַרעסטן. עס האָט זיך געשאַפן אַ מיינונגס־פאַרשידנקייט אין באַצוג צו דער האַלטונג פון מיישקען מיט הושיעהן ביי די דאָפּראָסן. אייניקע האָבן זיי באַשול־דיקט אין אומפאָרזיכטיקייט; אַנדערע זיינען געגאַנגען אַ סך ווייטער און זיי באַשולדיקט אין אַרויסגעבן מיר און זיי געשטעמפּלט ווי פּראָוואָקאַטאָרן. זייער ווייניק מיטגלידער האָבן זיך איינגעשטעלט פאַר זיי. פון דעם איז אַרויסגעוואַקסן אַ פאַרלאַנג צו מאַכן אַן אויס־פאָרשונג וועגן די אַרעסטן גופא. די אָרגאַניזאַציע האָט אַזאַ אויס־פאָרשונג געמאַכט.

אַ געוויסן שבת נאָך מיטאָג האָט די צענטראַלע סכאָדקע זיך פאַרזאַמלט. אונדז דריי האָט מען אויסגעפרעגט יעדערן באַזונדער צו עטלעכע מאָל ביז דער גאַנצער ענין איז קלאָר געוואָרן. דעם איינדרוק, וואָס די צענטראַלע סכאָדקע האָט אַרויסבאַקומען, האָט מען איבערגעשיקט צום צענטראַלן קאָמיטעט, צו געבן אינסטרוק־ציעס וואָס ווייטער צו טאָן. די חברים, און בפרט מיישקע מיט

הושיעהן, זיינען געווען זייער אומגעדולדיק און געוואַרט אויף דער אַנטשיידונג פון צענטראַלן קאָמיטעט.

נאָך עטלעכע וואָכן וואַרטן איז די אַנטשיידונג געקומען. מיישקע מיט הושיעהן זיינען באַשולדיקט געוואָרן אין ניט אויספירן פּינקטלעך דעם אויסגעאַרבעטן פּלאַן פון אַריבערטראָגן די ליטעראַטור, און אין האַלטן זיך ווי שוואַכלינגע ביי די דאָפּראָסן, מיישקע איז באַזונדער באַשולדיקט געוואָרן אין זינדיקן קעגן די כּללים פון קאָנספּיראַציע מיטן בריוו צו מיר וואָס האָבן געפירט צו מיין אַרעסט. די אינ־סטרוקציעס זיינען געווען: צו דערווייטערן זיך פון זיי; באַטראַכטן זיי ווי ניט קיין פּאַרטרויענסווערטע מענטשן. דער באַשלוס איז אי־בערגעגעבן געוואָרן צו דער מאַסע מיט דער וואָרנונג ניט צו טאָן זיי קיין שלעכטס. מיישקען מיט הושיעהן האָט מען דעם באַשלוס ניט איבערגעגעבן, אָבער זיי האָבן דאָס שוין אויסגעפונען פון דער האַלטונג פון דער מאַסע, און זיי האָבן זיך געפילט זייער דערשלאָגן.

מיישקע מיט הושיעהן פאַרלירן זייער פרייהייט

מיישקע מיט הושיעהן האָבן זיך לאַנג ניט געהאַלטן אויף דער פרייהייט. זיי האָבן דאָס פאַרלאָרן, יעדער איינער אויף אַ גאַר באַזונדערן אופן. מיישקע איז גערופן געוואָרן צו מיליטער־דינסט, וואָס ער האָט פאַרפעלט צו טאָן צוליב זיין אַרעסט. ער איז דורכ־געגאַנגען אַ פיזישן עקזאַמען פון דאָקטוירים און איז צוגענומען גע־וואָרן. ער איז געשיקט געוואָרן ערגעץ ווייט ווייט צום דינען, אָבער ער האָט זיך דאָרט לאַנג ניט געהאַלטן. ער איז אַנטלאָפן. אַוועק נאָך אַמעריקע. דער אַרעסט האָט אָבער איבערגעלאָזט אַ גרויס וואונד אין זיין האַרצן. ער האָט שטאַרק דערפון געליטן. זיין יונגע האַרץ איז אויפגעפרעסן געוואָרן פון געוויסנסביסע. ער האָט לאַנג ניט אָנגעצויגן; אינגאַנצן אַ פיר אָדער פינף יאָר נאָך זיין קומען קיין אַמעריקע — האָט אים דער טויט באַפרייט פון זיינע ליידן.

מיט הושיעהן איז דער פאַל געווען גאָר אַנדערש: עס איז געווען אַן אָפּמאַך צווישן משה פעלדשער און הושיעהס מוטער, אַז נאָך זיין

באַפרייען זאָל הושיעה צוריק גיין אַרבעטן צו אים. דאָס וועט זיין די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר משה פעלדשער. אַ צייט האָט הושיעה טאַקע געאַרבעט. אַלץ איז געווען אין בעסטן אָרדונג. דאַן האָט זיך גע־שאַפֿן אַן אָנגעצויגענע לאַגע צווישן הושיעהן און משה פעלדשער: הושיעה איז פון דער נאַטור געווען אַ נערוועאישער. דאָס זיצן איז טורמע האָט אים געמאַכט נאָך מער נערוועאיש, פלעגט זיך ערגערן פון יעדער קלייניקייט. עס האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז יעדער איינער פאַרפאָלגט אים. דאָס האָט געפירט צו דעם אַז ער האָט אָנ־געהויבן צו טראַכטן, אַז משה פעלדשער איזדעקעווט זיך איבער אים דערפאַר וואָס ער האָט איינגעלייגט די „פּאָרוטשיטעלסטוואָ". עס האָבן זיך אָנגעהויבן איבעררייידונגען, וואָס איז שפּעטער איבערגעגאַנגען צו קריגערייען. הושיעה האָט געדראָט מיט וואַרפן די אַרבעט און משה פעלדשער מיט צוריקציען די „פּאָרוטשיטעלסטוואָ". ווען איך האָב זיך וועגן דעם דערוואוסט — האָב איך פּרובירט אויסגלייכן דעם סיכסוך, אָבער ביידע צדדים זיינען געווען פאַרעקשנט. הושיעהס מוטער האָט געוויינט און געקלאָגט פאַר אים און געבעטן ער זאָל ניט אַוועקגיין פון משה פעלדשער. זי האָט דערציילט ווי שווער עס איז אָנגעקומען צו קריגן עמיצן איינצולייגן פאַר אים דאָס געלט. אָבער ער (הושיעה) האָט זיך געהאַלטן ביי זיינס. אַ געוויסן טאָג איז ער אַוועק פון דער אַרבעט. יעדער איינער פון דער אָרגאַניזאַציע האָט זיך געבעטן ביי הושיעהן ער זאָל גיין צוריק אַרבעטן, ווייל ער וועט געוויס אַרעסטירט ווערן. צו דער זעלבער צייט האָב איך געאַרבעט, איינגעטענהט מיט משה פעלדשער ער זאָל זיך ניט כאַפּן און צוריק־ציען די „פּאָרוטשיטעלסטוואָ" — הושיעה וועט זיך באַדענקען — האָב איך אים דערקלערט, און וועט צוריק קומען אַרבעטן. ער האָט געוואָרט. ווען עס איז אָבער אַריבער אַ פּאָר וואָכן און ער איז ניט צוריקגעקומען, האָט משה פעלדשער צוריקגעצויגן די „פּאָרוטשיטעל־סטוואָ" און הושיעה איז ווידער אַרעסטירט געוואָרן. ווען מען האָט הושיעה דורכגעפירט פאַרביי די הויז פון משה פעלדשער, האָט ער אויפגעהויבן אין דער הויך אַ פויסט, וואָס דאָס האָט געמיינט, אַז ער וועט זיך מיט אים אָפּרעכענען. משה פעלדשער האָט דאָס געזען, און האָט זיך דערשראָקן. ער האָט מיט מיר איינגעטענהט אַז ער איז

ניט שולדיק אין דער גאַנצער מעשה. הושיעה האָט אים דערצו גע־טריבן. איך האָב אים געראַטן ער זאָל ווידער פאַר אים איינלייגן דאָס געלט. ער האָט אָבער ניט איינגעוויליקט.

משה פעלדשער איז אַרומגעגאַנגען אין איין שרעק. ער האָט זיך געשראָקן אַרויסצוגיין אין די אָווגטן, די אָרגאַניזאַציע זאָל זיך מיט אים ניט אָפּרעכענען. די אָרגאַניזאַציע איז אָבער געווען מיט דעם מיינונג, אַז הושיעה האָט ניט קלוג געהאַנדלט און מען קען קיינעם ניט נויטן איינצולייגן געלט פאַר עמיצן.

הושיעה איז אָבער לאַנג ניט פאַרבליבן אין דער ביעלסקער טורמע. מען האָט אים איבערגעשיקט קיין גראָדנע אין דער גובערנ־סקער טורמע, וואו עס האָט געדאַרפט פאָרקומען אונדזער פראָצעס אין דער גובערנסקער סודעבנער פּאַלאַטע, דעם 18טן אָקטאָבער 1905, פונקט אַ טאָג נאָך דעם היסטאָרישן 17טן אָקטאָבער, ווען עס איז געגעבן געוואָרן די „קאָנסטיטוציע״.

אַזוי אַרום בין איך ווידער געבליבן דער איינציקער פון די דריי אַרעסטירטע אויף דער פריי. איך האָב זיך צוריק אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט פון דער אָרגאַניזאַציע מיט מער פאָרזיכטיקייט, ווייל לויטן געזעץ, האָט מען מיך געקענט אַרעסטירן צו יעדער צייט, אויב איך קום ניט נאָך די תקנות פון אַן אַרויסגעלאָזענעם אויף „פּאָרוטשיטעלסטוואָ״. איך האָב ניט געטאָרט פאַרלאָזן די שטאָט און געמוזט זיין צו יעדער צייט ווען מען זוכט מיך. און אַזעלכע פאַלן האָבן זיך געמאַכט עטלעכע. ווען דער זשאַנדאַרמייסטער פלעגט אַראָפּקומען קיין ביעלסק — פלעגט ער שיקן נאָך מיר. אָבער אין קיין איין איינציקן פאַל האָט מען מיר ניט געטראָפן אין שטוב. מיין משפחה פלעגט דעם זשאַנדאַרם וואָס פלעגט קומען נאָך מיר, אָנגעבן אַ תירוץ פאַר מיין ניט זיין אין דער היים. איינמאָל איז דער זשאַנ־דאַרמייסטער געקומען קיין ביעלסק און האָט געשיקט נאָך מיר — ער דאַרף מיר נויטיק אויספרעגן וועגן אַ געוויסן פונקט, וואָס איז נאָך ניט אינגאַנצן קלאָר, און מוז מיטן פאַרנאַכטיקן צוג צוריק פאָרן אַהיים. געוויינלעך האָט מען מיר ניט געפונען אין דער היים. מיין משפחה האָט דעם זשאַנדאַרם צוגעזאָגט באַלד מיר צוצושיקן. זיי האָבן זיך אַרויסגעלאָזט מיר צו זוכן. באַלד האָבן זיי אויסגעפונען

אַז איך געפֿין זיך גאָר אין ביאַליסטאָק און וועל צוריק קומען מיט דעם פּאַרנאַכטיקן צוג. האָבן זיי זיך שטאַרק דערשראָקן: „קען דאָך דער זשאַנדאַרמייסטער צוריק רופן די „פּאָרוטשיטעלסטוואָ״! פון דער אָרגאַניזאַציע וואוהין מען איז געקומען מיך זוכן האָט מען מיין משפחה פאַרזיכערט, אַז עס וועט קיין שלעכטס ניט פּאַסירן. מען האָט מיין משפחה געראַטן צו זאָגן דעם זשאַנדאַרם, אַז איך אַרבעט ערגעץ דעם טאָג, און זיי ווייסן ניט וואו.

ווען דער זשאַנדאַרם איז געקומען אַ צווייטן מאָל נאָך מיר — האָבן זיי אים געזאָגט: איך בין ערגעץ אַוועק אַרבעטן, זיי ווייסן ניט וואו. אַזוי שנעל ווי איך וועל קומען פון דער אַרבעט וועלן זיי מיר גלייך שיקן. דער זשאַנדאַרם האָט זיך געבייזערט: דער זשאַנ־דאַרמייסטער מוז צוריקפאָרן מיטן פּאַרנאַכטיקן צוג און וועט צוליב דעם פאַרשפּעטיקן דעם צוג. ווער ווייסט וואָס ער קען נאָך טאָן פון כעס. מיין משפחה האָט ווידער געזאָגט דאָס זעלבע, זיי וועלן מיך שיקן אַזוי שנעל ווי איך וועל קומען פון דער אַרבעט. ווען זיי וויסן, וואו איך אַרבעט, האָבן זיי דערקלערט, וואָלטן זיי זיכער געגאַנגען מיר רופן. פון דער אָרגאַניזאַציע האָט מען זיי פאַרזיכערט, אַז אַלץ וועט שוין פאַרזאָרגט ווערן.

פּאַרנאַכט, ווען דער צוג פון ביאַליסטאָק איז אָנגעקומען, אַזוי שנעל ווי איך האָב אויסגעשטיגן פון וואַגאָן האָט מען מיר געלאָזט וויסן וואָס עס איז געשען. אויב מעגלעך זאָל איך גלייך גיין צום זשאַנדאַרמייסטער אין „גאָסטיניציע״ וואו ער וואַרט מיט אומגעדולד אויף מיר. איך האָב אָבער ניט געקענט גיין צו אים! איך האָב געהאַט אַרומגעוויקלט מיין קערפּער מיט אומלעגאַלע ליטעראַטור, פּראָקלאַ־מאַציעס — האָב איך זיך געלאָזט מיט די רעלסן צו יאַגוסטאָווער וועג, פון דאָרט צו מיין שוועסטער אויף ברײנסקער גאַס, וואו איך האָב זיך באַפרייט פון דער אומלעגאַלער ליטעראַטור, און בין באַלד אַוועק צום זשאַנדאַרמייסטער.

מיך דערזען, האָט ער זיך צעשריען, אַז צוליב מיר האָט ער פאַרשפּעטיקט דעם צוג. ער האָט מיך געסטראַשעט צו אַרעסטירן, צוריקרופן די „פּאָרוטשיטעלסטוואָ״. איך האָב זיך פאַרענטפערט: איך האָב געאַרבעט און ניט געוואוסט, אַז ער וואַרט פאַר מיר. ביים

אויספרעגן מיר איז ער געווען צעקאָכט, אויפגערעגט, האָט געשריען, געגוואַלדעוועט, געסטראַשעט. עס האָט אים נאָך מערער ווי געטאָן מיין רואיקייט, וואָס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז מיר גייט זיין שרייען, זיין גוואַלדעווען גאָרניט אָן איך שרעק זיך ניט פאַר זיינע סטראַשונקעס.

פאַרטיק געוואָרן, בין איך גלייך אַוועק אַהיים און באַרואיקט די משפחה.

די קאָנסטיטוציע אַנשטאָט דעם פּראָצעס

עס האָבן זיך געצויגן חדשים און מיר צוויי, איך אויף דער פריי אין ביעלסק און הושיעה אין דער גראָדנער טורמע, האָבן געוואַרט אויף אונדזער פּראָצעס. מיישקע איז שוין געווען אין אַמעריקע. אָקטאָ־בער 1905 איז שוין געקומען די קאָנסטיטוציע. די לופט איז געווען אָנגעפילט מיט רעוואָלוציע. גרויסע סטרייקן זיינען שוין געווען אין גאַנג. באַנען זיינען שוין ניט געלאָפן אין צייט. עס האָט זיך גע־פילט, אַז עס קומט די באַפרייאונג. עס איז נאָר אַ פראַגע פון טעג אָדער וואָכן. עס האָט זיך שטאַרק געוואָלט זיין אין דער היים און צוזאַמען מיט די מיטגלידער פון דער אָרגאַניזאַציע פרייען זיך. אָבער פונקט דעמאָלט האָב איך געמוזט פאַרלאָזן ביעלסק און פאָרן קיין גראָדנע צום פּראָצעס.

עס איז געווען אַ געפאַר אַז איך זאָל שוין ניט קענען קריגן קיין באַן. איך האָב איינגעפּאַקט די נויטיקע זאַכן, מיטגענומען אַ ביסל געלט און געפאָרן קיין גראָדנע. אויפן וואָקזאַל זיינען אַ סך מענטשן געקומען מיך צו באַגלייטן. אַלע האָבן זיך געפילט שטאַרק אַנטמוּ־טיקט, האָבן אָבער מיך דערמוטיקט מיט דער האָפנונג, אַז עס איז אַ פראַגע פון עטלעכע טעג און איך וועל צוריקקומען. ווען דער צוג האָט זיך אַ ריר געטאָן איז די לופט פאַרהילכט געוואָרן פון הוראַ געשרייען פון די באַגלייטערס.

קיין גראָדנע בין איך געקומען אויף אַן אַדרעס פון אַ מיטגליד פון דער אָרגאַניזאַציע. מען האָט מיר גלייך באַזאָרגט מיט אַ קוואַר־

טיר און מען האָט מיר איבערגעגעבן, אַז דער אַדוואָקאַט שטיינבערג וועט מיך פאַרטיידיקן. עס איז אויך אָנגעשטעלט געוואָרן אַן אַדוואָקאַט צו פאַרטיידיקן הושיעהן. אויפן צווייטן טאָג בין איך אַוועק אין די „סודעבנע פּאַלאַטע" וואו איך האָב געטראָפן מיין אַדוואָקאַט שטיינ־בערג. ער איז ניט געווען איבעריקס צופרידן מיטן פּראָצעס. די באַשולדיקונג שפּאַרט זיך שטאַרק אָן אויף די אויסזאָגונגען פון די מיטבאַשולדיקטע, און דאָס מאַכט די גאַנצע זאַך קאָמפּליצירט. ער האָט מיך אינפאָרמירט, אַז איך ווער באַשולדיקט אויפן סמך פון צוויי פּאַראַגראַפן (126 און 131). דער ערשטער איז פאַר באַזיצן אומלע־גאַלע ליטעראַטור. דער צווייטער — פאַר פּראָפּאַגאַנדע קעגן דער רעגירונג. די שטראָף פאַרביידע איז ביז צען יאָר טורמע, אָדער עטלעכע יאָר סיביר. ער האָט מיר געהייסן זיך באַלד צו מעלדן אַז איך בין געקומען צום פּראָצעס. ער האָט אָבער אויסגעדריקט זיין מיינונג, אַז קיין פּראָצעס וועט ניט פאָרקומען. די ריכטער קענען צוליב דעם באַן סטרייק ניט קומען.

איך בין גלייך אַוועק אין סעקרעטאַריאַט פון דער פּאַלאַטע און זיך געמאָלדן. מען האָט מיר געהייסן קומען מאָרגן. פון דאָרט בין איך אַוועק צו הושיעהס אַדוואָקאַט. — ער דערוואַרט אַ קלענערע שטראָף פאַר הושיעהן — האָט ער דערקלערט, ווייל מיט זיין אַנטלויפן קיין אַמעריקע, האָט מיישקע אַרונטערגענומען אַ גרויסן טייל פון דעם שולד פון הושיעהן, און דאָס וועט פאַרלייכטערן זיין שטראָף.

דאַן בין איך אַוועק אין טורמע זיך זען מיט הושיעהן. אין דער טורמע־קאַנצעלאַריע, וואו איך האָב געבעטן די דערלויבעניש, האָט מען מיר פאַרהאַלטן אַרום אַ שעה צייט, ביז זיי וועלן אָנפרעגן אין דער פּאַלאַטע. דער ענטפער איז געווען אַז ניין, ווייל ווי אַ מיטבאַ־שולדיקטער קען איך אים ניט זען.

פאַרטיק געוואָרן מיט די פּראָצעס אנגעלעגנהייטן בין איך אַוועק צו דער אַרבעטער בירזשע. דאָרט האָט געשוויבלט און געגריבלט מיט מענטשן. עס האָט זיך געפילט דאָס אָנקומען פון אַ שטורם. מיין קומען צום פּראָצעס איז פון אַלעמען באַטראַכט געוואָרן ווי אַן אומזין. ביז שפּעט אין אָוונט האָב איך פאַרבראַכט מיט די מענטשן און

אַוועק אויף מיין קוואַרטיר שלאָפֿן. דעם צווייטן טאָג בין איך אַוועק צו דער „סודעבנע פּאַלאַטע".

— קיין פּראָצעס וועט ניט פֿאָרקומען — האָט מען מיר דאָרטן געזאָגט. — קענסט פֿאָרן צוריק אַהיים! — מען וועט דיר שוין צו וויסן לאָזן, ווען צו קומען אַ צווייטן מאָל!... איך בין גלייך אַוועק אויף מיין קוואַרטיר און געלאָזט וויסן, אַז איך פֿאָר אַהיים. דאַן ביז איך אַוועק צו דער בירזשע, זיך געזעגנט מיט די גראָדנער חברים, געכאַפּט אַ צוג און געפֿאָרן אַהיים.

אין ביאַליסטאָק האָב איך געדאַרפֿט בייטן די באַן און ביז אויסגעשטיגן. אויפֿן וואָקזאַל האָב איך באַמערקט אַ גרויסע ענדע־רונג. די פֿריערדיקע שטרענגקייט איז פֿאַרשוואונדן. „נאַטשאַל־סטוואָ" איז געווען צעטראָגן. די סאָלדאַטן וואָס האָבן פּאַטרולירט דעם וואָקזאַל זיינען געשטאַנען ביי דער זייט אָן אַ שטאָך אַרבעט. איך האָב גלייך פֿאַרשטאַנען, אַז די שעה האָט געשלאָגן. פֿון דער גרויסער צאָל מענטשן אויפֿן וואָקזאַל האָבן זיך צו מיינע אויערן דערטראָגן די ווערטער „קאָנסטיטוציע" און „פֿרייהייט". איך בין גלייך געוואָרן אומרואיק און באַשלאָסן ניט צו וואַרטן אויפֿן וואָקזאַל. איך האָב זיך אַרויפֿגעכאַפּט אויף אַ טראַמוואַי און געפֿאָרן אין שטאָט אַריין.

באַלד האָב איך דערזען גרויסע מאַסן מענטשן פֿאַרזאַמלט אויף די גאַסן. וואָס ווייטער האָט דער טראַמוואַי געהאַט גרעסערע שוועריי־קייטן צו פֿאָרן. ביי דער טערקישער בעקעריי לעבן שטאָט־זייגער, אויף נאָוואָליפּיע גאַס, בין איך אַרונטער און באַלד אַריינגעפֿאַלן אין אַ ים פֿון צעפֿלאַמטע אַרבעטער. לעבן יעדער גרופּע איז געשטאַ־נען אַ רעדנער און גערעדט וועגן דעם גרויסן אַרבעטער־זיג. איך האָב זיך ווי עס איז דערשלאָגן צו די מיטגלידער פֿון מיין פּאַרטיי. זיי האָבן זיך זייער שטאַרק דערפֿרייט מיט מיר. מיין באַפֿרייאונג איז געקומען מיט דער אַרבעטער באַפֿרייאונג. דאָס איז געווען אַ באַ־זונדערע פֿרייד.

זיי האָבן מיר דערציילט וועגן די לעצטע קרבנות וואָס ביאַ־ליסטאָק האָט געגעבן, ווען די מאַסע האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו דער טורמע און געוואָלט באַפֿרייען די אַרעסטירטע חברים. סאָלדאַטן

האָבן געשאָסן, און עטלעכע אַרבעטער זיינען געפאַלן. די מאַסע האָט אין אַ פּראָטעסט־דעמאָנסטראַציע זיך געלאָזן אין שטאָט אַריין. זיי האָבן מיר אויך דערציילט פון יענעם היסטאָרישן אומפאַרגעסלעכן מאָמענט, ווען דער פּאָליציימייסטער איז געקומען צו פאָרן. ביים שטאָט־זייגער האָט ער אַרויסגענומען אַ לאַנגן פּאַפּיר און געלייענט דעם דעקרעט פון צאַר ניקאָלאַי צו געבן פרייהייט און אַ קאָנסטיטוציע פאַרן לאַנד, וואָס איז אויפגעכאַפּט געוואָרן מיט דער גרעסטער באַגייסטערונג.

איך האָב דעם היסטאָרישן טאָג פון 17טן אָקטאָבער, 1905, פאַרבראַכט ביז שפּעט אין דער נאַכט מיט די ביאַליסטאָקער חברים. דאַן בין איך צוריקגעגאַנגען צום וואָקזאַל, גענומען אַ צוג, וואָס האָט מיך געבראַכט אין ביעלסק.

נאָך מיטאָג האָב איך זיך באַוויזן אויף דער בירזשע, אויפן פּאַראַדנעם פּלאַץ, ביים שפּאַציר־גאָרטן. די אַרבעטער־מאַסע האָט מיך אויפגענומען מיט גרויס פרייד. איך בין געוועזן שטאַרק גערירט פון דער ענטוזיאַסטישער אויפנאַמע. — זאָל ער ריידן! — האָט זיך געהערט פון אַלע זייטן. איך האָב זיך לאַנג ניט געלאָזט בעטן, און צום ערשטן מאָל האָב איך געהאַלטן אַן עפנטלעכע רעדע. דאָס איז ניט געווען איינע פון מיינע אַגיטאַציע רעדעס. דאָס איז געווען אַ רעדע פון געפילן רופן. ווען איך האָב געהאַלטן מיין רעדע איז פאַרבייגעגאַנגען דער נאַדזיראַטעל, פאַר וועלכן מען פלעגט זיך צעלויפן, ווען מען האָט אים נאָר דערזען פון דער ווייטנס. דאָס מאָל איז ער דורכגעגאַנגען צווישן די שורות אַרבעטער מיט אַ שמייכל.

אַ פּאָר חדשים שפּעטער האָבן מיינע עלטערן באַקומען אַ פּאַפּיר פון דער סודעבנע פּאַלאַטע, אַז איך ווער באַפרייט פון מיין פּראָצעס מיט אַן אָנווייזונג אויף די פינף הונדערט רובל. דערווייל איז אויך יהושיעה געקומען צוריק פון טורמע.

דער אַרעסט פון חייאַימיקן

דער נאָמען חייאימיק איז פאַרצויגן פון חיים. מען האָט אים אַזוי גערופן ווייל ער איז געווען אַ שטיפערישער נאַטור. ער איז געווען דער זון פון יאָסל ווידיוּוער, אַ שענקער. פון פאַך איז ער געווען אַ געהילף־בוכהאַלטער. געאַרבעט האָט ער ביי ניימאַרק, מאַלצאָווס אײדעם, אין דעם גרויסן מעל און הערינג געשעפט. ער איז געווען זייער אַ לעבעדיקער, דרייסטער און געוואָגטער. ער פלעגט טאָן פאַר דער אָרגאַניזאַציע ריזיקאַלישע אַרבעט. די געוואַגטקייט זיינע האָט טאַקע געפירט צו זיין אַרעסט, גראַד ווען ער האָט זיך געקליבן צו פאָרן קיין אַמעריקע. די געשיכטע פון זיין אַרעסט איז אַזאַ:

אַ געוויסן אָוונט, ווען צוויי מיטגלידערינס פון דער אָרגאַניזאַציע, מיין פרוי שרהקע קלמן־בערס, און שרה־פייגע, די טאָכטער פון גרשון דעם שוסטער, האָבן שפּאַצירט אין דער אַלעע אויף ביאַליסטאָקער גאַס, קעגן איבער דעם רוסישן סאָבאָר, איז חייאימיק צוגעקומען צו זיי און דערציילט אַז ער קומט איצט פון בריאַנסקער גאַס, אַרום די קאַזאַרמעס, וואו ער האָט צעטיילט סאָלדאַטן פּראָקלאַמאַציעס. די צוויי מיטגלידערינס האָבן אים געראַטן דאָס מער ניט צו טאָן, ווייל ער קען נאָך אַריינפאַלן, בפרט אַז ער קלייבט זיך פאָרן קיין אַמעריקע. ער האָט אָבער צו זיי זיך ניט צוגעהערט. אַזוי ריידנדיק זיינען פאַרבייגעגאַנגען עטלעכע סאָלדאַטן. חייאימיק האָט אַריינגעשטעקט זיינע הענט אין די קעשענעס און אַרויסגעצויגן עטלעכע פּראָקלאַמאַציעס, וואָס זיינען אים נאָך פאַרבליבן. די צוויי מיטגלידערינס האָבן גלייך פאַרשטאַנען וואָס ער וויל טאָן — האָבן זיי אים אָפּגערעדט דערפון. חייאימיק האָט זיך ניט צוגעהערט צו זיי, איז אַרויס פון דער אַלעע אין גאַס אַרויס און דערלאַנגט די סאָלדאַטן פּראָקלאַמאַציעס. די סאָלדאַטן האָבן דערזען וואָס דאָס איז, האָבן זיי זיך געלאָזט גלייך נאָך אים. זייער אַ פלינקער, האָט ער זיך געלאָזט לויפן. די סאָלדאַטן נאָך אים. ווען ער האָט דערגרייכט נעבן שטאָט־זייגער, האָט ער געוואָלט זיך אַריינכאַפּן אין בורשטיינס הויף, דורך וועלכן ער וואָלט זיך געקענט אַריינדרייען אין אַ הינטער־געסל און פאַרלאָרן־גיין פון די סאָלדאַטן. לויפנדיק האַסטיק האָט ער אָבער

זיך פֿאַרטשעפּעט אין פּריידקעס בריקל, אָנפֿאַנג הויף, און איז אומ־געפֿאַלן. אין דעם מאָמענט האָבן די סאָלדאַטן אים געכאַפּט, אַוועק־געפֿירט אין דער פּאָליציי. די צוויי פּאַרטיי מיטגלידערינס, דערזעענ־דיק וואָס עס איז פֿאָרגעקומען, האָבן דורך שמשון שמידס הויף זיך דורכגעכאַפּט דורך די גערטנער אַרום דער קרעניצע, אַריין אין הויז פֿון שרה־פֿייגע אין יענעם געגנט, האָבן דאָרט איבערגענעכטיקט די נאַכט.

ווען די סאָלדאַטן זיינען פֿאַרטיק געוואָרן מיט חייאימיקן האָבן זיי צוזאַמען מיט פּאָליציי זיך אַרויסגעלאָזן זוכן די צוויי „באַרישנעס״. די יונגע מיידלעך, וואָס זיינען געווען מיט חייאימיקן אין דער אַלעע. זיי האָבן אויך געזוכט איבער די הויפֿן אַרום בורשטיינס הויף און האָבן זיי ניט געפֿונען. שרהקע קלמן־בערס האָט גראַד געוואוינט אויף בורשטיינס הויף, אָבער זי האָט גענעכטיקט ביי איר פֿריינדינע, שרה־פֿייגע דעם שוסטערס.

חייאימיק איז אַ צייט געזעסן אין טורמע, און ווען די אויספֿאָרשונג איז פֿאַרטיק געוואָרן, איז ער געשטעלט געוואָרן פֿאַרן געריכט. די פּאַרטיי האָט אים געגעבן אַ גוטן אַדוואָקאַט. ער איז פֿאַרמשפּט גע־וואָרן אויף דריי יאָר תּפֿיסה.

דער אַרעסט פֿון דעם יונגן סטאַווסקי

סטאַווסקי איז געווען נאָך גאָר אַ יונגער בחור אַרום 16 יאָר אַלט. געלערנט האָט ער זיך אין דער אויעזדנער אוטשילישטשע. זיין פֿאָטער איז געווען אַן אַרויסהעלפֿער אין געריכט. פֿלעגט געבן עצות און שרייבן פּראָשעניעס. קיין אַדוואָקאַט איז ער אָבער ניט געווען.

דער אַרעסט פֿון סטודענט סטאַווסקי איז פֿאָרגעקומען אונטער אַזעלע אומשטענדן: אַ געוויסן פֿרימאָרגן, ווען אַלע תּלמידים זיינען שוין געווען פֿאַרזאַמלט אין זייערע קלאַסן, האָט זיך פּלוצלינג דער־הערט אַן אויפֿרייס פֿון אַ באָמבע אין איינעם פֿון די צימערן. אַן אויוון איז אַביסל געשעדיקט געוואָרן און די שויבן פֿון עטלעכע פֿענצטער זיינען אויסגעזעצט געוואָרן. דערהערט דעם קראַך, זיינען זיך די תּלמידים צעלאָפֿן. די אַדמיניסטראַציע פֿון דער אוטשילישטשע האָט באַטראַכט דעם אויפֿרייס און האָט געפֿונען שטיקלעך פֿון אַ פּע־

טאַדרע. מען האָט גלייך צו וויסן געגעבן די פּאָליציי. די לעצטע האָט פאַרזאָגט די אַדמיניסטראַציע ניט צו באַלעסטיקן די סטודענטן מיט קיין פראַגן. דער צעשעדיקטער איווון איז פאַרריכט געוואָרן. נייע שויבן זיינען אַריינגעשטעלט געוואָרן און די לימודים זיינען פאָרטגעזעצט געוואָרן.

אין אַ טאָג אָדער שפּעטער האָט די פּאָליציי געקראָגן אַ צעטל מיט נעמען פון אַלע תּלמידים וואָס לערנען זיך אין יענעם צימער, וואו דער איופּרייס איז פאָרגעקומען. זי האָט נאָכגעשפּירט יעדן איינעם פון זיי.

נאָך אַ לאַנגער זוכעניש האָט די פּאָליציי באַשלאָסן, אַז דער יונגער סטאַווסקי איז דער, וואָס האָט אונטערגעלייגט די פּעטאַרדע אין איווון. קיין דירעקטע באַווייזן האָט די פּאָליציי ניט געהאַט. זי האָט דער גאַנצער זאַך געבויט אויף פאַרדאַכט. צו יענער צייט האָט אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג זיך באַוויזן די אַנאַרכיסטישע גרופּע, וואָס האָט געפּריידיקט טעראָר. אין ביעלסק האָבן זיך געפונען אַ פּאָר יונגע אַרבעטער אַנאַרכיסטן. סטאַווסקי פלעגט זיך חברן מיט זיי. אויף דעם פאַרדאַכט האָט די פּאָליציי אים אַרעסטירט און באַשולדיקט אין דעם איופּרייס.

סטאַווסקי האָט דאָס קיינמאָל ניט צוגעגעבן. דאָך האָט ער זיך אָפּגעוואַלגערט אַ צייט אין טורמע. זיין פאָטער האָט אויסגענוצט זיין דערפאַרונג אין די געריכטן, פאַרוואָרפן אַלע קאַנצעלאַריעס מיט בקשות און האָט דערגרייכט אַפילו ביזן סענאַט. אָבער עס האָט ניט געהאָלפן. גרויס געוויכט האָט סטאַווסקיס פאָטער געלייגט אויף דעם וויזיט אין ביעלסק פון דעם דאַמאָלסטדיקן אינערן מיניסטער סוויאַטאָפּאָלק־מירסקי. ער האָט אים אָפּגעוואַרט ביים אַריינגאַנג אין דער פּאָליצייסקע אופּראַוולעניע, האָט אים איבערגעגעבן אַ פּראָשעניע און געבעטן אים פערזענלעך זיך צו פאַראינטערעסירן מיטן אומשולדיקן יונגן בחור. דאָס האָט אויך ניט געהאָלפן. סטאַווסקי איז נאָך פאַרבליבן הינטער אייזערנע גראַטעס לאַנג נאָך דעם. און ווען איך האָב פאַרלאָזן רוסלאַנד איז ער נאָך אַלץ געזעסן אין טורמע. פון געוויסע קוועלן האָב איך געהערט, אַז ער איז פּראָצעסירט און פאַראורטיילט געוואָרן אויף דריי יאָר תּפיסה.

דער אַרעסט פון רפאל דעם שוסטער

דער אַרעסט פון רפאל דעם שוסטער איז געווען דער רעזולטאַט פון אומפּאַרזיכטיקייט און ניט אויסגערעכנטער האַנדלונג פון אים, און פון זיינעם אַ חבר אווראַמקע דער שערער. ביידע זיינען זיי געקומען צו גאַסט פון ביאַליסטאָק צו די ביעלסקער חברים. זיי האָבן זיך אויפגעהאַלטן ביי מיר. אין דער פרי בין איך צוזאַמען מיט זיי אַרויס אויף אַ שפּאַציר. אין פראַנט פון אונדזער הויף זיינען מיר געבליבן שטיין, כדי צו באַשליסן וואוהין מיר זאָלן שפּאַצירן. אַ סך מענטשן, צווישן זיי אַ היפּש ביסל סאָלדאַטן, זיינען אונדז פאַרבייגע־גאַנגען. די געסט האָבן זיך געוואונדערט: ווי קומט אין אַזאַ קליינער שטאָט אַזוי פיל סאָלדאַטן? איך האָב זיי דערקלערט, אַז יעדן חודש שיקט מען אַריין אַנדערע סאָלדאַטן. מען בייט זיי, וואַרשיינלעך צוליב דעם, אַז זיי זאָלן ניט ווערן צו פריינטלעך מיט אונדז. די שטענדיקע סאָלדאַטן וואָס געפינען זיך אין ביעלסק טרויט מען וואַר־שיינלעך ניט. — אויב אַזוי, באַמערקט אַווראַמקע דער שערער, קען מען דאָך דאָ טאָן גוטע אַרבעט צווישן די סאָלדאַטן! — מיר טוען טאַקע, — האָב איך געענטפערט. אַזוי ריידנדיק, שטעקט ער אַריין זיינע הענט אין די קעשענעס, שלעפּט אַרויס עטלעכע פּראָקלאַמאַציעס, און וויל זיי גיין פאַרטיילן צווישן די סאָלדאַטן.

— ניין! — האָב איך געזאָגט, — דאָס איז ניט ביאַליסטאָק. דאָ מוז מען זיין אַ סך פאַרזיכטיקער. איך דערצייל אים די מעשה מיט חיימיקן, וואָס זיצט נאָך אין טורמע פאַר אַזאַ אומפּאַרזיכטיקייט.

— דאָס דאַרף קיינעם ניט אָפּשרעקן — באַמערקט ער, און רייסט זיך צו גיין טיילן די פּראָקלאַמאַציעס.

— גייט ניט! — האָב איך אים צוריקגעהאַלטן.

ער איז אָבער אַרויס אין גאַס, דערלאַנגט די פּראָקלאַמאַציעס צו עטלעכע סאָלדאַטן. אייניקע האָבן דאָס אַריינגעלייגט אין די קע־

שענעס. אַנדערע האָבן זיי אָוועקגעוואָרפן. איינער האָט אַ קוק געטאָן, געזען וואָס דאָס איז, האָט ער זיך געלאָזן נאָך אַוראַמקע דעם שערער. יענער איז אָבער פאַרשוואונדן. דער זעלנער, ווען ער האָט אים ניט געקענט כאַפּן, איז צוריק געקומען און זיך געלאָזט גיין צו אונדז. איך האָב קיין אומלעגאַלע זאַכן ביי זיך ניט געהאַט, בין איך געבליבן שטיין. רפאל דער שוסטער האָט אָבער געהאַט ביי זיך אַ רעוואָלווער — האָט ער אָנגעהויבן זיך אָוועקרוקן. דער סאָלדאַט האָט דאָס באַמערקט, האָט ער זיך געלאָזט נאָך אים. רפאל דער שוסטער האָט דאַן אָנגעפאַנגען לויפן, אָבער דער סאָלדאַט האָט אים געכאַפּט. — איך האָב ניט קיין פּראָקלאַמאַציעס — האָט רפאל דער שוסטער צו אים געטענהט. — די מענטשן אַרום האָבן פּרובירט איינטענהן מיטן סאָלדאַט, אָבער דער סאָלדאַט האָט זיך געהאַלטן ביי זייניקע, אַז ער איז איינער פון די דריי וואָס האָבן פאַרטיילט פּראָקלאַמאַציעס. רפאל דער שוסטער האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיטן רעוואָלווער, וואָס איז געלעגן ביי אים אין קעשענע. אין פאַרלאָרנקייט האָט ער אַרויסגענומען דעם רעוואָלווער פון דער קעשענע און אים אַרונטערגעלאָזן אויף דער ערד... וואָלט ער אים אַ וואָרף געטאָן ערגעץ ווייט, וואָלט עס אימיצער אַ כאַפּ געטאָן און אַנטלאָפן. דער סאָלדאַט וואָלט דאָך אים ניט אָפּגעלאָזן און ניט געלאָפן נאָכן רעוואָלווער, אויס מורא ער (רפאל) זאָל ניט אַנטלויפן. האָט ער אָבער אַרונטערגעלאָזן דעם רעוואָלווער נעבן זיך. דער סאָלדאַט האָט דאָס גלייך אַ כאַפּ געטאָן, און טאַקע מיטן רעוואָלווער צעטריבן דעם עולם און גענומען אים פירן אין דער פּאָליציייסקי אופּראַווּלעניע. איך האָב זיך צו דעם צוגעקוקט און גאָרניט געקענט העלפן.

איך בין צוגעגאַנגען צו די איזוואָזטשיקעס, וואָס שטייען ביים אָנפאַנג פאַראַדנעם פּלאַץ, ביים פּליאַמפּ, און זיי געבעטן אויסצודרייען זייערע דראָזשקעס, ווען דער סאָלדאַט וואָס פירט רפאל דעם שוסטער, וועט זיי פאַרבייגיין, אַזוי, אַז דער סאָלדאַט זאָל מיינען, אַז ער איז אין געפאַר איבערגעפאָרן צו ווערן — דאַן וועט רפאל דער שוסטער זיך אַ ריס טאָן פון אים און אַנטלויפן. זיי האָבן אָבער מורא געהאַט. איינער האָט זיך יאָ איינגעשטעלט, האָט דאָס געטאָן. עס האָט אָבער ניט געאַרבעט. דער סאָלדאַט האָט געהאַלטן פעסט רפאל

דעם שוסטער און אים ניט אָפּגעלאָזן. האָב איך דאַן צוזאַמענגעקליבן אַ גרעסערע צאָל חברים און סתם נייגעריקע און פּרובירט זיך אַרומ־דרייען אַרום זיי פון אַלע זייטן, מיטן צוועק צו צעטומלען דעם סאָל־דאַט. אָבער דאָס האָט אויך ניט געאַרבעט. דער סאָלדאַט מיטן רע־וואָלווער אין האַנט האָט קיינעם צו זיך צו נאָענט ניט צוגעלאָזט און האָט דעם אַרעסטירטן געהאַלטן פעסט. און דאָ איז אים געקומען צו הילף אַ „גאָראָדאָוואָי״ און צוויי סאָלדאַטן. אַלע צוזאַמען האָבן זיי אים אַוועקגעפירט.

געזען אַז אַלץ איז פאַרלאָרן, בין איך אַוועק צום אַדוואָקאַט גורעוויטש, וואָס האָט פיל געטאָן פאַר די פּאָליטישע אַרעסטירטע. איך האָב אים דערציילט וואָס עס האָט פּאַסירט און געבעטן אַרויס־צוראַטעווען דעם אַרעסטירטן. ער האָט מיר געגעבן שוואַכע האָפנונגען. אויף מאָרגן האָט ער מיר דערקלערט דאָס ער קען גאָר ניט טאָן.

רפאל דער שוסטער איז געזעסן אַ צייט אין דער ביעלסקער טורמע. דאַן האָט מען אים ערגעץ אַוועקגעשיקט און געמשפּט ווי אַ פּראָפּאַגאַנדיסט צווישן סאָלדאַטן און טעראָריסט. ער איז פאַר־אורטיילט געוואָרן צו זעקס יאָר טורמע.

דער מאַסן־אַרעסט

דער מאַסן־אַרעסט איז פאָרגעקומען זומער 1904 ווי אַ רעזולטאַט פון אַ באָמבע אויפרייס. אין ביעלסק האָבן זיך געפונען אַרום אַ טוץ מיטגלידער פון דער אַנאַרכיסטישער גרופּע. קיין איינפלוס אויף דער מאַסע האָבן זיי אָבער ניט געהאַט. עס זיינען אַרומגעגאַנגען קלאַנגען, אַז זיי האָבן אין ביעלסק אַן אָרט, וואו זיי פאַבריצירן באָמבעס, און אַז זיי קלייבן זיך צו וואַרפן באָמבעס אויף געוויסע געביידעס. די אָרגאַניזאַציע האָט קיין גרויס געוויכט אויף די דער־מאָנטע קלאַנגען ניט געלייגט. די פּאָר פאַבריקן און די וואַרשטאַטן זיינען געווען אונטערן קאָנטראָל, די פּאָליציי איז געווען געצוימט. האָט געדאַנקט גאָט אַז מען טשעפּעט זי ניט, צו וואָס זשע וואַרפן באָמבעס? אָבער דאָס, וואָס האָט אויסגעזען לעכערלעך אין די אויגן

פון דער אָרגאַניזאַציע, האָט אויסגעזען קלוג אין די אויגן פון די מיטגלידער פון דער אַנאַרכיסטישער גרופּע.

אין אַ געוויסער נאַכט איז די באַפּעלקערונג, וואָס האָט געוואוינט אַרום ראַטהויז, אויפגעוועקט געוואָרן פון שלאָף צוליב אַ שטאַרקן קראַך פון אַ באָמבע, וואָס איז געוואָרפן געוואָרן אויף דעם לײדיקן מאַרק־פּלאַץ, אין דער לינקער זייט פון ראַטהויז. זיי זיינען אַרויס פון די בעטן און אַרויסגעלאָפן אין גאַס. באַלד איז געקומען פּאָליציי, געזוכט, גענישטערט, האָט אָבער גאָרניט געפונען, חוץ שטיקלעך פון דער באָמבע. קיין גרויסע שאָדן האָט דער אויפרייס ניט געמאַכט, האָט אָבער געבראַכט יסורים און ליידן פאַר דער אָרגאַניזאַציע און פאַר דער קליינער גרופּע אַנאַרכיסטן.

די אָרגאַניזאַציע און די גרופּע אַנאַרכיסטן האָבן באַצאָלט אַ טייערן פּרייז. אַ סך גרעסער איז געווען דער פּרייז, וואָס די אָרגאַ־ניזאַציע האָט באַצאָלט, ווי די אַנאַרכיסטישע גרופּע. די אָרגאַניזאַציע האָט פאַר דעם באָמבע אויפרייס פון די אַנאַרכיסטן באַצאָלט מיט אַ מאַסן־אַרעסט. יענעם פרימאָרגן באַלד נאָכן אויפרייס איז צום פּלאַץ געקומען די גאַנצע ביעלסקער פּאָליציי און סאָלדאַטן. זיי האָבן אַרומגעזוכט דעם גאַנצן געגנט און אַוועק מיט ליידיקן. דער זשאַנ־דאַרמייסטער און פּראָקוראָר זיינען צוריק געפאָרן קיין בריסק, פון וואַנען זיי זיינען געקומען. דאָס האָט אַלעמען באַאומרואיקט. אַ וואָך און צוויי זיינען פאַרביי און גאָרניט האָט פּאַסירט. מען האָט אַלץ באַהאַלטן, וואָס איז געווען אומלעגאַל.

אָבער סוף דער צווייטער וואָך האָבן זיך אָנגעהויבן גרויסע אַרעסטן. פּאָליציי און סאָלדאַטן זיינען געגאַנגען איבער די הייזער, לויט אַ צעטל וואָס זיי האָבן אויסגעאַרבעט, האָבן אַרויסגעשלעפּט פון די בעטן און אַוועקגעריסן מענטשן פון די וואַרשטאַטן. אין איין וואָך האָבן זיי אַרעסטירט איבער פופציק פּערזאָן, צום גרעסטן טייל מיטגלידער פון אונדזער אָרגאַניזאַציע. דער דאָזיקער מאַסן־אַרעסט האָט אויפגעטרייסלט די גאַנצע ביעלסקער באַפּעלקערונג. עלטערן זיינען אַרומגעלאָפן איבער די גאַסן אין טויט שרעק, אַז זייערע קינדער זאָל מען ניט אַרעסטירן. טראָץ אַלע מאַטערנישן פון דער

פּאָליציי האָט מען נאָך עטלעכע וואָכן לאַנגזאַם אָנגעהויבן צו באַ־פרייען די אַרעסטירטע.

דער מאַסן־אַרעסט האָט אָבער געבראַכט אַ סך טראַגעדיעס, ווי למשל, דער פּאַל מיט שמעון בליאָמבע, דעם זון פון פּיוול ריבי־לער. זיין מוטער איז געווען זייער קראַנק און איז געשטאָרבן פון שרעק מען זאָל איר זון ניט אַרעסטירן. שבת אין דער פרי, ווען די פאַרשטאָרבענע איז געלעגן אויפן דיל איז אַריינגעקומען דער אָקאָ־לאַדאָטשני וואָלטשינסקי מיט עטלעכע סאָלדאַטן, צוגעגאַנגען צו שמעון בליאָמבע און דערקלערט, אַז ער איז אַרעסטירט. שמעון בליאָמבע האָט זיך איבערגעבויגן איבער זיין טויטע מוטער, האָט געשעפּטשעט עטלעכע ווערטער.

— קומט! — האָט ער זיך געווענדעט צו דער פּאָליציי און סאָל־דאַטן, און צו דער פאַמיליע האָט ער געזאָגט: — איר וועט זי שוין מוזן באַגראָבן אָן מיר!

דער אַרעסט צוליב דער באָמבע

דער דאָזיקער אַרעסט איז פאָרגעקומען אַ צייט נאָכן מאַסן־אַרעסט. די פּאָליציי האָט זיך אַרומגעזען אַז זי האָט געמאַכט אַ טעות אין חשבון וועגן דער באָמבע אויפרייס. ווען זי איז געקומען צום באַשלוס, אַז וואַרפן אַ באָמבע וועט אונטערנעמען אַ גרויסע אָרגאַ־ניזאַציע און ניט קיין געציילטע מיטגלידער פון אַ גרופּע, האָט זי זיך קאָנצענטרירט אויף דער פּאַרטיי פּ. פּ. ס. וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער גאַנצער אַרבעט אין ביעלסק, און די מיטגלידער פון דער אַנאַרכיסטישער גרופּע האָט זי צו רו געלאָזט. דער מאַסן־אַרעסט האָט זי אָבער איבערצייגט, אַז דער באָמבע־אויפרייס איז ניט געווען די אַרבעט פון דער פּאַרטיי פּ. פּ. ס. זי האָט אָנגעהויבן נאָכשפּירן די מיטגלידער פון דער אַנאַרכיסטישער גרופּע.

דער נייער אַרעסט איז ניט געווען קיין רעזולטאַט פון דער פּאָליצייאישער פעאיקייט. דאָס איז געשען אינגאַנצן אומדערוואַרטעט: געזוכט האָט די פּאָליציי גאָר אַ גרויסע גנבה און האָט זיך צופעליק

אָנגעשטויסן אָן די באָמבעס. דער „וויפּוסט״ איז געווען דער נאָמען פון די פּאָר קוואַרטאַלן האַרט ביי דער דוביטשער טייך. דער „ווי־פּוסט״ איז געווען באַוואוינט פון זייער אָן אָרימער באַפעלקערונג. האָט זיך געמאַכט אַ גנבה אין שטאָט האָט מען עס געזוכט אויפן „וויפּוסט״״. דאָרטן האָט געוואוינט דעם קוימען־קערערס אַ טאָכטער וועמענס מאַן איז געווען אין אַמעריקע, און זי האָט געוואָרט ער זאָל איר אַריבערנעמען. זי האָט דערווייל געאַרבעט ווי אַ דינסט, און אין דער צייט פון באָמבען־אַרעסט האָט זי געאַרבעט ביי דעם גביר סירקין. איר וואוינונג אויפן „וויפּוסט״ איז געשטאַנען ליידיק, און ווען אַ יונגערמאַן האָט זיך אָנגעבאָטן צו דינגען איר וואוינונג, האָט זי דאָס באַטראַכט פאַר אַ גליקלעכן צופאַל און האָט גערן אים פאַרדונגען. זי האָט נאַטירלעך ניט געוואוסט, אַז דער יונגערמאַן איז אַ מיטגליד פון דער אַנאַרכיסטישער גרופּע.

גלייך ווי ער האָט זיך אַריינגעקליבן אין הויז, האָט ער מיט נאָך אַנדערע פאַרוואַנדלט די שטוב אין אַ קאָנספּיראַטיווע קוואַרטיר. דער עולם פון יענעם געגנט האָט באַמערקט די יונגעלייט, זיי האָבן אָבער קיין גרויס אויפמערקזאַמקייט ניט געשאַנקן. מען האָט געדענקט, אַז מען קומט זיך פאַרוויילן. ווען עס איז אין שטאָט באַגאַנגען געוואָרן אַ גרויסע גנבה און פּאָליציי האָט זיך אַרויסגעלאָזן זוכן די גנבים, האָט זי אַרומגערינגלט עטלעכע קוואַרטאַלן פון „וויפּוסט״ און גע־זוכט פון הויז צו הויז. אַז זיי זיינען צוגעקומען צום הויז פון דעם קוימען־קערערס טאָכטער, האָבן זיי אָן עפן־געטאָן די טיר און זיינען שטאַרק איבערראַשט געוואָרן: דריי יונגעלייט מיט רידלען אין די הענט האָבן געגראָבן אַ גרוב, און אין אַ סעטשל וואָס איז געלעגן דערביי האָבן זיי דערזען באָמבעס. מען האָט גלייך גערופן מער פּאָליציי, אַרומגערינגלט דאָס הויז, געמאַכט אַ שטרענגע אונטערזו־כונג, אָבער מען האָט מער קיין זאַך ניט געפונען.

מען האָט די דריי מיטגלידער פון דער אַנאַרכיסטישער גרופּע צוזאַמען מיט די באָמבעס אַוועקגעפירט אין פּאָליצייסקע אופּראַוולע־ניע. עטלעכע שעה שפּעטער איז געקומען דער זשאַנדאַרמייסטער פון בריסק, האָט אויסגעפרעגט די אַרעסטירטע, באַטראַכט די באָמבעס, און האָט זיי אָפּגעשיקט אין טורמע. עס איז אָבער ניט פעסטגעשטעלט

געוואָרן צי די באָמבעס זיינען טאַקע פאַבריצירט געוואָרן אין יענעם הויז. די הויז האָט זיכער געדינט ווי אַ סקלאַד. צווישן די ביעלסקער מיטגלידער פון דער אַנאַרכיסטישער גרופּע האָבן זיך ניט געפונען אַזעלכע, וואָס האָבן געקענט מאַכן באָמבעס.

דער דאָזיקער אַרעסט און פאַרשיקונג אויף קאַטאָרגע האָט געמאַכט אַ גוואַלטיקן איינדרוק. יענעם טאָג ווען מען האָט די אַרעסטירטע געפירט צום באַן, וועל איך קיינמאָל ניט פאַרגעסן. איך בין געשטאַנען אין פראָנט פון מיין הויז, זיך צוגעקוקט צו די יונגע קינדער, וואָס קיינער פון זיי, חוץ דעם קוימען־קערערס טאָכטער, איז ניט אַלט געווען מער ווי צוואַנציק יאָר. אַלע מיט שווערע קייטן אויף די הענט און פיס, וואָס האָט פאַרקלונגען די גאַס, אַלע מיט האַלב־אָפּגעגאָלטע קעפּ. אַזוי האָבן זיי זיך געשלעפּט איבער די גאַסן און גרויס שרעק איז געווען אין זייערע אויגן.

צווישן די אַרעסטירטע אין דעם באָמבן־אַרעסט זיינען געווען צוויי, וואָס האָבן זיך אויסגעטיילט מיט זייער אייגנאַרטיקייט. איינער פון זיי איז געווען וועלוול, דער זון פון עליע שוסטער, הויך געוואקסן און אַ דאַרער. ער האָט זיך געהאַדעוועט אין גרויס אָרעמקייט, האָט ניט באַקומען קיין שום בילדונג, און אפילו ווייניק געגאַנגען אין חדר. פון דער נאַטור אַ דערשלאָגענער, אָן אַמביציעס איז ער געווען גלייכגילטיק צו אַלץ אַרום אים. ער איז געווען בטבע אַ שווייגער. עס איז אַ רעטעניש ווי אַזוי ער קומט צו דער אַנאַרכיסטישער גרופּע. עס איז אַ גרויסער ספק, אויב ער האָט פאַרשטאַנען די שרעקלעכע לאַגע זיינע.

אַן אַנדער טיפּ איז געווען איינער, וואָס מען האָט אים גערופן „אָט־וואָס", ווייל, צי מען האָט באַדאַרפט, צי ניט, פלעגט ער באַנוצן דאָס דאָזיקע וואָרט. דאָס איז געווען גאָר אַ יונגער יינגל. ביים פּראָצעס איז ער פאַררעכנט געוואָרן ווי אַ מינדעריאָריקער. ער איז געווען אַ קליין־געוויקסיקער און האָט אויסגעזען כמעט אַ קינד. ער איז געקומען פון וויסאָקאָ־ליטאָווסק, ניט ווייט פון ביעלסק. געאַרבעט האָט ער ביי אַ שניידער. ענערגיע און מוט האָט אָט דער קליינינקער אַנאַרכיסט פאַרמאָגט גאָר אַ סך. גערעדט האָט ער מיט אַ קוויטשעדיקער, הילכנדיקער שטימע, וואָס מען האָט געקענט הערן

פאַר מיילן. אין דעבאַטן וואָס פלעגן פאָרקומען צווישן די מיטגלידער פון פּ. פּ. ס. מיט די אַנאַרכיסטן, איז ער שטענדיק געווען דער וואָרט־זאָגער, דער רעדנער.

דער אַרעסט און הינריכטונג פון דעם מאַרטירער יצחקל

גאָר אַן אַנדער טיפּ איז געווען יצחקל. וועגן זיין אָפּשטאַמונג, זיין פאַך ביי וועלכן ער האָט געאַרבעט און זיין פּאַרטיי אנגעהעריקייט איז פאַרצייכנט געוואָרן אויפן צעטל פון די ביעלסקער רעוואָלוציאָנערן. געענוי אין וואָס איז באַשטאַנען זיין אַרבעט אין דער אַנאַרכיסטישער גרופּע איז מיר ניט באַקאַנט, ווייל איך בין ניט געווען קיין מיטגליד אין יענער גרופּע. אָבער יצחקל אַליין איז מיר געווען זייער גוט באַקאַנט. דאָס איז געווען אַ גרויסער וואולקאַן אין אַ קליין־געוויקסיקן קערפּער. עס האָט פּשוט געשאָסן פון אים, און עס איז גענוג געווען אַ קוק צו טאָן אין זיינע פייערדיקע אויגן, כדי זיך צו איבערצייגן, אַז ער האָט געקענט באַגייסטערן און באַאיינפלוסן מאַסן. עס איז ניט וויכטיק געווען וואָס ער האָט גערעדט, נאָר ווי אַזוי ער האָט גערעדט. ער האָט פּשוט באַצויבערט מענטשן.

וואָלט יצחקל פאַרמאָגט בילדונג, וואָלט ער זיכער געווען פון די גרעסטע קעפּ אין דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. אָבער מיט זיין באַגרענעצטן וויסן האָט ער קיין סך ניט געקענט דערגרייכן. אין ביעלסק האָט ער זיך געפונען גאַנץ ווייניק, ווייל ביעלסק איז געווען אַ צו קליינע טעטיקייסט־פעלד פאַר אים. ער איז דערפאַר שטענדיק אַרומגעפאָרן מיט פאַרשידענע פּאַרטיי־שליחותן און געטאָן די געפערלעכסטע אַרבעט.

אים האָט מען אַרעסטירט אין ביאַליסטאָק, אָבער זיין אַרעסט האָט אַ גרויס שייכות מיט ביעלסק. דער פּאָליצייסקי אָקאָלאָדאָטשני אויף וועמען יצחקל האָט געשאָסן, און פאַר וואָס ער האָט באַצאָלט מיט זיין יונג לעבן, איז אויך געווען פון ביעלסק. ער האָט געדינט אין דער ביעלסקער פּאָליציי און זיין נאָמען איז געווען קאָוואַלסקי (אָדער קאָוואַליעווסקי, איך געדענק שוין ניט גענוי).

געקומען איז ער פון אַ דאָרף, אַן אויסגעדינטער סאָלדאַט, האָט ער זיך אָנגעגעבן אין דער דינסט אין ביעלסקער פּאָליציי און איז געוואָרן אַן אָקאָלאָדאָטשני. ער איז געווען אומפאַרהייראַט און האָט געזוכט געפעלן צו ווערן דעם שיינעם געשלעכט. איז ער אָבער געווען אַ פּראָסטער מוזשיק. די טעמפּקייט און נאַרישקייט איז געלעגן אויס־געשפּרייט אויף זיין פלאַכן פּנים מיטן דיקן נאָז אינמיטן. מיידלעך און פרויען האָבן פון אים געוויכט. דאָס האָט אים שטאַרק געערגערט און ער האָט דאָס צוגעשריבן צו דעם קליינעם ראַנג (טשין) וואָס ער האָט פאַרמאָגט; — וואָלט ער געהאַט אַ העכערן טשין אין דער פּאָליציי — האָט ער מיט זיין מוזשיטשקע קאָפּ באַרעכנט — וואָלטן שוין די באַרישניעס און יונגע מיידלעך צו אים זיך געקלעפּט. ביי־שפּילן האָט ער געהאַט גענוג פון אַנדערע העכערע באַאַמטע אין דער פּאָליציי און אין מיליטער. דעריבער האָט ער באַשלאָסן זען מיט אַלע כּוחות צו דערדינען זיך צו אַ העכערן טשין.

דער פלאַץ פאַר אַ פּאָליציי באַאַמטן צו דערשלאָגן זיך צו אַ העכערן אַמט איז אין יענער צייט געווען די „אָכראַננאַיע אָטדעלע־ניע", די טרויעריק באַרימטע באַהאַלטענע געהיים־אָפּטיילונג פאַר שפּיאָנאַזש, צו שפּיאָנירן רעוואָלוציאָנערן און פרייהייט־קעמפער. און אַהער איז קאָוואַלסקי אַוועק דינען אין ביאַליסטאָק. אין ביעלסק האָט ער דאָס ניט געקענט טאָן, ווייל אַלע רעוואָלוציאָנערן האָבן אים דאָרט גוט געקענט.

אין אַ געוויסן טאָג, ווען יצחקל האָט שפּאַצירט אויף נאָוואָליפּיע גאַס מיט מיטגלידער פון דער ביאַליסטאָקער אַנאַרכיסטישער גרופּע, האָט ער דערקענט אָט דעם ביעלסק׳ן אָקאָלאָדאָטשני, הגם ער איז געווען אין ציווילע קליידער. יצחקל האָט זיך גענומען אָפּטראָגן, אָבער דער שפּיאָן פאָלגט אים נאָך. דאַן האָט יצחקל גענומען שטעלן שנעלערע טריט, אָבער דער שפּיאָן איז אים נאָכגעגאַנגען שוין ניט אַליין, נאָר שוין מיט אַ פּאָר זעלנערס. ער פּרובירט דאָס לעצטע און פאַנגט אָן לויפן. קליין און פלינק איז יצחקל געווען, האָט ער גע־האַפּט, דאָס אים וועט זיך איינגעבן אויסצומישן זיך מיט דער גע־דיכטער מאַסע שפּאַצירנדיקע און פאַרפאַלן ווערן פון די אויגן פונם שפּיאָן מיט די סאָלדאַטן. ער האָט אָבער געמאַט אַ פאַטאַלן טעות:

זיי זיינען אים נאָכגעלאָפן האַרטנעקיק און פון אויג ניט אָפּגעלאָזן. יצחקל האָט דערזען, אַז ס'איז שלעכט — האָט ער אַרויסגעכאַפּט אַ רעוואָלווער, האָט אויסגעשאָסן, געטראָפן דעם שפּיאָן אין קני און דער לעצטער איז אַנידערגעפאַלן. די סאָלדאַטן האָבן זיך שטאַרק גענומען יאָגן נאָך יצחקלען און שטאַרק לויפנדיק האָט ער זיך צום אומגליק אויסגעגליטשט און איז אומגעפאַלן. אין דעם מאָמענט האָבן די סאָלדאַטן אים געכאַפּט.

צוליבן קריגס־צושטאַנד איז יצחקל געשטעלט געוואָרן פאַר אַ מיליטערישן קריגס־געריכט, וואָס האָט אים פאַראורטיילט צום טויט דורך הענגען. מען האָט אים אָבער ניט געהאַנגען, נאָר געשאָסן.

ווען די נייס פון יצחקלס אַרעסט האָט דערגרייכט ביעלסק איז די גאַנצע שטאָט צערודערט געוואָרן. די באַפעלקערונג פון שטאָט האָט גוט געוואוסט, אַז ביאַליסטאָק איז אונטער קריגס־צושטאַנד און אַ באַוואָפנטער ווידערשטאַנד קעגן דער פּאָליציי (און מיליטער) מיינט ניט קיין אַנדער זאַך ווי טויט־שטראָף. אַלע האָבן שטאַרק באַדויערט זיין גורל. אַ באַזונדערן שווערן איינדרוק האָט די נייעס געמאַכט אויף די מיטגלידער פון דער אָרגאַניזאַציע און אויף דער גאַנצער ביעלסקער אַרבעטערשאַפט. די עטלעכע טעג פונם אַרעסט ביז דער הינריכטונג זיי־נען געווען שווערע, פּיינלעכע טעג פאַר אונדז, פאַר די אַלע וואָס האָבן געקענט יצחקלען. און ווער אין ביעלסק האָט אים ניט געקענט? אים און אויך זיין גאַנצע משפּחה? זיין פאָטער האָט געהייסן נחום סופר. זיין פאָטערס הויז האָט געצויגן אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט, געוועגדעט צו זיך אַלעמענס אויגן, יעדער וואָרט, יעדע באַוועגונג פון דאָרט איז אויפגעכאַפּט געוואָרן מיט די גרעסטע שפּאַנונג.

מערסטנטייל אויפגעכאַפּטע פאַר די פּאָר טעג קלאַנגען זיינען געווען בלויז פּראָדוקטן פון דער צעשרויפטער פאַנטאַזיע, פון דער צעטרייסל־טער פאָרשטעלונג, ניט געשטויגענע און ניט געפלויגענע לעגענדעס. וועלכע האָבן לחלוטין ניט געשטימט מיט דער ווירקלעכקייט. מיר איז אָבער געלונגען צו באַקומען די אמתע פאַקטן וועגן יצחקלס לעצטע טעג פון זיין לעבן, פון זיין אַרעסטירט ווערן אָן ביזן לעצטן מאָמענט פון זיין מאַרטירער טויט. דער קוואַל פון וואַנען די פאַקטן זיינען גענומען געוואָרן איז דער זיכערסטער: פון דער קאַנצעלאַריע

פון גענעראַל גובערנאַטאָר איבער ביאַליסטאָק, וואָס האָט באַהאַנדלט די גאַנצע זאַך פון אָנפאַנג ביזן טראַגישן סוף.

געקראָגן די פאַקטן האָבן ניט קיין אַנדערע ווי יצחקלס פאָטער נחום סופר, וועלכער איז אַוועקגעפאָרן קיין ביאַליסטאָק צוזאַמען מיט זיין קרוב משה פעלדשער און פרובירט זיך דערשלאָגן אין קאַנצעלאַריע פון גענעראַל־גובערנאַטאָר בעטן רחמים.

משה פעלדשער איז געווען אַ קרוב פון יצחקלס פאַמיליע פון דער פרויס זייט. משה פעלדשערס שווער (דער פרויס פאָטער) איז געווען אַ בלעכער־מייסטער און זיין געווערקשאַפט איז געווען הויז צו הויז מיט משה פעלדשערס הויז, און דאָרט האָט יצחקל זיך געלערנט די אַרבעט בלעכעריי. משה פעלדשער האָט אים דעריבער גוט געקענט און דערצו נאָך אַ קרוב — האָט אים שטאַרק ווייי געטאָן די האַרץ אויף יצחקלס שיקזאַל. חוץ דעם איז משה פעלדשער געווען אַ ליבע־ראַלער מענטש און האָט גוט באַהערשט די רוסישע שפּראַך, האָט ער זיך זייער נוצלעך געמאַכט אין יענע שווידערלעכע פינצטערע טעג צו דער אומגליקלעכער פאַמיליע. קומענדיק מיטן פאַרצווייפלטן פאָ־טער פון יצחקלען קיין ביאַליסטאָק האָט ער פּרובירט אָנווענדן אַלע כוחות זיך צו דערשלאָגן אין דער קאַנצעלאַריע פון גענעראַל־גובער־נאַטאָר — בעטן רחמים, מען האָט זיי אָבער ניט צוגעלאָזט ביז נאָך דער הינריכטונג, און אַפילו דאַן, ניט צום גענעראַל־גובערנאַטאָר גופא, נאָר צו קלענערע באַאמטע.

עס איז געווען אַ גרויסע איבערראַשונג פאַר משה פעלדשער און נחום סופר די העפלעכקייט מיט וועלכער די באַאמטע פון דער קאַנ־צעלאַריע האָבן זיי אויפגענומען. פון אָנפאַנג האָבן זיי געציטערט — אַזעלכע נאָענטע פון אַזאַ געפערלעכן פאַרברעכער. קיין העפלעכקייט און מיטלייד האָבן זיי זיכער דאָרטן ניט דערוואַרט.

משה פעלדשער האָט מיר דערציילט אַלע פרטים פון זייער אויפנאַמע אין קאַנצעלאַריע: די באַאמטע האָבן אויסגעדריקט באַ־דויערונג און מיטלייד אויף דער גאַנצער זאַך. — זיי האָבן געזאָגט צו אונדז: „וועד אָן טאָלקאָ מאַלטשיקאָם ביל" (ער איז דאָך גאָר אַ יינגל געווען), „זשאַלקאָ, זשאַלקאָ" (אַ שאָד, אַ שאָד)! האָבן זיי געשאָקלט מיט די קעפּ אַלס צייכן פון מיטלייד און פאַרדראָס.

— די באַאַמטע פון גענעראַל־גובערנאַטאָרס קאַנצעלאַריע האָבן גערן געענטפערט אויף אַלץ וואָס מיר האָבן זיי געפרעגט — האָט מיר משה פעלדשער איבערגעגעבן. פריער פון אַלץ האָט מען אונדז געצייגט די פאָטאָגראַפישע בילד פון יצחקלען, מיר זאָלן דערקענען צי דאָס איז טאַקע געווען יצחק בערעק (ווי זיין צווייטער נאָמען איז געווען). נאָכדעם ווי דער פאָטער האָט באַשטעטיקט, אַז דאָס איז טאַקע די פאָטאָגראַפיע פון זיין זון יצחק־בערעק — האָבן מיר פאַרלאַנגט, מען זאָל אונדז אַרויסגעבן דעם טויטן קערפער אים צו באַערדיקן אויפן יידישן בית עולם. דיזער פאַרלאַנג איז אונדז צוריקגעוויזן געוואָרן, ווייל דאָס איז געווען קעגן די דעמאָלטדיקע רוסישע געזעצן אַרויסצוגעבן די קרובים די קערפערס פון די הינגעריכטעטע.

מיר האָבן זיי דאַן געבעטן אונדז דערציילן אַלע פּרטים און פּאַסירונגען פון דעם אַרעסט ביז דער לעצטער מינוט פון יצחקלס לעבן. די באַאַמטע האָבן אונדז דאָס געטאָן; דורכבלעטערנדיק אַ סך פּאַפּירן און פאַרשריבענע אַקטן און פּראָטאָקאָלן האָבן זיי אונדז דערציילט אויספירלעך אַלע געשעענישן: זיי האָבן אונדז איבערגעגעבן, אַז באַלד נאָכן אַרעסט, ווען מען האָט אים געפירט צו דער „פּאָליצייסקע אופּראַוולעניע" — האָבן אים די סאָלדאַטן געשלאָגן. יצחקל האָט זיך דאַן געווענדט צו זיי און געזאָגט: — „ניע בעיטיע מעניאַ, בראַטיאַ, מעניאַ פּאָוועסיאַט, נאַטשטאָ יעשטשאָ ביט"!... (שלאָגט מיך ניט ברידער, מען וועט מיך אויפהענגען, טאָ צו וואָס נאָך דער שלאָגן!). דאָס, נאַטירלעך, צייגט, אַז יצחקל האָט גוט באַגריפן זיין לאַגע גלייך נאָכן אַרעסט.

באַלד ווי מען האָט אים געבראַכט אין דער פּאָליציי, אויף דער פראַגע פאַרוואָס ער האָט דאָס געטאָן? האָט ער געענטפערט: „איך האָב געהאַנדלט לויט מיינע פּרינציפּן — ניט איבערצוגעבן זיך אין די הענט פון דער פּאָליציי אָן אַ קאַמף"...

אויף דער פראַגע צי ער האָט געוואוסט אַז אין ביאַליסטאָק עקזיסטירט קריגס־צושטאַנד און וואָס אַזוינס מיינט פאַר אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד? האָט ער געענטפערט: „יאָ, איך האָב געוואוסט, אָבער געהאַנדלט האָב איך לויט מיינע פּרינציפּן"...

אויף אַלע אַנדערע פראַגן האָט ער גאָרניט געענטפערט.

ביים פּראָצעס אין מיליטערישן קריגס־געריכט האָט יצחקל זיך אַנטזאָגט פון אַ פאַרטיידיקער. מען האָט אים אָבער יאָ געגעבן אַ פאַר־טיידיקער, אַן אָפיצער, ווייל אַזוי האָט געפאָדערט דער געזעץ.

דער פאַרטיידיקער האָט געמיט זיך אויפצואווייזן, אַז יצחקל איז נאָך צו יונג זיך אָפּצוגעבן אַ חשבון און צו באַגרייפן וואָס ער האָט געטאָן. דעריבער האָט דער פאַרטיידיקער געבעטן דאָס געריכט, מען זאָל אים שענקען דאָס לעבן. דער געריכט האָט מיט דער פאַר־טיידיקונג זיך ניט גערעכנט און מען האָט אים פאַראורטיילט צום טויט דורך הענגען.

ביאַליסטאָק האָט אָבער קיין אייגענעם תלין (הענקער) ניט גע־האָט, און האָט גראָד אין יענעם מאָמענט ניט געקענט קריגן. האָט מען פאַררופן די דאָרפישע פּאָליציי פון אויעזד — די סטראַזשני־קעס — ווי מען האָט זיי גערופן און פאַרגעלייגט דאָס אימיצער פון זיי זאָל פרייוויליק אָננעמען די אויפגאַבע פון אַ תלין. נויטן וועמען צו אַזאַ זאַך האָט מען, לויט דעם דעמאָלטיקן צאַריש־רוסישן געזעץ, ניט געקענט, ווייל אַ בירגער האָט ניט געקענט זיין קיין הענקער. אַ בירגער האָט קיינעם ניט געטאָרט טויטן. בלויז אַ קאַטאָרזשניק, וועלכער פאַרלירט אויטאָמאַטיש זיין בירגער־רעכט, האָט געקענט ווערן אַ הענקער. פּאָליציי האָט געמעגט טויטן בלויז דאַן, ווען דאָס איז געלעגן אין די ראַמען פון אירע פליכטן. צוםביישפּיל ווען איינער לאָזט זיך ניט אַרעסטירן — האָט זי געמעגט שלאָגן און אַפילו דער־שיסן, אָבער ניט באַשטימען קיין הענקער אויסער די ראַמען פון זייערע פליכטן.

באמת מעג דאָס געזאָגט ווערן צו גוטן דער דאָרפישער פּאָליציי פון יענעם אויעזד, דאָס ס'האָט זיך ניט געפונען קיין איינער וואָס זאָל מסכים זיין אָפּצוטאָן דאָס דאָזיקע בלוטיקע שטיקל אַרבעט: פּשוטע מוזשיקעס, טאַטעס פון קינדער — איז זיי דאָס געווען דער־ווידער... האָט מען געמוזט אָנקומען צו סאָלדאַטן און איבערבייטן דעם אורטייל אויף יצחקלען פון הענגען אויף שיסן...

אין אַ געווויסן גראָען פרימאָרגן, איידער די זון איז נאָך אויפ־געגאַנגען — זיינען אין ביאַליסטאָקער וואַלד, אַרום אַ בוים, וואו

עס איז שוין געווען אויסגעגראָבן אַ גרוב פאַר יצחקלס קערפּער — אויסגעשטעלט געוואָרן צוויי ווזוואָדן (פּייער סקוואָדס) סאָלדאַטן פון צוויי באַזונדערע רעגימענטן: איינער פון וולאַדימירסקי פּאָלק, דער צווייטער פון קאַזאַנסקי; דאָס איז געמאַכט געוואָרן וואָרשיינלעך מיטן ציל צו זיין זיכער, אין פאַל איין ווזוואָד וועט זיך אָפּזאָגן צו שיסן — וועט דאָס טאָן דער אַנדערער... ביידע ווזוואָדן זיינען אויסגעשטעלט געוואָרן אין אַ האַלבן צירקל.

באַלד איז יצחקל געבראַכט געוואָרן אין דער באַגלייטונג פון אַ גרויסער וואַך פּאָליציי. ער איז צוגעבונדן געוואָרן צום בוים. בעת מען איז צוגעקומען פאַרדעקן אים זיין פּנים מיט אַ טוך — האָט ער פּראָטעסטירט: ער וויל ניט קיין טוך! ער האָט קיין מורא ניט צו קוקן דעם טויט גלייך אין די אויגן!

די טוך איז דאַן אַראָפּגענומען געוואָרן.

לויט אַ קאָמאַנדע פון אַן אָפיצער האָבן ביידע פּייער־ווזוואָדן סאָלדאַטן געצילט גלייך אין יצחקלס האַרצן און אויף אַ צווייטער קאָמאַנדע האָט אַ האָגל פון קוילן דורכגעלעכערט יצחקלס האַרץ און אונדזער מאַרטירער פון ביעלסק האָט אויסגעהויכט זיין הייליק ריינע רעוואָלוציאָנערע נשמה!...

איך בין געווען אַן אָפּטער אַריינגייער ביי משה פעלדשער אין הויז און האָב פאַרבראַכט מיט אים אין פיל געשפּרעכן. ער האָט מיר געהאַלטן פאַר אַ פאַרטרויאונגסווערטן מענטשן און האָט שטענדיק גערעדט צו מיר ווי צו אַן אייגענעם. דאָס זעלבע האָב איך אויך געפילט צו אים. נאָר קיינמאָל האָב איך דעם מענטשן ניט געזען אין אַזאַ צערודערטן צושטאַנד ווי איצט, קומענדיק פון ביאַליסטאָק נאָך דער עקזעקוציע פון יצחקלען. דערציילנדיק די פאַקטן פון יצחקלס לעצטע טעג איז דער מענטש געווען אינגאַנצן צעטרייסלט. פון זיין נערוועאיש צעוויטיקטן פּנים איז געווען אַראָפּצולייענען שמערץ און ווייטיק. פּחד און טיפער טרויער האָט אַרויסגעקוקט פון זיינע אויגן. פאַר די צוויי טעג וואָס ער האָט געהאַט אויסצופירן זיין אויסערגעוויינלעכע מיסיע אין ביאַליסטאָק, אַרומלויפן מיטן אומ־גליקלעכן טאַטן, קלאַפּן די טירן פון דער קאַנצעלאַריע פונם גענע־ראַל־גובערנאַטאָר, זוכן, בעטן און מיען זיך צו דערשלאָגן, פאַלן

צו די פיס און פּרואוון אָפּבעטן דעם שווערן גזר־דין — האָט זיך דער מענטש איינגאַנצן איבערגעביטן. ווען ער איז געקומען צוריק פון זיין אומגעלונגענער מיסיע, שוין נאָך אַלעמען, — האָט זיין גאַנצער וועזן און האַלטונג עדות געזאָגט אויף דער שרעקלעכער טראַגעדיע וואָס דער מענטש לעבט איבער.

און צוזאַמען מיט אים האָב איך אויך איבערגעלעבט די זעלבע טראַגעדיע, און פילייכט נאָך אין אַ גרעסערן פאָרמאַט: דעם פאַרלוסט פון איינעם פון די מוטיקסטע און ענערגישסטע רעוואָלוציאָנערן וואָס אונדזער ביעלסק האָט אַרויסגעגעבן, דעם מאַרטירער יצחקל...

כבוד זיין אָנדענקונג!

מישע מייזעלס

אַן אַנדער טיפּ רעוואָלוציאָנער איז געווען מישע (משה) מייזעלס.

ער איז געווען אַ זון פון דעם אַדוואָקאַט מייזל, וואָס איז געווען באַוואוסט אין גאַנץ ביעלסקער אויעזד. געוואוינט האָט ער ניט ווייט פון אונדז, אויף דער באַן־גאַס, קעגנאיבער דער פּריסוטסטווע, וואו מען האָט עקזאַמינירט די יונגע לייט פאַר מיליטער־דינסט.

יינגלוויז פלעגן מיר ביידע אָפט שפּילן צוזאַמען. וואָס עלטער מיר זיינען געוואָרן, אַלץ מערער דערווייטערט געוואָרן זיינען מיר איינער פון אַנדערן: איך בין געגאַנגען אין חדרים און אַ ישיבה, ער — אין אַ גימנאַזיע און שפּעטער אוניווערזיטעט. ביידע זיינען מיר אָבער פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, נאַטירלעך אויף באַזונדערע אופנים.

אין אַ זומער אין 1904 איז מישאַ געקומען קיין ביעלסק. זיין באַזוך האָט אַרויסגערופן פאַרשידענע קלאַנגען איבערן שטאָט אין שייכות מיט זיין רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט. אַ געווויסן טאָג, ווען מיר האָבן זיך ביידע געטראָפן אין גאַס, האָט ער מיך אָפּגעשטעלט און דערציילט, אַז ער האָט געהערט פון מיין רעוואָלוציאָנערער אַר־בעט, און אַז דאָס פרייט אים זייער. און איך האָב אים דערציילט,

אַז איך האָב געהערט פון זיין רעוואָלוציאָנערער אַרבעט. ער האָט מיך איינגעלאַדן אין זיין וואוינונג, ביי ליטמאַן סיגעל אויפן הויף, אויף אָרלער גאַס, וואו ער געפינט זיך מיט זיין פרוי.

איין פרימאָרגן האָב איך אים באַזוכט. ער האָט מיך פאָרגעשטעלט פאַר איר. דאָס איז געווען אַ בילד שיינע דאַמע מיט אַ ליבען שמייכל און קינדערשער אומשולדיקייט. איך האָב ביי זיי פאַרבראַכט אַ קורצע צייט. ביים אַוועקגיין האָבן זיי מיר געבעטן פאַרבעטן זיי צו אַ פאַרזאַמלונג, אויב אַזאַ וועט פאָרקומען אין גיכן. ער איז געווען אַ מיטגליד פון דער „איסקראַ" גרופּע, און זי — פון דער פּוילישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי.

עטלעכע וואָכן שפּעטער איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ פאַרזאַמלונג פון פּוילישע אַרבעטער און איך האָב זיי ביידן פאַרבעטן. מישאַס פרוי האָט אָפּאָנירט דעם פּוילישן רעדנער. אין די אָוונטן פלעגט מישאַ קומען אויף דער בירזשע און שמועסן מיט מיר און אַנדערע חברים. איינמאָל האָב איך זיך באַקלאָגט פאַר אים אויף דער שווערער פראַבלעם מיט די סאָלדאַטן, וואָס ווערן געביטן יעדע פּאָר חדשים, נאָך איידער מען שליסט מיט זיי באַקאַנטשאַפט. ער האָט זיך אָנגעבאָטן צו שרייבן אַ פּראָקלאַמאַציע צו די סאָלדאַטן. איך האָב אים דערקלערט, אַז מיר האָבן ניט קיין דרוקעריי. ער האָט פאָרגעלייגט צו קריגן קאַרבאָן פּאַפּיר, כדי צו קענען מאַכן עטלעכע קאָפּיעס מיטאַמאָל.

אַ געוויסן טאָג האָבן מיר ביידע זיך פאַרקליבן אויף אונדזער „היסטאָרישן בוידעם" און געאַרבעט. פאַרטיק געוואָרן, האָט מישאַ צוגענומען אַ סך קאָפּיעס און האָט צעשפּרייט אין לאַגער לעבן סטאַדעוואָד און אַרום די קאַזאַרמעס.

ווי אומגעריכט מישאַ איז געקומען קיין ביעלסק, אַזוי האָט ער אונדז פאַרלאָזן. זיי זיינען ביידע אַנטלאָפן צוליב אַ מעגלעכן אַרעסט. שפּעטער איז אָנגעקומען די נייס אין ביעלסק, אַז מישאַ און זיין פרוי זיינען אַרעסטירט געוואָרן און אַז מישאַס פרוי האָט געבוירן אין טורמע אַ קינד.

אָנגריפן אויפן שרייבער פון דאָזיקן בוך

די אַלע איוסגערעכנטע אַרעסטן — זיינען געווען דער פּרייז, וואָס די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין ביעלסק האָט באַצאָלט פאַרן אויס־לייזן די ביעלסקער אַרבעטער־מאַסע פון דער ווירקלעכער שקלאַפעריי, פון אַן אַרבעטס־טאָג וועלכער האָט ניט געהאַט קיין ענד און קיין מאָס, קיין אַרבעטס־טאָג אַלס אַזעלכער האָט אין יענע יאָרן בכלל ניט עקזיס־טירט; די אַלע אַרעסטן זיינען געווען דער פּרייז וואָס מיר האָבן באַ־צאָלט פאַרן באַפרייען דעם אַרבעטער פון שכירות וואָס האָבן זיך גע־צאָלט אין קאָפּיקעס, זייער וויניק אין רובלס; דער פּרייז וואָס מיר האָבן באַצאָלט פאַר באַפרייען די אַרבעטער אין ביעלסק פון באַהאַנד־לונגען פון די פּריצים צו די (לייב־אייגענע) פּויערים אין דער צייט פון פּאַנטשיזנע; מיר האָבן באַפרייט די אָרעמע יונגוואַרג פון אין גאַנצן אומזיסטע צוויי־דריי יאָר אַרבעטן פאַרן בעל־הבית, און דער־הויבן דעם אַרבעטער צו מענטשן וואָס זיינען רעספּעקטירט געוואָרן, מענטשן גלייך מיט אַלעמען, מענטשן מיט ווירדע, מיט אַן אַכט שעה־דיקן אַרבעטס־טאָג, מיט באַדייטנדיק־געהעכערטע שכירות, מיט מענטש־לעכע באַהאַנדלונג און אַזוי ווייטער. דאָס איז געווען דער פּרייז וואָס מיר האָבן פאַר די אַלע דערגרייכונגען פאַרן אַרבעטער געצאָלט אַרויס־גייענדיק פון אַלגעמיינעם שטאַנדפּונקט, און דאָס איז געווען ביי די דעמאָלדיקע קלאַסן פאַרהעלטענישן גאַנץ נאַטירלעך און כאַראַקטע־ריסטיש ביים קאַמף צווישן אַרבעטער און בעלי־בתים אין יענע יאָרן.

אָבער חוץ דעם, דאָס הייסט (חוץ די אַרעסטן, תפיסות, איזאָלאַציעס, פּראָצעסן און פּיין) בין איך, דער שרייבער פון דאָזיקן בוך, אויך אָנגעגריפן געוואָרן פּערזענלעך. אַלס פירער פון דער ביעלסקער אַר־בעטער באַוועגונג, אַלס אָרגאַניזאַטאָר פון די אַלע סטרייקס און קאַמפן פאַר בעסערע אַרבעטס און לעבנס באַדינגונגען — וואָלטן מיך די ביעלסקער בעלי־בתים, אַרבעטס־געבער און מייסטערס — גערן דער־טרונקען אין אַ לעפל וואַסער. זיי וואָלטן אַלץ קעגן מיר געטאָן, אויב זיי וואָלטן דאָס נאָר געקענט.

זיי האָבן אָבער דאָס ניט געוואַגט, ווייל זיי האָבן מורא געהאַט מיך אָנצורירן. דאָך — זיינען צוויי אויסנאַמס־פאַלן יאָ געווען, ווען

מייסטערס, באַגעגנדיק זיך מיט אויג אויף אויג — האָבן זיך ניט גע־קענט באַהערשן. זיי זיינען אַריינגעפאַלן אין אַן אויסברוך פון רציחה, געשרייען, געוואַלדן, זידלערייען, קללות און חרמות און האָבן אַפילו פּרובירט זיך וואַרפן מיך שלאָגן.

איינער אַזאַ אָנגרייפער איז געווען איטשע קאַטשקעס. זיין שניי־דער־מאַסטערסקאַיאַ פון מענער־אַרבעט איז געווען קעגנאיבער דעם שטאָט־זייגער. ער איז געווען זייער אַ פאַרביסענער. די אָרגאַניזאַציע האָט געהאַט פון אים אויסצושטיין מער ווי פון אַלע אַנדערע מייסטערס. אינם סטרייק פאַרן אַכט־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג איז איטשע קאַטש־קעס געווען דער לעצטער נאָכצוגעבן. און אויך נאָך דעם, ווען מען האָט אים געדראָט (געסטראַשעט) צו צעשניידן זיין אַרבעט, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן צו בערעלע עטקינס צו מאַכן, — ווען ער האָט געזען, דאָס אַלע וועגן זיינען פאַר אים פאַרצאַמט — ערשט דאַן האָט ער נאָכגעגעבן. ער האָט אָבער ניט אויפגעהערט צו סטראַשענען זיך אָפּצורעכענען מיט די „בונטאָווש־טשיקעס"...

אַ געוויסן פּרייטיק בייטאָג האָבן מיר גאַנץ צופעליק זיך ביידע צוזאַמענגעטראָפן אינם פראָנט פון לערמאַנס קראָם. איטשע קאַטש־קעס האָט מיך אָפּגעשטעלט און געפרעגט צי איך בין דאָס אברעמלס קדיש? מיין פאָטערס נאָמען איז געווען אברהם און איז געווען באַ־וואוסט אין ביעלסק אַלס „אַבראַמקע דער אַלייניק". פון אברהם — האָט ער געמאַכט „אַברעמל".

איך האָב דאָס גוט פאַרשטאַנען, נאָר האָב זיך געמאַכט ניט פאַר־שטייענדיק און אים געענטפערט: — ניין.... איך בין ניט אברעמלס קדיש, איך בין אברהמקע דעם אַלייניקס אַ זון!...

אַט דעם מיין איך דאָך טאַקע! האָט ער אָנגעהויבן געוואַלדעווען הויך אויפן קול איבער דער גאַנצער גאַס. ער האָט אַזוי געשריען, אַז מענטשן זיינען זיך צוזאַמענגעלאָפן פון אַלע זייטן. ער האָט מיך גע־זידלט מיט די געמיינסטע ווערטער, געשאָלטן מיט אַלץ וואָס עס איז אים נאָר אין מויל אַריינגעקומען. ער האָט מיך געסטראַשעט מיט סיביר, קאַטאָרגע און אַפילו מיט דער תליה...

איך האָב דעם איטשע קאַטשקעס קיין וואָרט ניט געענטפערט און געלאָזט אים אויסשיסן אַלע זיינע פיילן...

ווען ער איז שוין אַזש מיד געוואָרן שרייענדיק האָט ער זיך געווענדעט צו מיר:

— נו? וואָס שווייגסטו? — האָסט גאָר ניט וואָס צו זאָגן?...

— איך האָב געוואַרט איר זאָלט פאַרטיק ווערן — האָב איך געלאָסן אים געענטפערט, — און איצט, אַז איר זייט שוין פאַרטיק, — זאָג איך אייך, אַז איך האָב דרך־ארץ פאַר אייער עלטער, דעריבער וועל איך אייך ניט זידלען, ניט שילטן און ניט שרייען אויף אייך...

מיין רואיקער, געלאַסענער טאָן האָט אים אינגאַנצן אַרויסגעבראַכט פון די כלים. איטשע קאַטשקעס האָט ווידער אָנגעפאַנגען שרייען:

— דו שגץ, יונגאַטש, דו האָסט דרך־ארץ? אויב אַזוי, טאָ וואָרום האָסטו אָנגעפירט די סטרייקס ביי מיר אין מאַסטירסקאַיע?... ער האָט זיך אינגאַנצן פאַרלוירן, האָט אויפגעהויבן דעם גראָבן שטעקן וואָס ער פלעגט טראָגן און געוואָלט (פאַרמאָסטן זיך) מיר דערלאַנגען איבערן קאָפּ... מענטשן אַרום האָבן אים פאַרכאַפּט: — ר׳ איטשע! ר׳ איטשע! האַלט זיך אָפּ — האָבן זיי פּרובירט אים באַרואיקן — איר ווייסט וואָס איר טוט? אייער לעבן וועט קיין גראָשן ניט ווערט זיין ווען איר וועט אים אָנרירן. איר ווייסט מיט וועמען איר פאַנגט זיך דאָ אָן?... גייט בעסער אַהיים! האָבן זיי אים אַוועקגעשטופּט.

דער אָקאָלאָדאָטשניק וואָלטשינסקי, וואָס איז געשטאַנען קעגנאיבער דער גאַס, האָט צוגעקוקט צו דער גאַנצער סצענע וואָס דאָ קומט פאָר. ער איז צוגעקומען, האָט צעטריבן די פאַרזאַמלטע, האָט געהייסן איטשע קאַטשקעס גיין אַ היים, און צו מיר האָט ער געזאָגט:

— נעם ניט אין אַכט, וואָס דער „סטאַרי דוראַק" (דער אַלטער נאַר) רעדט. ער ווייס ניט וואָס ער רעדט, וואָס ער טוט...

איך בין מיר אַוועק אַהיים ווי גאָרניט וואָלט פּאַסירט.

דער אינצידענט האָט דערגרייכט צו די אויערן פון מיין פאַמיליע און מיינע הויזלייט זיינען געווען זייער צופרידן פון דעם גוטן מיינונג

וואָס מען האָט זיי איבערגעגעבן וועגן מיין אויסגעהאַלטנקייט און גוטער, טאַקטישער האַלטונג . . .

דער צווייטער פאַל פון אָנגריף אויף מיר, איז געווען פון לייבקע דעם בעקער, ער איז מיך באַפאַלן מיט קללות, מיט זידלעריי, ער האָט זיך אָבער ניט פאַרמאָסטן מיך צו שלאָגן.

דער ערשטער אַרבעטער־יום־טוב אין ביעלסק

אַחוץ קאַמפן, אַרעסטן און אָנגריפן האָט די ביעלסקער אָרגאַניזאַציע דורכגעלעבט אינטערעסאַנטע צייטן. אַזאַ געשעעניש איז געווען דער ערשטער אַרבעטער יום־טוב אין ביעלסק. דאָס איז געווען ביים אָנהויב פון דער באַוועגונג אין ביעלסק.

אין דעם יום־טוב האָבן זיך באַטייליקט אַרום צען מיטגלידער, אָדער „באַקאַנטע״, ווי מען האָט דאַן אונדז גערופן. דער יום־טוב איז פאָרגעקומען אין פריניעוויטשער וואַלד אין אַ זומערדיקן שבת נאָך מיטאָג. עס איז געווען אַן אמתער יום־טוב, מיט אַ פאָן, מיט רעדעס, מיט געזאַנג און מיט צובייסן. וואָכן האָט מען זיך געגרייט צו דעם יום־טוב. מען האָט פון עטלעכע שטיקלעך געטאָקטע טיילן געמאַכט אַזוי, אַז זיי זאָלן זיך איינשרויפן איינע אין די אַנדערע און דאָס זאָל בילדן אַ לאַנגן שטעקן. מען האָט דאָס געמוזט מאַכן אין קליינע טיילן כדי מען זאָל עס קענען טראָגן אונטערן ראָק. פון עטלעכע בויגן רויטן פאַפיר האָט מען צונויפגעקלעפט אַ פאָן, אַרויפגעקלעפט פון ביידע זייטן אויסגעשניטענע אותיות מיט לאָזונגען. מען האָט איינגעקויפט אַ ביסל משקה און שפייז. ווען אַלץ איז שוין געווען פאַרטיק — האָט מען זיך געלאָזט גיין צום באַשטימטן פלאַץ ווער מיט אַ טייל פון שטעקן, ווער מיט דער פאָן אונטערן ראָק.

געקומען צום פלאַץ האָט מען צוזאַמענגעשטעלט די באַזונדערע טיילן אין אַ לאַנגן שטעקן, אָנגעהאָנגען די רויטע פאָן און זי אַריינגעשטעקט אין דער ערד. מען האָט זיך אַרומגעשטעלט אַרום דער פאָן — געזונגען לידער. איידער מען האָט אָנגעפאַנגען צו זינגען, האָט אַ מיטגליד זיך דערוויטערט פון אונדז מיט דער פאָן, און ווען מען האָט אָנגעהויבן צו זינגען דאָס ליד: „טראָגט אַרויס די פאָנע די רויטע״ —

האָט ער, לאַנגזאַם, גענומען זיך דערנענטערן צו אונדז מיט דער פאָן. דאַן האָט מען זיך אויסגעזעצט אויפן גראָז, גענומען צו ביסלעך משקה, און דערביי האָט מען געהאַלטן פאַרשיידענע טאָסטן. אונטערגעכאַפּט אַ ביסל דאָס האַרץ האָבן איניקע געזאָגט עטלעכע ווערטער. דאַן האָט מען פאַרבראַכט אין געמיטלעכע שמועסן.

דער יום־טוב איז אַ ביסל געשטערט געוואָרן, ווייל פון דער ווייטנס האָט מען דערזען אַ פרעמדן מענטשן. מען האָט שנעל באַהאַלטן די פאָן, אָבער געבליבן זיצן אויף די פלעצער. עס האָט זיך באַוויזן אַ פויער. ווען ער איז פאַרבייגעגאַנגען און דערזען אַ פאָר פלעשלעך מיט צובייסן האָט ער גוטמוטיק געלאַכט און געזאָגט: חברה, מאַכן אַ לחיים. זאָל זיין צו געזונט, יאָ!...

נאָך דעם קורצן איבעררייס האָבן מיר ווידער פאַרבראַכט און זיך געלאָזט אַהיים זינגנדיק רעוואָלוציאָנערע לידער. ווען מיר האָבן זיך דערנענטערט צו דער שטאָט האָבן מיר זיך צעטיילט אין פּאָרלעך.

די אַרבעטער־שולן אין ביעלסק

חוץ די לערערס און שילערס אין דער אָרגאַניזאַציע, האָט קיינער ניט געוואוסט, אַז עס זיינען געווען אַרבעטער שולן אין ביעלסק, שולן צום לערנען שרייבן און לייענען יידיש און אַ ביסל רוסיש. מען האָט געמוזט זיין שטרענג קאָנספּיראַטיוו. שולן פאַר אַרבעטער וואָלטן זיכער קיין דערלויבעניש ניט געקראָגן — האָבן מיר איינגעאָרדנט אין געהיים. דאָס זיינען, נאַטירלעך, ניט געווען קיין שולן אין פולן זין פון וואָרט, מיט גרויסע צימערן, מיט טישן, מיט בענקלעך. דאָס זיינען געווען געוויינלעכע צימערן אין געוויינלעכע אַרבעטער הייזער, ניט קיין איבעריק באַקוועמע, אין וועלכע עס האָט זיך געפונען אַ טיש, עטלעכע שטולן אַרום, וואו עטלעכע יונגעלייט און מיידלעך פלעגן זיך צוזאַמענקומען צו לערנען שרייבן און לייענען. די לערער זיינען ניט געווען קיין אויסגעשטודירטע, נאָר פשוטע אַרבעטער, פון דער אָרגאַניזאַציע, וואָס האָבן געקענט גענוג כדי צו לערנען אַנדערע. אַזעלכע צימערן, וואָס האָבן געדינט ווי שולן, זיינען געווען עטלעכע. יעדן אָוונט פלעגן זיך לערנען אין זיי אַנדערע יונגעלייט און מיידלעך.

די שולן האָבן אָנגעהאַלטן אַרום צוויי יאָר, דאַן האָבן זיי זיך אויפגעלייזט, ווייל זיי האָבן אָפּגעדינט זייער צוועק. דער דערפאָלג פון די אַרבעטער שולן איז געווען אַזוי גרויס, אַז אייניקע פון דער ביעלסקער אינטעליגענץ, וואָס זיינען געווען גאַנץ ווייט פון אונדזערע אידעאַלן — האָבן זיך אָנגעבאָטן ווי לערער אין אונדזערע שולן. מיר האָבן דעם אָנבאָט מיט פאַרגעניגן אָנגענומען און האָבן זיי גאַנץ גוט אויסגענוצט.

די אָרגאַניזאַציע איז געקומען צום געדאַנק פון גרינדן אַזעלכע שולן דורך אַ צופאַל:

ווען די אָרגאַניזאַציע האָט אָנגעהויבן די פּראָפּאַגאַנדע צווישן דעם פאָלק האָט זי אויסגעאַרבעט אַ געוויסן סיסטעם: עס זיינען באַשטימט געוואָרן עטלעכע אַגיטאַטאָרן, מענטשן מיט מער אינטעליגענץ. זייער אַרבעט איז געווען צו ריידן מיט מאַסאָווע מענטשן וועלכע נעמען ביכער צום לייענען, ריידן מיט זיי וועגן דעם אינהאַלט פון דעם געלייענטן בוך, און פון דעם איבערגיין צו אַ געשפּרעך וועגן דער אַרבעטער־פראַגע, סאָציאַליזם און אַזוי ווייטער. ווי אַזוי דאָס צו טאָן — איז איבערגעלאָזן געוואָרן דעם אַגיטאַטאָר, ווייל ניט צו יעדן איינעם האָט געקענט אָנגעווענדעט ווערן דער זעלבער מעטאָד. איך בין אויך געווען איינער פון די אַגיטאַטאָרן. ווען אימיצער האָט געדאַרפט אַן עצה האָט ער זיך באַראַטן מיט מיר.

איינמאָל, ווען איך האָב איבערגעביטן אַ מיידל אַ בוך און איר געגעבן אַ נייעם, האָב איך זיך אָנגעשטויסן פון מיין שמועס מיט איר, אַז זי וויים גאָר ניט וואָס אין בוך שטייט. די זאַך איז געוואָרן אויפפאַלנדיק: אפשר קען דאָס מיידל אינגאַנצן ניט לייענען? האָב איך זי געפרעגט אויב זי גייט שוין אַהיים אָדער זי וועט נאָך דאָ אַ ביסל שפּאַצירן? זי גייט נאָך ניט אַהיים, ווייל זי האָט גענוג צייט. האָב איך זי געבעטעט צוואַרטן אַ ווײַלע, איך וועל קומען באַלד צוריק. איך בין צוגעגאַנגען צו איינער פון די אַגיטאַטאָרינס און איר דערציילט וועגן מיין חשד און זאָל זי אויסגעפינען אויב איך בין גערעכט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מיין פאַרדאַכט איז געווען אַ ריכטיקער. די מיידל גופא קען ניט לייענען, זי נעמט אָבער ביכער און ברענגט זיי צו אירע אַ שוועסטער, וואָס קען יאָ לייענען און זי הערט זיך צו

ווי די שוועסטער לייענט הויך. דאָס מאָל, אָבער, האָט די שוועסטער ניט געהאַט קיין צייט, ווייסט זי דעריבער ניט וואָס אין בוך איז גע־שריבן.

דער דאָזיקער פאַל איז פאַרגעבראַכט געוואָרן פאַר דער צענטראַ־לער סכאָדקע און עס איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן אַ מיינונג ווי פיל נאָך אַזעלכע קענען ניט לייענען און ניט שרייבן. דער רעזולטאַט איז געווען אַן איבעראַשנדיקער: אַ היפּשע צאָל פון דער פאָלקס־מאַסע האָט ניט געקענט לייענען און ניט שרייבן. עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו נעמען אויף זיך די אויפגאַבע פון לערנען לייענען און שרייבן. דאַן האָבן מיר געגרינדעט די אַרבעטער־שולן אין ביעלסק.

דער ברודער־געשלעג

די סיבה פון דעם ברודער־געשלעג איז געווען אַ פּאָליטישע. עט־לעכע מיטגלידער פון דער אַנאַרכיסטישער גרופּע, וואָס האָבן זיך דאַן געפונען אין ביעלסק, האָבן זיך שטאַרק מתקנא געווען אין דער איינפלוסרייכער אָרגאַניזאַציע פון דער פּ. פּ. ס. וואָס האָבן אָנגעפירט מיט דער גאַנצער אַרבעט אין ביעלסק — און האָט אויסגעזוכט אַ פּער־זענלעכן סיכסוך צווישן אַ מיטגליד פון דער גרופּע און אַ מיטגליד פון דער פּ. פּ. ס. און דאָס פאַרוואַנדלט אין אַ פּאַרטיי־סיכסוך.

צו יענער צייט האָט קיין אַנאַרכיסטישע גרופּע אין ביעלסק אינ־גאַנצן ניט עקזיסטירט. עס האָבן זיך אַרומגעדרייט עטלעכע בחורים אָנגעשטעקט מיטן אַנאַרכיזם, האָבן ניט געהאַט די ענערגיע עפּעס צו טאָן. אין ביאַליסטאָק האָט מען געהערט וועגן די אויפטואונגען פון דער ביעלסקער אָרגאַניזאַציע (פּ. פּ. ס.) און מען האָט געשיקט טוער פון דער אַנאַרכיסטישער גרופּע עפּעס אויפצוטאָן אין ביעלסק. נאָך עטלעכע טעג אָדער וואָכן, ווען דער אַרונטערגעשיקטער פון ביאַליסטאָק פלעגט זיך באַקענען מיט די אומשטענדן, מיטן מענטשן־מאַטעריאַל, וואָס ביעלסק האָט פאַרמאָגט — פלעגט ער אַן אַנטוישטער צוריקפאָרן מיטן באַשלוס, אַז אין ביעלסק איז קיין פּלאַץ פאַר אַזאַ גרופּע ניטאָ. אָבער דאָס איז ניט געווען דער פאַל מיטן אַנאַרכיסט „זעליקלען" פון ביאַליסטאָק. ער האָט באַשלאָסן נעמען (ביעלסק)

מיט כוח, מיט אָנטאָן צרות דער אָרגאַניזאַציע, מיט אַרויסרייסן פון איר וואָס עס ווערט זיך לאָזן. ער האָט פאַרקעלערט אַזאַ פּלאַן, ווי צו קריגן געלט און ליטעראַטור: אַ ביסל געלט האָבן די אַנאַרכיסטן אַרויסבאַקומען פון דער רייכער ליבעראַלער אינטעליגענץ אין ביעלסק, און ליטעראַטור דאַרף מען עקספּראָפּריאירן פון דער „פּ. פּ. ס.” אָרגאַניזאַציע. אַזוי האָט זעליקל באַשלאָסן. די לעגאַלע ביבליאָטעק האָט זיך צו יענער צייט געפונען ביי בענדעטן, וואָס האָט געוואוינט ביי זיין פאַרהייראַטן ברודער אויף פּאַשוואַנטנע. אין שכנות פון בענדעטן האָט געוואוינט שמשון־חנא, אַ מיטגליד פון דער גרופּע, און האָט געוואוסט, אַז ביי בענדעטן געפינט זיך די לעגאַלע ביבליאָטעק פון דער אָרגאַניזאַציע. וואַרשיינלעך האָט ער געזען בענדעטן אַרויסגייענדיק מיט ביכער אין יענע אָוונטן, ווען מען פלעגט בייטן ביכער אויף דער אַרבעטער בירזשע.

אין אַ געוויסן טאָג, ווען בענדעט איז געווען ביי דער אַרבעט, איז שמשון־חנא מיט נאָך איינעם אַריין צו בענדעטן. זיי האָבן אָפּגעבראָכן דעם שלאָס און האָבן אַרויסגענומען ביכער וויפיל נאָר זיי האָבן געקענט. ווען בענדעט איז געקומען פון דער אַרבעט האָט ער אויסגעפונען וועגן דער עקספּראָפּריאַציע פון די ביכער. ער איז אַוועק צו שמשון־חנא און אים געבעטן ער זאָל אים צוריקגעבן די ביכער. שמשון־חנא האָט זיך אויסגעלאַכט: — ביכער זיינען ניט קיין פּריוואַט־אייגנטום — האָט ער דערקלערט, איר האָט זיי שוין צו־פיל און מיר האָבן גאָרניט! —

— פאַרוואָס האָסטו אָבער צעבראָכן דעם שלאָס און אַליין צוגענומען פונקט דאַן, ווען איך בין ביי דער אַרבעט געווען? — האָט בענדעט געפרעגט.

— ווייל איך בין געווען זיכער, אַז דו וועסט ניט איינגיין אויף אַ פאַרטיילונג פון ביכער — האָט שמשון־חנא געענטפערט.

פון די אַלע אַרגומענטן און טענות, מיט גוטן, מיט בייזן, איז גאָרניט אַרויסגעקומען. שמשון־חנא האָט ניט געוואָלט צוריקגעבן די ביכער. ווען בענדעט האָט וועגן דעם איבערגעגעבן דער אָרגאַניזאַציע — זיינען אַלע דערשטוינט געוואָרן. אויף אַזעלכעס האָט זיך קיינער ניט געריכט. די אָרגאַניזאַציע האָט באַשלאָסן זיך צו ווענדן צו דער

גרופּע אין ביאַליסטאָק און פרעגן ווער האָט אויסגעפּלאַנעוועט די דאָזיקע עקספּראָפּריאַציע. מיר האָבן דעם אינצידענט איבערגעשיקט צום ביאַליסטאָקער קאָמיטעט פון דער „פּ. פּ. ס.״ כדי צו פאַרהאַנדלען מיט דער ביאַליסטאָקער אַנאַרכיסטישער גרופּע. אין דער זעלבער צייט האָט בענדעט נאָך אַלץ פּרובירט איינטענהן מיט שמשון־חנאן ער זאָל אים צוריקגעבן די ביכער און אַפילו געסטראַשעט. איינער פון די סטראַשונקעס איז געווען, אַז ער, בענדעט, וועט אים, שמשון־חנאן, ניט אָפּגעבן דעם רובל מיט אַ האַלב, וואָס ער איז אים שולדיק. שמשון־חנא, ווי עס שיינט, האָט ניט געוואָלט פאַרלירן דאָס געלט — האָט ער זיך געקווענקלט, און וואָלט מעגלעך צוריקגעגעבן די ביכער און דער גאַנצער ענין וואָלט געשליכטעט געוואָרן אויף אַ פרידלעכן וועג. צו דעם האָט אָבער זעליקל ניט דערלאָזט.

אַ געוויסן שבת נאָכמיטאָג, ווען עטלעכע מיטגלידער פון דער אָרגאַניזאַציע זיינען געגאַנגען צום וואַלד, וואו עס האָבן שוין געוואַרט אַ צאָל מיטגלידער דורכצופירן אַ קרוזשאָק — האָבן מיר פון דער־ווייטנס דערזען אַ גרופּע מענטשן פון אַ מאַן אַכט דערנעענטערן זיך צו אונדז. איידער מיר האָבן נאָך געקענט באַגרייפן וואָס דאָ קומט פאָר — איז שמשון־חנא צוגעגאַנגען צו בענדעטן, אים דערלאַנגט אַ פּאָר פּעטש אין פּנים. דאָס איז געווען דער סיגנאַל צום שלאַכט: מען האָט זיך געוואָרפן איינע אויף די אַנדערע, זיך געשלאָגן מיט די פויסטן, מיט פּלעקער, מיט שטיינער, מיט אייזנס און מיט וואָס עס האָט זיך נאָר געמאַכט. איך האָב געקראָגן אַ קליינע וואונד אין דער פּאָטילניצע, אינם הינטערשטן טייל פון מיין קאָפּ. צום ערגסטן האָט אָפּגעשניטן בענדעט. ער האָט געקראָגן אַ גרויסע וואונד אין קאָפּ מיט אַ שטיק אייזן. מען האָט אים געמוזט מאַכן אַן אָפּעראַציע, אָבער ער איז געוואָרן טויבלעך אויף איין אויער.

די ידיעה וועגן דעם געשלעג האָט זיך בליץ שנעל צעטראָגן איבערן שטאָט. דער עולם האָט זיך ניט געקענט פונאַנדערקלייבן וואָס דאָ קומט פאָר. דער ענין האָט געפונען אַן אָפּקלאַנג אין ביאַליס־טאָק, און די אַנאַרכיסטישע גרופּע האָט אַראָפּגעשיקט אירן אַ פאַר־שטייער אונטערצוזוכן דעם סיכסוך און „זעליקל״ איז צוריקגערופן געוואָרן פון ביעלסק.

דאָס אָפּקלאַפּן פון אַן אַרעסטירטן

אָפּקלאַפּן — האָט אויפן רעוואָלוציאָנערן לשון געמיינט — אַרויסרייסן אַרעסטירטע פון די הענט פון דער פּאָליציי. אין דער געשיכטע פון דער ביעלסקער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג איז געווען אַזאַ פּאַל. דאָס האָט פּאַסירט אויפן וועג צווישן ביעלסק און בריאַנסק, אַ קלענערע שטעטל, אַרום צען מייל פון ביעלסק, אויף דעם שאָסיי וואָס ציט זיך פון ביעלאָוויעזש, דורך ביעלסק, קיין וואַרשע.

די מיטגלידער פון דער ביעלסקער אַנאַרכיסטישער גרופּע האָבן קיין אַרבעט צווישן די ביעלסקער אַרבעטער ניט אָנגעפירט. כמעט שטענדיק האָט זיך געפונען אין ביעלסק אַ פּאַרשטייער פון אַן אַנדער שטאָט צו העלפן די עטלעכע ביעלסקער מיטגלידער. איבערהויפּט פלעגט זייער אַרבעט זיך קאָנצענטרירן אויף צו האַלטן די שטאָט אין שרעק און אויספּרעסן געלט. זיי פלעגן אָפט באַזוכן די גבירים און אַרויסקריגן געלט.

צו יענער צייט איז דער פּאַרשטייער, וואָס האָט זיך געפונען אין ביעלסק, געווען איינער „גרישע", אַ ביאַליסטאָקער סטודענט. עס איז אים איינגעפאַלן אַ פּלאַן צו באַפאַלן אַ באַנק, אָדער אַ געשעפטס־קאָנטאָר, אַ רייך הויז — און אַרויסקריגן געלט. אין ביעלסק האָבן די אַנאַרכיסטן (אין יענער צייט) אַרויסבאַקומען געלט אָן שווערע טעראָ־ריסטישע אַקציעס. דעריבער איז באַשלאָסן געוואָרן זיך אַרויסצולאָזן איבער דער פּראָווינץ.

די ערשטע שטאָט איז געווען בריאַנסק. דאָרט האָט זיך געפונען אַ רייכער ייד, אַ „שטייפער גזלן", וואָס האָט זיך באַרימט, אַז ער האָט פאַר קיינעם ניט קיין מורא און אַז ער האַלט שטענדיק אַ רעוואָלווער אין דעם שיפלאַד פון זיין טיש... אָט דעם באַרימער האָט מען אויס־געקליבן פאַרן ערשטן קרבן. גרישע מיט איינעם פון די ביעלסקער אַנאַרכיסטן יאָסעל לופּינטשיק זיינען אַוועק קיין בריאַנסק. זיי זיינען פאַר־פאָרן אין אַן אכסניה האָבן זיך אַרויסגעלאָזן באַטראַכטן דאָס הויז פון דעם קרבן. אין אַ קלענערע שטאָט האָבן זיי, פאַרשטייט זיך, געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון די איינוואוינער. פאַרטיק געוואָרן מיטן פּלאַן, האָט גרישע, מיט זיין געהילף, פריייטיק צו־נאַכט, זיך אַריינגעלאָזן

באוואָפּנטע צום רייכן יידן און פאַרלאַנגט געלט. זיי האָבן אים גע־וואָרנט ניט צו עפענען דעם שופלאַד, וואו עס געפינט זיך זיין רע־וואָלווער.

דער רייכער ייד מיט דער גאַנצער פאַמיליע האָבן געמאַכט אַ גרויסן געוואַלד. אַלע שכנים זיינען זיך צוזאַמענגעלאָפן. גרישע מיט זיין העלפער זיינען אַנטלאָפן. די בריאַנסקער פּאָליציי האָט אויסגע־פרעגט וואָס האָט פּאַסירט און אויסגעפונען, אַז די פּאָר יונגעלייט געפינען זיך אין דער אכסניה. זיי זיינען באַלד אַהין אַוועק. דערזען אַז פּאָליציי קומט איז גרישעס העלפער אַנטלאָפן. גרישע אַליין איז אָבער אַרעסטירט געוואָרן. ער האָט דערציילט, אַז ער איז געקומען קיין בריאַנסק פון ביאַליסטאָק כדי צו זוכן אַרבעט. ער און זיין פריינד זיי־נען געגאַנגען צום רייכן יידן צו בעטן אַרבעט און ניט אים צו באַ־רויבן, אָבער אָנשטאָט צו געבן זיי אַרבעט איז ער אויף זיי גאָר אָנ־געפאַלן. זיי זיינען אַנטלאָפן געוואָרן.

דער אוריאַדניק, וואָס איז געקומען קיין בריאַנסק און וואָס האָט געהאַט ביטערע דערפאַרונגען מיט „בונטאָווששיקעס" האָט גלייך באַ־שלאָסן איבערצוגעבן דעם אַרעסטירטן קיין ביעלסק. שבת בייטאָג האָט ער גרישן איבערגעגעבן צום דאָרפישן עטאַפּ, אַ פּאָר מוזשיקעס מיט גרויסע שטעקנס אין די הענט. גרישעס העלפער, וועלכער איז גע־ווען אין בריאַנסק און האָט נאָכגעפאָלגט די אַנטוויקלונג פון דער זאַך, האָט גלייך צו וויסן געגעבן אין ביעלסק — מען זאָל אָרגאַניזירן אַן „אָפּקלאַפּן". אַליין האָט ער נאָכגעפאָלגט דעם עטאַפּ. פון ביעלסק איז באַלד אַרויסגעפאָרן אַן אָטריאַד צו באַגעגענען דעם עטאַפּ.

פאַרנאַכט האָבן זיי זיך באַגעגנט אין אַ וואַלד. עטלעכע מיטגלי־דער פון דער ביעלסקער גרופּע האָבן אַרומגערינגלט דעם עטאַפּ. מיט רעוואָלווערן אין די הענט האָבן זיי באַפוילן די מוזשיקעס אָפּצולאָזן דעם אַרעסטירטן. די מוזשיקעס, דערשראָקענע צום טויט, זיינען זיך צעלאָפן. גרישע, זיין העלפער מיט די אָפּקלאַפּער זיינען מיט אַ פור אַוועק אין ביעלסק. מיטן ערשטן צוג האָט מען גרישן מיט זיין העלפער אָפּגעשיקט נאָך ביאַליסטאָק.

זונטיק פרי האָט די נייעס דערגרייכט דער ביעלסקער פּאָליציי. זי האָט זיך גלייך אַרויסגעלאָזן איבער אַלע וועגן צו זוכן דעם אַרעס־

טירטן, אָבער אָן דערפאָלג. ער מיטן אַנדערן עקספּראָפּריאַטאָר האָבן זיך שוין געפונען אויף אַ זיכערן פּלאַץ אין ביאַליסטאָק. די נייעס האָט זיך שנעל פאַרשפּרייט איבערן שטאָט און האָט געמאַכט אַ שווערן איינדרוק.

די אָנפאַלן אויף לייבע דעם בעקער און יהודה וועלוול דעם שלאָסער

אָנפאַלן אויף די מייסטערס, בעלי־בתים פון מאַסטערסקאַיעס, האָט די ביעלסקער אַרבעטער־באַוועגונג ניט געהאַט צו פיל, — סך־הכל צוויי, און האָבן ניט געטראָגן דעם זעלביקן כאַראַקטער.

דער ערשטער אָנפאַל איז געווען אויף לייבע דעם בעקער, וואָס האָט געהאַט אַן אייגענע בעקעריי אין דער לאַנסטעריע, אַ גרויסע געביידע אויף דער רעכטער זייט פון דעם ראַט־הויז. ביי לייבע דעם בעקער האָט געאַרבעט אַ יונגער בעקער־אַרבעטער פון אָרלע. יונגע אַרבעטער, וואָס זיינען נאָך ניט געווען קיין פולשטענדיקע געזעלן, פלעגן זיך פאַרדינגען אויף אַ זמן. לייבע דער בעקער איז געווען איי־נער פון די פאַרביסנסטע מייסטערס אין ביעלסק. ער האָט פּשוט גע־פּייניקט זיין יונגן אַרבעטער. ער איז געווען זיכער, אַז דער יונגער אַרבעטער, וואָס שפּייזט מיט געציילטע רובל פאַרן זמן די גאַנצע משפּחה, וועט פון אים ניט אַוועקגיין. עס איז אָבער דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז דער יונגער אַרבעטער האָט מער ניט געקענט אויסהאַלטן און איז אַוועק פאַרן סוף זמן. לייבע דער בעקער האָט אים ניט געוואָלט באַצאָלן די עטלעכע רובל, וואָס זיינען אים נאָך געקומען. דער אַר־בעטער איז ניט געווען קיין מיטגליד פון דער אָרגאַניזאַציע און האָט זיך אפילו צו איר ניט געווענדט וועגן הילף. די אָרגאַניזאַציע וואָלט זיכער אויפגעמאָנט דאָס געלט, ווי זי האָט דאָס אָפט געטאָן. ער איז אָבער געווען אַ מיטגליד פון דער אַנאַרכיסטישער גרופּע, וואָס האָט פּרובירט אויפמאָנען דאָס געלט אויף איר שטייגער.

איין מאָל, אין אַ פאַרנאַכט, ווען לייבע דער בעקער איז אַהיים געגאַנגען, האָט דער יונגער אַרבעטער אים אַריינגעשטאָכן אַ מעסער אין נאַקן און איז באַלד אַנטלאָפן. די וואונד איז געווען אַ לייכטע. די

פּאָליציי האָט אָבער ניט געקענט אַרויסבאַקומען פון לייבע דעם בעקער ווער דער אָנפאַלער איז געווען.

יהודה װעלוול איז געווען אַ שלאָסער־מייסטער און איז געווען פון די פאַרביטערסטע מייסטערס אין ביעלסק. פאַרביטערט קעגן דער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, וואָס ער האָט באַטראַכט ווי אַ באַנדע שקצים, יונגאַטשעס און אויסגעלאַסענע מיידלעך. ער פלעגט ריידן וואָס ער האָט ניט באַדאַרפט ריידן, און צו די, וואָס צו זיי האָט ער ניט געטאָרט ריידן. ער האָט גערעדט צו דער פּאָליציי און זשאַנדאַרן און איז געווען מיט זיי אַ גאַנצער „שמעלקע”. איין־איינציקע מאָל איז יהודה װעלוול געװאָרנט געוואָרן פון דער אָרגאַניזאַציע, אַז ער זאָל האַלטן זיין מויל ווייל אַנדערש וועט ער שלעכט אָפּשניידן. עס האָט אָבער ניט געהאָלפן. דער רעזולטאַט פון דעם איז געווען דער אָנפאַל אויף אים.

דער דאָזיקער אָנפאַל איז ניט געווען קיין אָרגאַניזירטער. עס האָט זיך גראָד געמאַכט אַ גוטע געלעגנהייט האָט מען דאָס אויסגענוצט. די אומשטענדן פון דעם אָנפאַל זיינען געווען אַזעלכע: צוליב דעם קאָנספּיראַטיוון כאַראַקטער איז דער גרעסטער טייל פון דער אַרבעט געטאָן געוואָרן אין פאַרוואָרפענע געגנטן, הינטערן שטאָט, ביינאַכט. יענעם אָוונט האָבן עטלעכע מיטגלידער פון דער אָרגאַניזאַציע געדאַרפט דורכפירן אַ סכאָדקע, האָט מען אויסגעקליבן די אַלעעס נעבן דעם וואָקזאַל, ווייל קיין צוג האָט ניט געדאַרפט אָנקומען ביז האַלבע נאַכט. דער חשבון איז געווען, אַז קיינער וועט זיך דאָרטן ניט באַווייזן דעם גאַנצן אָוונט. ווען מען האָט זיך געלאָזט גיין צוריק אין שטאָט אַריין איז אָנגעקומען דער צוג פון בריסק. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ פּאָר מינוטן און איז ווייטער אַוועק קיין ביאַליסטאָק. געציילטע פּאַסאַזשירן זיינען אַרויס פון צוג. מיר האָבן ניט געשענקט קיין אויפמערקזאַמקייט צו די וואָס זיינען אויסגעשטיגן. אָבער איינער פון די פּאַסאַזשירן האָט גראָד יאָ געצויגן אונדזער אויפמערקזאַמקייט מיט זיין שנעל גיין, כמעט לויפן, און מיט זיין אָפטן אומקוקן זיך הינטער זיך. מיר האָבן געשיקט איינעם פון אונדז אויספאָרשן די זאַך. עס האָט לאַנג ניט געדויערט און מיר האָבן באַקומען אַ ידיעה, אַז דאָס איז געווען ניט קיין אַנדערער נאָר יהודה װעלוול. עס איז אונדז אַלץ באַלד קלאָר געוואָרן.

מיר זיינען צוגעגאַנגען צו משה קאַלכערס הויף, אַריינגעריסן היל־צערנע שטאַכעטן פון פּאַרקאַן, און יעדער איינער האָט געקראָגן אַ שטאַכעט. מיר האָבן זיך צעטיילט אין צוויי גרופּעס און אים נאָכגע־גאַנגען, און ווען ער האָט דערגרייכט „שעפּסל דוד אָרעשעס" הויף, האָבן מיר אים אַרומגערינגלט און דערלאַנגט איבערן קאָפּ, איבער די הענט און פיס, וואו עס האָט זיך נאָר געלאָזן. יהודה וועלוול האָט געגומען שרייען מיט באַנומענע קולות. מיר זיינען זיך צעלאָפן אין פאַרשיידענע ריכטונגען. קיינער פון אונדז איז ניט געכאַפּט געוואָרן.

דאָס מאָל איז יהודה וועלוול ניט געווען אַזוי פריי מיט זיין לאַנגן צונג. אויף אַלע באַמיאונגען פון דער פּאָליציי און זשאַנדאַרן אַרויס־צוקריגן ווער די אָנפאַלער זיינען געווען, האָט ער געענטפערט, אַז ער ווייסט ניט, ער האָט זיי ניט געזען.

סיכסוכים מיט רבנים אין ביעלסק

אין ביעלסק זיינען געווען דריי רבנים. מיט צוויי פון זיי איז די אָרגאַניזאַציע געקומען אין אַ צוזאַמענשטויס. איין סכסוך איז גע־קומען פון אַ זייטיקער זאַך, אין וועלכער די רבנים זיינען אַריינגעצויגן געוואָרן.

דער ערשטער סיכסוך איז געווען מיטן הויפּט־רב ר׳ בן־ציון. דאָס איז געווען מערער אַ „גביות־עדות", ווי מען רופט דאָס אויפן רבנישן לשון, ווי אַ סיכסוך. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דעם אָפּצאָל פון אַ צען רובל, וואָס די נייע אייגנטימער פון דער באָד האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו געבן דער אָרגאַניזאַציע. דאָס איז געווען אַ יערלעכע באַשטייערונג, וואָס די פריערדיקע אייגנטימער פון באָד האָבן תמיד געצאָלט. די באָד און די קאָראָבקע זיינען געווען די קוואַלן פון וועלכע רבנים, שוחטים און געוויסע שטאָט־אינסטיטוציעס פלעגן ציען זייער חיונה. די אָרגאַניזאַציע האָט זיך גופא באַטראַכט ווי אַ וויכטיקע אינסטיטוציע און האָט אויסגעווירקט אַ ביישטייערונג פון צען (10) רובל אַ יאָר פון דער באָד. די אייגנטימער פון דער באָד האָבן פּינקטלעך געצאָלט דעם שטייער. יענעם יאָר אָבער איז די באָד אַריבערגעגאַנגען

אין אַנדערע הענט און די נייע אייגנטימערס, נחמן גלעזער און בערל דער בעדערקעס, האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו צאָלן און געטענהט, אַז עס איז פאַראַן אַן אָפּמאַך צווישן זיי און דעם רב, ר׳ בן־ציון, ניט צו צאָלן די צען רובל צו דער אָרגאַניזאַציע. דער רב גופא, אַן ערלעכער, קלוגער מענטש, האָט ניט געקענט זיין קעגן דער אָרגאַניזאַציע, האָט די אָרגאַניזאַציע באַשלאָסן אויסצוגעפינען דעם אמת. איין שבת אָוונט בין איך געגאַנגען מיט מיין שטענדיקן באַגלייטער, יואלקע יהודה זאָוועליכעס, צום רב. דער רב, ר׳ משה־אהרן, דעם רבס איידעם, איז אונדז אַנטקעגנגעקומען, געפרעגט וואָס מיר ווילן? מיר האָבן אים געזאָגט. — דער רב לערנט נאָך — האָט ער אונדז געזאָגט. — ער פירט זיך, האָט אונדז דער איידעם דערקלערט, אַז ווען ער קומט פון דאַוונען מעריב, לערנט ער אין זיין חדר מיוחד; ווען ער וועט פאַר־טיק ווערן און מאַכן הבדלה ווערט וואָך — קען ער מיט אונדז ריידן. ער האָט אונדז פאַרבעטן אַריינצוגיין אין אַן אַנדער צימער און פאַר־זיכערט, אַז אַזוי שנעל ווי דער רב וועט פאַרטיק ווערן, וועט ער אים לאָזן וויסן וועגן אונדזער פאַרלאַנג און ער וועט זיכער אונדז אויסהערן.

צו לאַנג וואַרטן האָבן מיר ניט באַדאַרפט. דער רב איז אַרויס פון זיין צימער און געמאַכט הבדלה. דער איידעם האָט אים איבער־געגעבן וועגן אונדז. דער רב האָט אונדז אַריינגערופן אין זיין צימער. אויך זיין איידעם. מיר האָבן זיך אַלע אויסגעזעצט אַרום אַ גרויסן טיש אויף וועלכן עס זיינען געווען אָנגעלייגט אַ סך ספרים. דער רב האָט ערשטנס געפרעגט ווער מיר זיינען? איך האָב אים געענטפערט. — וואָס זשע פאַרלאַנגט איר קינדער? — האָט ער ווייטער געפרעגט. דאָ האָב איך געמאַכט אַ דערקלערונג, אַז מיר זיינען פאָרשטייערס פון דער ביעלסקער אַרבעטער אָרגאַניזאַציע און מיר נויטיקן זיך אין געלט. מיר פלעגן יעדן יאָר קריגן פון די אייגנטימער פון דער באָד אַ ביישטייערונג פון צען רובל, אָבער איצט האָבן די נייע אייגנטימער פון דער באָד אָפּגעזאָגט צו געבן די ביישטייערונג, ווייל דער רב האָט זיי דערפון באַפרייט — זיינען זיי געקומען אויסגעפינען דעם אמת.

מיין ריידן האָט זיי ביידן שטאַרק פאַראינטערעסירט.

— וואָס טוט אייער אָרגאַניזאַציע פאַר די אַרבעטער? — האָט דער רב געפרעגט.

— מיר פּרובירן קריגן פאַר זיי גרעסערע שכירות און ווייניקער אַרבעטס־שעה׳ן — האָב איך געענטפערט.

— ווי אַזוי טוט איר דאָס? — האָט דער רב ווייטער געפרעגט.

— דורך סטרייקס! — האָב איך געענטפערט.

— און וואָס האָט פון דעם די שטאָט? האָט ער ווייטער געפרעגט.

דער רב האָט, נאַטירלעך, ניט געוואָגט צו פרעגן, פאַרוואָס קומט אונדז געלט פון דער שטאָט, ווען מיר אַרבעטן גאָר צו פאַרבעסערן די לאַגע פון די אַרבעטער? ער האָט דאָס אָבער פאַרמולירט אין זיין לעצטער פראַגע: „וואָס האָט פון דעם די שטאָט”? איך האָב אים דע־ריבער געענטפערט, אַז די שטאָט האָט פון דעם גאָר אַ סך, — און געמאַכט אַ ברייטערע דערקלערונג:

— די אַרבעטער בילדן דאָך אַ גרויסן טייל פון דער ביעלסקער באַפעלקערונג און ביישטייערן צום גאַנצן לעבן פון שטאָט. ווען די אַרבעטס שעהן זיינען לאַנגע און די שכירות זיינען קליינע, האָבן די אַרבעטער־משפחות ניט קיין צייט אַרויסצוגיין אין גאַס און דאַרפן ניט קיין באַזונדערע קליידונג פאַר זיך. דערביי פאַרדינען זיי דאָך ניט גענוג איינצוקויפן, שוין אָפּגערעדט פון דעם, וואָס עס קלעקט זיי אַפילו ניט פאַר דאָס נויטיקסטע. און דאָס רופט זיך שטאַרק אָפּ אויף די קרעמער און געשעפטסלייט. פעלט זיי אויס דער איינקונפט פון אַ גרויסן טייל פון דער באַפעלקערונג. גאַנץ אַנדערש איז אָבער ווען די אַרבעטער אַרבעטן קורצע שעה׳ן, קריגן העכערע שכירות. עס קלעקט זיי שוין איינצוקויפן די אַלע נויטיקע זאַכן, פאַרגינען זיך מער צו עסן און דאָס פאַרגרעסערט די הכנסה פון די קרעמער.

דער רב מיטן איידעם האָבן זיך איבערגעקוקט. אַ ווײלע האָבן זיי געשוויגן, דאַן האָט דער רב געזאָגט: איצט לאָמיר צוגיין צום עסק. ער איז, הייסט עס, ניט גרייט און ניט ווילִיק צו דיסקוטירן מיט מיר וועגן דער נייער תורה, וואָס איך האָב דאָ פאַר אים אַוועקגעלייגט.

— וואָס האָב איך דאָ צו טאָן מיט דער גאַנצער זאַך? און וואָס קען איך דאָ העלפן? האָט ער געפרעגט.

— מיר באַשולדיקן אייך אין גאָרניט, האָב איך אים באַרואיקט. אַלץ וואָס מיר ווילן וויסן איז, צי עס איז געוועזן אַן אָפּמאַך צווישן אייך

מיט די נייע אייגנטימער פון דער באָד, ניט צו געבן דער אָרגאַניזאַציע די צען רובל אַ יאָר.

— איך וועל אייך זאָגן, קינדער — האָט דער רב זיך געווענדעט צו אונדז: איך און איר געפינען זיך אין דער זעלבער לאַגע. מיר דאַרפן ביידע אָנקומען צו די באָד־אייגנטימער. ניט איר קענט מיר מיט עפּעס העלפן, ניט איך קען אייך, מיט גאָרניט העלפן. מיין גאַנצער כּוח איז אַ קרעכץ, דאַרף איך אים האָבן פאַר זיך!

— מיר פאַרלאַנגען פון אייך ניט קיין הילף — האָב איך געענט־פערט, — מיר קענען אונדזער שטעטל אַליין באַשטייען. וואָס מיר ווילן וויסן איז — וועגן דעם אָפּמאַך, צי עס איז דאָ אָדער ניט, האָב איך שאַרף באַטאָנט.

— כּזב ושקר! האָט דער רב דערקלערט. איך האָב קיינע אָפּמאַכן ניט געמאַכט מיט קיינעם!

— אַ שיינעם דאַנק אייך — האָב איך אים געזאָגט, און ווינטשנדיק אים און זיין איידעם אַ גוטע וואָך און אַ גוטע נאַכט, האָבן מיר פאַרלאָזן דעם רב׳ס הויז.

אויף מאָרגן זיינען מיר אַוועק צו די אייגנטימער פון דער באָד, איבערגעגעבן זיי, אַז דער רב האָט אָפּגעלייקנט די מעשה מיטן אָפּמאַך.

דערווייל איז די זאַך אַרויס איבערן שטאָט און דער עולם האָט שטאַרק אָנגעשראָקן די אייגנטימער פון דער באָד. זיי זיינען געקומען צו דער אָרגאַניזאַציע בעטן, מען זאָל שוין קומען צו זיי נאָכן געלט.

די אָרגאַניזאַציע איז געקומען, ווען זיי האָבן דאָס גאָרניט ער־וואַרטעט, און האָט באַקומען די צען רובל שטייער.

דער צווייטער רב, ר׳ משה־חיים, איז געווען פון גאָר אַן אַנדער שניט. בעת דער הויפּט־רב, ר׳ בן־ציון, האָט זיך אָפּגעגעבן מיט דין־תּורה׳ס, כּשרות, שאלות און די איבעריקע צייט געלערנט תּורה — האָט דער רב, ר׳ משה־חיים, זיך אָפּגעגעבן מיט צדקה אַרבעט. אויף זיין איניציאַטיווע זיינען געשאַפן געוואָרן געוויסע אינסטיטוציעס אין ביעלסק, וואָס האָבן פאַרבעסערט די לאַגע פון דעם אָרעמערן שיכט פון דער באַפעלקערונג. ער האָט געשאַפן אַ ליי־קאַסע וואו אָרעמע געשעפטס־מענטשן, קרעמער, בעלי־מלאכות האָבן געקענט לייען געלט אויף קליינע און אויך אַן פּראָצענטער. ר׳ משה־חיים גופא איז

געווען דער הויפּט־פּאַרוואַלטער און דעה־זאָגער. די אינסטיטוציע איז געווען איינגעאָרדנט מיט דירעקטאָרן און באַאַמטע. נאַטירלעך, האָט מען געמוזט פירן ביכער מיט חשבונות. פאַר דעם צוועק האָט זי געהאַט אַ בוכהאַלטער און אויך אַ געהילף. דער געהילפס־בוכהאַלטער איז געווען אַ מיטגליד פון אונדזער אָרגאַניזאַציע, איינער אַ געוויסער זייד־מאַן, אַן אינטעליגענטער יונגערמאַן, אַ זון פון דוד שוסטער. אַ שוואַ־כער מענטש (ער האָט געליטן אויף שווינדזוכט) האָט ער זיינע פאַר־דינסטן פאַרברויכט אויף מעדיצינען. אָט דער יונגער געהילפס־בוכהאַלטער האָט זיך געווענדעט צו דער אָרגאַניזאַציע מיט אַ פאַר־לאַנג צו העלפן אים, ווייל ער האַלט ביים פאַרלירן זיין שטעלע.

די אָרגאַניזאַציע האָט די זאַך אויסגעפאָרשט און האָט אויסגעפונען, אַז אַזוי איז עס טאַקע, און האָט דערפאַר באַשלאָסן אָנצונעמען זיך פאַר דער קריוודע פון דעם קראַנקן געהילפס־בוכהאַלטער.

אין אַ געוויסן אָוונט בין איך אַוועק צוזאַמען מיט מיין באַגלייטער, יואלקע יהודה זאַוועליכעס, צום רב, ר׳ משה־חיים. ער האָט אונדז פריינדלעך אויפגענומען און האָט געפרעגט דעם צוועק פון אונדזער קומען און וואָס מיר פאַרלאַנגען. איך האָב אים דערקלערט די גאַנצע זאַך, אַז זיידמאַן בויטיקט זיך אין די עטלעכע רובל וואָס ער פאַרדינט, ווייל ער איז קראַנק, און אויב ער וועט פאַרלירן זיין שטעלע, וועט זיין געזונט־צושטאַנד זיך פאַרערגערן און זיין לעבן וועט שטיין אין געפאַר.

ר׳ משה־חיים האָט אַלץ אויסגעהערט און דערקלערט, אַז עס ליגט ניט אין זיינע הענט. די דירעקטאָרן דאַרפן דאָס אַנטשיידן. און האָט אונדז געגעבן די דאַטע, ווען די דירעקטאָרן וועלן זיך צוזאַמענקומען.

צו דער באַשטימטער דאַטע זיינען מיר נאָכאַמאָל געקומען און האָבן געפונען ר׳ משה־חיים׳ן, דעם קאַזיאָנעם ראַבינער, שמעי שער־שענאָווסקי, און זיין איידעם, וועמענס נאָמען איך געדענק ניט. ר׳ משה־חיים האָט אונדז פאָרגעשטעלט פאַר די דירעקטאָרן. אָפּוואַרטנדיק אַ שעה צייט האָב איך געפרעגט, פאַרוואָס הויבט מען ניט אָן די פאַר־האַנדלונגען? — מען וואַרט אויף די דירעקטאָרן וואָס דאַרפן נאָך קומען — האָט ר׳ משה־חיים געענטפערט.

נאָך אַ ביסל וואַרטן איז קלאָר געוואָרן, אַז קיינער וועט שוין

מער ניט קומען, און זיי האָבן פאָרגעשלאָגן מען זאָל אָפּלייגן די אסיפה. איך האָב מיט דעם ניט געוואָלט איינשטימען: — מיר זיינען ניט קיין לעגאַלע מענטשן. מיר קענען זיך ניט דערלויבן צו מאַכן אָפטע וויזיטן, ספּעציעל אין דער נאָכבאַרשאַפט פון דער „פּאָליצײ אופּראַוולעניע", פאַרוואָס קען מען היינט ניט פאַרהאַנדלען דעם ענין? איז מיט איין דירעקטאָר ווייניקער, מען מוז דאָך ניט האָבן אַלע דירעקטאָרן — האָב איך געטענה'ט.

נאָך אַ קורצער באַראַטונג צווישן דעם רב, ר' משה־חיים, מיטן ראַבינער שערשענאָווסקי און זיין איידעם, האָבן זיי איינגעשטימט דאָס גלייך צו פאַרהאַנדלען. איך האָב איבערגעחזרט די טענות, וועלכע כ'האָב אַרויסגעבראַכט שוין ביים ערשטן וויזיט. דער ראַבינער שער־שענאָווסקי און זיין איידעם האָבן ניט אַרגומענטירט און זיך ניט באַטייליקט אין דער פאַרהאַנדלונג. דער רב, ר' משה־חיים, איז געווען דער גאַנצער רעדנער און זיין באַציאונג צו אונדז, אַלס פאַרשטייער פון אַן אָרגאַניזאַציע, איז געווען אינגאַנצן אַן אַנדערע, ווי די באַ־ציאונג פון רב ר' בן־ציון צו אונדז, ווען מיר זיינען געווען ביי אים וועגן דעם סיכסוך מיט די אייגנטימער פון דער באָד. דער רב ר' משה־חיים האָט אונדז באַטראַכט ווי מענטשן וואָס מישן זיך אין זיינע „עסקים". עס איז אַפילו געקומען צו שאַרפע אויסדרוקן, ווען איך האָב אָפּגעוואָרפן זיין אַרגומענט, אַז די אינסטיטוציע וויל שפּאָרן געלט, און אַז דאָס איז די סיבה פון אָפּזאָגן דעם געהילף בוכהאַלטער. אויף מיין קאָנסטאַטירן דעם פאַקט, אַז אויב אַן אַנדערער וועט פאַר־נעמען זיין פּלאַץ, וועט מען קיין געלט ניט שפּאָרן, האָט ר' משה־חיים קיין דירעקטן ענטפער ניט געגעבן. ער האָט דעם פאַקט גופא ניט געלייקנט. ער האָט געענטפערט אומדירעקט, אַז די דירעקטאָרן האָבן אַ רעכט צו באַשליסן דאָס, וואָס זיי האַלטן פאַר נויטיק, און דערביי באַמערקט: אויב די אָרגאַניזאַציע וויל אויף אונדז אַרויפ־צווינגען — איז דאָך ניט שייך, אָבער מיר ריידן נאָר וועגן יושר. אויף די דאָזיקע שאַרפע באַמערקונג האָב איך אים געענטפערט נאָך שאַר־פער: — אויב איר זעט ניט קיין יושר אין דער האַנדלונג פון דער אָרגאַניזאַציע, איז דאָס דערפאַר, וואָס איר האָט געהאַט ווייניק דער־פאַרונג מיט איר. די אָרגאַניזאַציע האָט אָבער געהאַט זייער אַ סך דער־

פאַרונג מיט בעלי־בתים און האָט קיין סימן פון יושר ביי זיי ניט געפונען.

ר׳ משה־חיים האָט ניט דערוואַרט אַזאַ שאַרפן ענטפער און דאָס האָט אים אַביסל איבעראַשט. אין דעם מאָמענט האָט ער ניט געוואוסט וואָס צו זאָגן. ער האָט זיך פאַרטראַכט אויף אַ ווײַלע און האָט דערקלערט, אַז די זאַך איז שוין פאַר אַלעמען קלאָר. איצט וועלן זיי זיך באַראַטן וואָס צו טאָן, און זײַנען אַריין אין אַן אַנדער צימער. מיר זײַנען געבליבן וואַרטן.

צו לאַנג וואַרטן האָבן מיר ניט באַדאַרפט. אַרום אַ האַלבע שעה שפּעטער זײַנען זיי אַרויס און איבערגעגעבן זייער באַשלוס: זיידמאַן וועט ניט אָפּגעזאָגט ווערן און וועט בלײַבן אויף זײַן שטעלע.

מיר האָבן פאַרלאָזן דאָס הויז פון ר׳ משה־חיים דאַנקנדיק פאַרן יושרדיקן באַשלוס. דער יונגער זיידמאַן איז אָבער ניט געבליבן לאַנג אויף זײַן שטעלע. אין ווייניקער ווי צוויי יאָר איז ער, ליידער, געשטאָרבן.

דורכגעפאַלענע פאַרזאַמלונגען

די צאָל פאַרזאַמלונגען, גרעסערע, קלענערע, „סכאָדקעס", „קרו־זשאָקס" וואָס זײַנען דורכגעפירט געוואָרן אויף אומלעגאַלע קוואַר־טירן, אין שטאָטישן גאָרטן, אויף די פעלדער און אין די וועלדער אַרום ביעלסק, האָט דערגרייכט אין די הונדערטער. מיטן אויסנאַם פון בלויז צוויי, זײַנען אַלע דורכגעפירט געוואָרן אין בעסטער אָר־דענונג און אָן שום שטערונגען מצד דער פּאָליציי. שווער צו זאָגן וועער ס׳איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם: צי די גרויסע דער־פאַרונג פון דער אָרגאַניזאַציע אין אָרגאַניזירן קאָנספּיראַטיווע פאַר־זאַמלונגען, אָדער די גרויסע ניט־דערפאַרונג פון דער פּאָליציי. דער פאַקט איז אָבער, אַז אַפילו די צוויי פאַרזאַמלונגען וואָס זײַנען דורכ־געפאַלן, איז אויך געווען ניט קיין רעזולטאַט פון דער פּאָליציי חכמה, נאָר מען האָט פּשוט אָנגעצייגט מיט די פינגער. דער פאַקט איז אויך, אַז ביי ביידע דורכגעפאַלענע פאַרזאַמלונגען האָט מען קיין אַרעסטן ניט געמאַכט. די פּאָליציי האָט פּשוט צעשטערט איין פאַרזאַמלונג.

די ערשטע דורכגעפֿאַלענע פֿאַרזאַמלונג איז געווען פֿון דער „פּ. ס.". דאָס איז געווען פּסח צייט. די אָרגאַניזאַציע האָט אויסגענוצט דעם יום־טוב פֿאַר אַגיטאַציע. דאָס איז געווען אַרום דעם ערשטן מערץ, דעם יאָרצייט פֿון דעם אַטענטאַט אויפֿן צאַר אַלעקסאַנדער דעם צווייטן. מיר האָבן איינגעלאַדן שלוימקע דעם גראָדנער, אַ מיטגליד פֿון דעם צענטראַלן קאָמיטעט, צו ריידן וועגן דעם אַטענטאַט. איך האָב געזאָלט ריידן וועגן די נייע פֿאָדערונגען פֿון די אַרבעטער. אין דעם באַשטימטן אָוונט האָט די ביעלסקער פֿאָלקס־מאַסע זיך געצויגן מיטן בריאַנסקער שאָסעי, אַרויף צום בית־עולם צו דער פֿאַרזאַמלונג. שלומקע דער גראָדנער האָט געהאַלטן אַ גלענצנדע רעדע. עס איז געווען זייער אַ באַלערנדע רעדע. דאַן האָב איך גערעדט וועגן די נייע פֿאָדערונגען.

ווען די פֿאַרזאַמלונג איז געווען געענדיקט האָט מען זיך אַ לאָז געטאָן צוריק אין שטאָט אַריין. אָבער מען האָט געלאָזט וויסן, אַז פּאָליציי דרייט זיך אַרום אויפֿן שאָסעי. מיר האָבן גלייך געגעבן אינ־סטרוקציעס וואָס צו טאָן: שפּאַצירן לאַנגזאַם אין צווייען אָדער דרייען און אָפּגערוקט אַ ביסל פֿון איין גרופּע צו דער צווייטער, און אויך ניט אויף איין זייט פֿון שאָסעי, נאָר אויף ביידע זייטן. אויב פּאָליציי וועט אָבער פֿרעגן פֿון וואַנען מען גייט — זאָל מען ענטפֿערן, אַז מען שפּאַצירט זיך סתם אַזוי.

אויפֿן וועג האָבן מיר באַגעגנט פּאָליציי און זיך געמאַכט ניט־וויסנדיק: מען האָט געשמועסט, געלאַכט, און אַזוי זיך בשלום אַריין אין שטאָט. פּאָליציי האָט קיינעם ניט אָפּגעשטעלט, קיינעם ניט אויס־געפֿרעגט.

אַ צווייטע דורכגעפֿאַלענע פֿאַרזאַמלונג איז געווען אַ ציוניסטישע. די פֿאַרזאַמלונג איז גערופֿן געוואָרן אין דעם בית המדרש „יפֿה־עינים". זי איז דורכגעפֿאַלן באַלד ווי דער עולם האָט זיך אָנגעהויבן צונויפֿ־קומען. דער בית־המדרש איז געשטאַנען אין מיטן שטאָט, אויף דער באַן־גאַס, הינטער קלמן מאזיעס און שמואל־משה גוסאַצקיס הויפֿן. קלמן מאזיעס הויף איז געווען אַ ברייטער, אַן אָפֿענער. פֿון דער באַן גאַס האָט מען געקענט זייער גוט זען, ווער עס גייט אַריין אָדער אַרויס פֿון בית־מדרש. קעגנאיבער קלמן מאזיעס הויף איז געווען דאָס הויז

פון דער פּאָזשאַרנע קאָמאַנדע, וואו פּאָליציי פלעגט זיך אָפּשטעלן, פאַרברענגען מיט די אָנגעשטעלטע פון דעם הויז.

דערזען, אַז אַ גרויעסר עולם יונגוואַרג קלייבט זיך אין בית־מדרש, איז דאָס דער פּאָליציי געוואָרן פאַרדעכטיקט, בפרט אין אַ וואָכעדיקן טאָג. עס האָט לאַנג ניט געדויערט און סאָסנאָווסקי, דער „נאַדזיראַטעל", איז געקומען מיט פּאָליציי אין בית־מדרש, פאַרשטעלט אַלע טירן, און קיינעם ניט אַרויסגעלאָזט. דערהערט אַז פּאָליציי איז געקומען, זיינען די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער פאַרזאַמלונג צוזאַמען מיטן אַראָפּגעבראַכטן רעדנער אַרויסגעשפּרונגען דורך די פענצטער און פאַרשוואונדן. סאָסנאָווסקי מיט דער פּאָליציי זיינען אַריין אינעווייניק און זיך געווענדעט צום עולם זיך צו האַלטן רואיק, ניט מאַכן קיין געשלעגן און ניט שיסן, ווייל זיי וועלן קיינעם סיי־ווי־סיי ניט אַרעסטירן, און אַלע זאָלן גיין אַהיים. דער עולם האָט געפאָלגט און זיך געלאָזט צו דער טיר. דאָרט זיינען געווען אויסגעשטעלט צוויי ליניעס פּאָליציי, און האָבן יעדן איינעם דורכגעלאָזט, האָבן זיך אָבער גוט איינגעקוקט אין די פּנימער.

די דאָזיקע דורכגעפאַלענע ציוניסטישע פאַרזאַמלונג האָט געמאַכט אַ פיינלעכן איינדרוק. דער עולם איז געווען אויפגעבראַכט פאַרן באַנוצן אַ בית־מדרש פאַר אַ פאַרזאַמלונג, און צווייטנס — פאַר ניט בעטן קיין דערלויבעניש ביי די גבאים פון בית־מדרש. די אַרבעטער־מאַסן האָבן פאַרדאַמט די ציוניסטן פאַר אַנטלויפן, לאָזן דער מאַסע אויף גאָטס באַראָט.

מיטן אויפלייזן די פאַרזאַמלונג אין בית־מדרש איז דער אינצידענט ניט געשלאָסן געוואָרן. די אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט געהאַלטן אַן אויג אויף די באַוועגונגען פון דער פּאָליציי, האָט באַמערקט, אַז דער ענין איז נאָך ווייט ניט קיין פאַרענדיקטער. די האַנדלונג מיט דער דורכגעפאַלענער ציוניסטישער פאַרזאַמלונג איז ניט געווען אין איינקלאַנג מיטן געזעץ. פאַקטיש האָט דער פּאָליציי־באַאַמטער באַדאַרפט ברענגען געגנוג פּאָליציי, און אַפילו סאָלדאַטן, אַרומרינגלען דעם בית־מדרש און אַרעסטירן אַמווייניקסטנס די איניציאַטאָרן פון דער פאַרזאַמלונג. ער האָט אויך באַדאַרפט אַרעסטירן די פאַראַנטוואָרטלעכע פירער פון דעם בית־מדרש פאַר דערלאָזן צו אַזאַ פאַרזאַמלונג. סאָס־

נאָווסקי האָט געמיינט, אַז די פּאַרזאַמלונג איז גערופן געוואָרן פון דער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע און דערפאַר האָט ער געבעטן, אַז מען זאָל ניט שיסן אויף דער פּאָליציי. דאָס האָט ער אַזוי געטראַכט צוליב דעם יונגוואַרג, וואָס איז דאָרטן זיך צוזאַמענגעקומען. אָבער, דאָס איז געווען אונדזער יוגנט, וואָס איז אַהין געקומען צוליב קוריאָזיטעט און געוואָלט הערן וואָס ציוניסטן האָבן צו זאָגן. מיטן בית־מדרש האָט סאָסנאָווסקי ניט געוואָלט זיך איינרייסן, ווייל ער האָט באַקומען גאַנץ אָפט פון זיי כאַבאַר. כדי צו ראַטעווען די אייגענע פעל האָט ער גע־נומען נישטערן אפשר וועט ער עפּעס געפינען גוט צו־מאַכן זיין פעלער.

סאָסנאָווסקי האָט אַזוי לאַנג געזוכט און געטראַכט, ביז ער האָט זיך דערטראַכט צו ברענגען פאַרן געריכט איניקע מענטשן פון יענער פאַרזאַמלונג.

אַ חודש נאָך דער דורכגעפאַלענער פאַרזאַמלונג זיינען פון געריכט אַרויסגעשיקט געוואָרן „פּאָוויעסטקעס" צו אַ ריי מענטשן צו קומען אין געריכט. דאָס זיינען געווען (אַחוץ מיר) הושעיה דער שערער, זיידמאַן, קאָפּל וואָלף־בערעס און אַנדערע. די באַשולדיקונג איז גע־ווען: אַז זיי האָבן אָרגאַניזירט אַ פאַרזאַמלונג אין בית־מדרש. קיינער פון די אויסגערעכנטע האָט אָבער גאָרניט געהאַט צו־טאָן מיטן אָר־גאַניזירן יענע פאַרזאַמלונג. הושעיה דער שערער, זיידמאַן און איך זיינען געווען מיטגלידער פון דער „פּ. פּ. ס." און ניט קיין ציו־ניסטן.

מיר האָבן קיין אַדוואָקאַטן ניט אָנגעשטעלט. מיר האָבן באַשלאָסן זיך אַליין פאַרטיידיקן. מיר וועלן זאָגן, אַז מיר זיינען געגאַנגען אין בית־מדרש דאַווענען. אין געריכט האָט זיך אָבער געפונען דער אַד־וואָקאַט סימיליאַר, וואָס האָט זיך געמאָלדן אונדז צו פאַרטיידיקן פריי.

דער ריכטער האָט געפרעגט: וואו זיינען געווען די עלטערע יידן, ווייל מען האָט געזען אין שול נאָר יונגוואַרג. דאָס איז געווען אַ שטאַר־קער אַרגומענט.

אין געריכט האָט זיך אויך געפונען דער אַדוואָקאַט גורעוויטש, אַ ליבעראַלער מענטש, און ווען ער האָט דערזען, אַז אַדוואָקאַט סימיליאַר האַלט שמאָל מיט זיין פאַרטיידיקונג, האָט ער זיך אויך, פרייוויליק, אָנגעבאָטן צו פאַרטיידיקן זיידמאַנען. ער האָט גערעדט אַרום אַ האַלבע

שעה און אָנגעוויזן, אַז די פּאָליציי האָט געהאַנדלט ניט־געזעצלעך. די צוויי ריכטער האָבן זיך צוריקגעצויגן אין זייער קאַבינעט, כדי זיך צו באַראַטן.

איינער פון די באַשולדיקטע, קאָפּל וואָלף־בערס האָט געמאַכט אַ שפּאַסיקע באַמערקונג: — זיין טאַטע, — האָט ער געזאָגט, — פלעגט אים תמיד טרייבן אין בית־מדרש, און טאָמער איז ער דאָס מאָל גע־גאַנגען, ווערט ער באַשולדיקט, אַז ער איז גאָר אַ בונטאָווטשיק. אויב מען וועט טאַקע אים פאַרמשפּטן צו גיין אויף קאַטאָרגע, וועט ער מיטנעמען זיין טאַטן, ווייל ער האָט אים געשיקט אין בית־מדרש...

אַ גלעקל האָט שטיל געמאַכט דעם זאַל. די ריכטער זיינען אַריינ־געקומען, האָבן אַרויסגעגעבן אַ פּסק־דין, אַז אַלע ווערן באַפרייט.

דער פּראָצעס איז געווען פאַר אַ לאַנגע צייט דער געשפּרעך פון שטאָט. דער עולם האָט געלאַכט אין די הויפּנס פון דער פּאָליציי און פון זייער פירער סאָסנאָווסקי. אין דער אָרגאַניזאַציע האָט מען דעם פּראָצעס באַטראַכט ווי אַ וויץ: די פאַרזאַמלונג האָבן גערופן די ציוניסטן, און פּראָצעסירט האָט מען גאָר מיטגלידער פון דער „פּ. פּ. ס.“.

אַ בורזשואַזע פאַרזאַמלונג

די ביעלסקער בורזשואַזיע, דאָס הייסט, די עטלעכע „גבירים“, רייכערע בעלי־בתים, געשעפטסלייט האָבן גערופן אַן אסיפה. אַרבעטער האָט מען אויך פאַרבעטן, ניט דורך אונדזער אָרגאַניזאַציע, נאָר דירעקט. די בורזשואַזיע איז געגאַנגען, אַזוי אַרום, איבער די קעפּ פון דער אַרבעטער אָרגאַניזאַציע. די פירערשאַפט פון דער אָרגאַניזאַציע האָט אַזאַ האַנדלונג באַטראַכט ווי אַ באַליידיקונג. הגם דער צוועק פון יענער פאַרזאַמלונג איז אָבער געווען אַ וויכטיקער. ס׳איז געווען שרעק פאַר אַ פּאָגראָם.

אַ גאַנץ יאָר באַקעמפט מען דעם אַרבעטער. אין צייט פון אַ צרה אָבער, ווענדעט מען זיך צו אים נאָך הילף.

דאָס איז געווען אין 1905. ביעלסק איז געווען אַן אויעזדנע שטאָט, פלעגן אַלע פּריזיוונִיקעס קומען אַהער. זיי פלעגן זיך אָנטרינקען, מאַרשירן איבער די גאַסן, זינגען און זיך טשעפּן צו די קרעמערס,

עלטערע יידן און צו יונגע מיידלעך. פּאָליציי פלעגט זיי ניט שטערן. די ביעלסקער שטאַרקע: די קצבים, פאַרבאַרעס און אַנדערע פלעגן די פּריזיוניקעס האַלטן אין צוים. קוים פלעגן זיי אַרויס פון די האלאַב־ליעס, פלעגט מען זיי דערלאַנגען די ריכטיקע קלעפּ. אַזוי איז דאָס אָנ־געגאַנגען אַ סך יאָרן. די שטאָט האָט זיך שוין מער ניט געשראָקן פאַר די פּריזיוניקעס. אַנדערש איז אָבער געווען אין 1905. עס האָבן זיך דערהערט קלאַנגען וועגן אַ פּאָגראָם. די שטאַרקע, די קצבים און פאַרבאַרעס, זיינען זיך צעפאָרן, און געבליבן איז בלויז איינער פון זיי, הערשל נתנס.

די גבירים האָבן זיך דערטראַכט צו מאַכן שותפות מיט די אַרבע־טער: זיי וועלן געבן געלט, קויפן געווער און די אַרבעטער וועלן זיך שלאָגן. צוליב דעם האָט מען גערופן אַ פאַרזאַמלונג. אונדזער אָרגאַ־ניזאַציע האָט זיך דירעקט אין דער פאַרזאַמלונג ניט באַטייליקט.

אין אַ געוויסן נאָכמיטאָג בין איך אויפגעוועקט געוואָרן פון אונדזער חבר שמעון בליאַמבע, אַז היינט אָוונט קומט פאַר אַ בור־זשואַזע פאַרזאַמלונג. שפּעטער איז צו מיר געקומען בענדעט מיט יודל סאַנעס, האָבן מיך אויפגעוועקט, אַז מען דאַרף גיין אין בית־מדרש, ווייל דער עולם קלייבט זיך שוין. מיר קענען זיך ניט דערלויבן צו דערלאָזן די מאַסע צו דער בורזשואַזיע — האָבן זיי דערקלערט, און זיי זיינען באַשטאַנען, אַז איך זאָל גיין צו דער פאַרזאַמלונג.

איך בין אַוועק מיט זיי אין בית־מדרש, זיך אַוועקגעזעצט הינ־טערן באַלעמער (כדי ניט צו וואַרפן זיך אין די אויגן). סיי פון דער אַרבעטער מאַסע סיי פון דער בורזשואַזיע זיינען צוגעקומען צו מיר און געפרעגט, פאַרוואָס איך האַלט זיך אַזוי פון דערווייטנס, און מיר פאַרגעלייגט איך זאָל פאַרנעמען אַ מער אָנגעזעענעם אָרט. איך בין אָבער געבליבן זיצן הינטערן באַלעמער.

ווען דער עולם איז שוין געווען פאַרזאַמלט האָט דער רב, ר׳ משה־חיים, געעפנט די פאַרזאַמלונג מיט אַ רעדע וועגן דער וויכטיקייט פון אחדות ביי יידן, בפרט אין אַ געפאַר פון אַ פּאָגראָם. דאַרפן דערפאַר יידן, אָרעם און רייך, אַרבעטער און בעלי־בתים, זיך שטעלן קעגן די פּאָגראָמשטשיקעס.

דער צווייטער רעדנער איז געווען דער גביר פון שטאָט, סירקין:

— יידן! — האָט ער געוויינט מיט טרערן, — מען וועט אונדז אויסראַבירן, מען וועט צונעמען אונדזער האָב און גוטס, ברידער! האָט ער געקלאָגט; מען וועט אונדז אומברענגען; מען וועט מאַכן פון אונדז אַ באַרג אַש! לאָמיר אַלע צוזאַמען זיך שטעלן קעגן די פּאָגראָמשטשיקעס — און ער האָט זיך געווענדעט דירעקט צו די אַרבעטער, אַז זיי זאָלן זיך אָרגאַניזירן אין אַ זעלבסטשוץ, און ער, ווי אויך די אַנדערע פאַרמעגלעכע בעלי־בתים, וועלן שוין זאָרגן פאַר דער פינאַנציעלער זייט!...

דער דריטער רעדנער איז געווען ניימאַרק, מאַלצאָווס איידעם, אַ גרויסער סוחר. ער האָט גערעדט ווי אַ סוחר: אַ געשעפט — האָט ער דערקלערט, — מוז האָבן אַ בעל־הבית און אַרבעטער, און אַלע מוזן אַרבעטן אין געשעפט. אַנדערש קען קיין געשעפט ניט געפירט ווערן. די שטאָט געפינט זיך איצט אין אַזאַ לאַגע, אַז די אַרבעטער מוזן זיך פאַראייניקן מיט די רייכע, ווען ניט וועט די גאַנצע שטאָט ליידן דערפון. דער רייכער קלאַס האָט שוין אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג וואָס ער וויל טאָן. איצט ווילן מיר הערן פון די אַרבעטער, וואָס דענקען זיי צו טאָן — האָט ער פאַרענדיקט זיין רעדע.

אַלעמענס אויגן זיינען געווען געריכטעט אויף מיר. איך האָב זיך אָבער ניט גערירט פון אָרט. די פאַרזאַמלטע זיינען געוואָרן אומרואיק. אַ סך מענטשן זיינען צוגעקומען צו מיר און געבעטן איך זאָל ריידן. אָבער איך בין ניט געגאַנגען. דאַן האָט פּאַסירט וואָס האָט אַלעמען איבערראַשט: הערשל נתנס איז אַרויף אויף דער בימה און האָט דערקלערט, אַז ער האָט זיך דורכגערעדט מיט די אַרבעטער און זיי שטימען־צו צו אַלץ, וואָס מען וועט באַשליסן.

דערהערט אַזעלכע ווערטער בין איך אויפגעשפּרונגען ווי אַן אָפּגעבריטער. איך בין האַסטיק אַרויף אויף דער בימה, האָב אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער האַנט אין באַלעמער און האָב אויסגעשריען הויך אויפן קול:

— ווי וואַגט דאָס הערשל נתנס אַזוי צו ריידן אין נאָמען פון די אַרבעטער? — ווער האָט דאָס אים באַרעכטיקט דערצו?

אַ טויטע שטילקייט האָט געהערשט אין גאַנצן בית־מדרש. אַלע פאַרזאַמלטע האָבן אָנגעשטעלט מויל און אויערן.

— הערשל נתנס — האָב איך פאַרגעזעצט — האָט קיין פאַר־בינדונג ניט מיט אַרבעטער און טאָר אין זייער נאָמען ניט ריידן!

איך האָב זיך אָפּגעשטעלט אויף עטלעכע סעקונדן און אָנגעהויבן ריידן שטילער, און געצילט מיינע פיילן דירעקט אין סירקינען:

— דער הער סירקין, האָב איך געזאָגט, האָט פאַרגאָסן טייכן טרערן אויף דעם אומגליק, וואָס עס שטייט פאַר דער שטאָט. וועמען מיינט דאָס דער הער סירקין מיט דעם וואָרט „אונדז"? די האָב און גוטס פון די אַרבעטער וועט מען ניט ראַבירן. זיי פאַרמאָגן גאָר ניט! — דער הער סירקין קלאָגט אויף דעם אומגליק, וואָס עס שטייט פאַר דער באַפעלקערונג, אָבער ער פאַרגיסט ניט קיין איין איינציקן טרער אויף דעם טאָג־טעגלעכן אומגליק, אין וועלכן עס לעבן די אָרעמע אַרבעטער מאַסן, וואָס וואַלגערן זיך אין די נאַסע קעלערן, פינצטערע לעכער, האָבן ניט קיין שוך, קיין קלייד, קיין שפּייז פאַר די קינדער; צו וועמענס טרערן זאָל מען זיך צוהערן? צום הער סירקינס, אָדער צו יענע פון די אומגליקלעכע, ליידנדע פון דחקות און נויט? די שטעלונג פון די אַרבעטער מאַסן צו פּאָגראָמען — האָב איך ווייטער געזאָגט — איז אַלעמען באַוואוסט. זיי זיינען אַלעמאָל און אומעטום אַרויסגע־טראָטן קעגן פּאָגראָמשטשיקעס, האָבן פאַרטיידיקט די באַפעלקערונג און וועלן דאָס זיכער אויך טאָן אין ביעלסק. מען האָט זיך אָבער ניט געווענדעט צו דער אַרבעטער אָרגאַניזאַציע וועגן דעם. הערשל נתנס פאַרטרעט ניט די אַרבעטער מאַסן.

איך האָב פאַרענדיקט, בין אַרונטער צוריק צו מיין פריערדיקן פּלאַץ.

די קורצע רעדע מיינע האָט געמאַכט אַן אויסערגעוויינלעכן איינ־דרוק. די מיטגלידער פון דער אָרגאַניזאַציע האָבן מיך אַרומגערינגלט און אויסגעדריקט צופרידנהייט. צווישן די בורזשואַזע בעלי־בתים האָט געהערשט אַ שטאַרקע צערודערונג. מען האָט זיך געשושקעט, גע'עצהט. ענדלעך האָט מען באַשלאָסן צו האָבן אַ באַראַטונג, טאַקע דאָ אין בית־מדרש, מיט דער באַטייליקונג פון די אַרבעטער. די אָר־גאַניזאַציע האָט זיך אָבער אָפּגעזאָגט.

די בעלי־בתים מיט דער בורזשואַזיע האָבן זיך אַרומגעזעצט אַרום אַ לאַנגן טיש און האָבן אָפּגעהאַלטן די באַראַטונג. זיי האָבן באַשלאָסן

צו גרינדן אַ זעלבסטשוץ פון גאַנצן שטאָט. די רייכערע בעלי־בתים, די גבירים, וועלן זאָרגן פאַר די פינאַנציעלע מיטלען. מען האָט דעם באַשלוס איבערגעגעבן דער אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט צוגעזאָגט אָנ־שליסן זיך. עטלעכע באַראַטונגען זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין דער הויז פון דעם בוכהאַלטער קעלמאַנטאָוויסקי. עס איז באַשאַפן געוואָרן אַ געמיינזאַמער קאָמיטעט. מען האָט צוגעגרייט אַ ביסל געווער.

די פּריזיוו צייט איז אָבער אַריבער דאָס מאָל רואיק. די ביעלס־קער באַפעלקערונג איז אָפּגעקומען נאָר מיט אַ ביסל שרעק.

איך ווער אַרויסגעטריבן פון דער פּאָליציייסקי אופּראַוולעניע

פאַנטאַסטיש ווי דאָס קלינגט — איז דאָס אָבער אַ פאַקט, אַז איך בין געגאַנגען מאָנען גערעכטיקייט ביי דער פּאָליציי, און די לעצטע — האָט אָנשטאָט צו אַרעסטירן מיך, אַלס חוצפּהניק, מיר געוויזן די טיר און אַרויסגעטריבן...

צוויי האַנדלונגען וועלכע שטימען ניט מיט די קעגנזייטיקע האַלטונג צווישן דער פּאָליציי און די רעוואָלוציאָנערן: רעוואָלוציאָ־נערן פלעגן ניט גיין צו דער פּאָליציי, זיך האַלטן ווייט פון איר, און קיינמאָל ניט פּרובירט צו זוכן ביי איר יושר און מאָנען גערעכטיקייט. די פּאָליציי ווידער — פלעגט קיין רעוואָלוציאָנערן ניט אַרויסטרייבן. פונקט פאַרקערט: דעם רעוואָלוציאָנער וואָס איז שוין צו איר אַריינ־געפאַלן — פלעגט זי האַלטן פעסט, אונטער אַ שטאַרקע וואַך, אונטער אייזערנע גראַטעס.

דאָס איז דער אויסערגעוויינלעכער עפּיזאָד וואָס האָט מיט מיר געשען און איז אינטערעסאַנט אים איבערצוגעבן:

אין אַ געוויסן דאָנערשטיק אין דערפרי, אין אַ מאַרק־טאָג, בין איך געשטאַנען ביי מיין הויף אויף באַן גאַס, זיך צוגעקוקט צום גרויסן עולם הענדלער, קויפער און פאַרקויפער: יידן, פּויערים און פּויערטעס מיט זייערע סחורות איבערן גאַנצן גאַס, פורן פון די דערפער אָן אַ צאָל קומען אַלע צום מאַרק־טאָג צו פאַרקויפן זייערע סחורות און

איינקויפן זייערע נויטווענדיקייטן. אַ טומל, אַ גפּילדער, אַ געשריי געמישט מיט געלעכטער און זידלערייען — אַזש פּאַרטויבט צו ווערן. און אין אָט דעם געדיכטן עולם — שפּאַרט זיך איינער, מיט זיך און פּרובירט זיך דורכשניידן אַ וועג דורכצוגיין. אין דעם איינעם דערקען איך מענדל דעם סטאָליער.

ער לויפט אַ צעפּלאָנטער גלייך צום פּאַראַדנעם פּלאַץ אַרויף, גלייך צו דער פּאָליצייסקע אופּראַוולעניע.

די זאַך איז מיר, נאַטירלעך, געוואָרן פּאַרדעכטיקט. האָב איך אָפּגעוואַרט ביז ער וועט אַרויסקומען און זען וואָס ווייטער וועט זיין. אַרום אַ האַלבע שטונדע שפּעטער איז ער אַרויסגעקומען — אַ צעקאָכטער, געלאָפן אַהיים. בין איך צוריקגעגאַנגען צו מיין פּלאַץ ביי מיין הויף, איינגאַנצן אומבאַמערקט פון אים. ווען ער איז אָבער פּאַרבייגעגאַנגען און האָט מיך דערזען — איז ער צוגעלאָפן צו מיר אַן אָטעם:

— ווי געפעלט דיר דער שייגעץ, דער יונגאַטש? ער האָט דאָך מיך געוואָלט שיסן!...

— וועמען מיינט איר? — האָב איך אים געפרעגט.

— מיין ברודערס קדיש זונדל! — איך וועל אים אָנלערנען, אַז ער וועט מיך האָבן צו געדענקען!... ענטפערט מענדל דער סטאָליער און איז איינגאַנצן אַ צעשרויפטער אַנטלאָפן ווייטער.

זונדל איז געווען דער יינגסטער זון פון זיין ברודער ישראל־יודל דער סטאָליער.ביידע ברידער, מענדל און ישראל־יודל, זיינען געווען די זין פון שמואל נחמן דער סטאָליער און האָבן זיך אַלע יאָרן אַרומגעקריגט איבער דער ירושה, וואָס דער „רייכער" שמואל נחמן האָט זיי איבערגעלאָזן. די קריגעריי איז אַריבער פון די טאַטעס צו די קינדער. זונדל האָט געהאַלטן ביים אָפּפאָרן קיין אַמעריקע, האָט ער פּאַר זיין אָפּפאָרן געוואָלט איבערשרעקן זיין אָנקל מענדלען. ווען ז׳ער לעצטער איז געזעסן מיטן רוקן צום פענצטער און געלערנט ביים טיש אַ בלאַט גמרא — האָט זונדל אַריינגעשאָסן אַ קויל הויך איבער זיין אָנקלס קאָפּ... וואָלט ער אים טאַקע געוואָלט דער׳הרג׳ענען — וואָלט ער דאָס זייער לייכט געקענט טאָן, שיסנדיק אים גלייך אין רוקן ניט הויך איבערן קאָפּ. זיין צוועק איז אָבער געווען — בלויז איבערשרעקן אים, — און דאָס וועט זיין זיין לעצטער אַקט אָפּצורעכענען

זיך מיט זיין אָנקל, איידער ער פאָרט אַוועק. אַ לעכערלעכער און ריזי־אַקלישער געדאַנק. אין זונדלס אויגן האָט דאָס אויסגעזען קלוג און גוט.

אין אַ פּאָר שטונדן אַרום איז געקומען זונדלס שוועסטער, צביה, און מיר איבערגעגעבן, דאָס איר פאָטער ישראל יודל האָט געבעטן איך זאָל צוקומען צו אים. ער וויל זיך מיט מיר דורכשמועסן. איך האָב צביהן דערקלערט דאָס איך וועל צוקומען פאַרנאַכט: איך ווייס וועגן וואָס ער וויל זיך דורכשמועסן מיט מיר. איך גלויב, אָבער, אַז די פּאָליציי וועט זיין ביי אייך דורכן טאָג, וויל איך ניט זי (די פּאָליציי) זאָל מיך טרעפן ביי אייך.

פאַרנאַכט בין איך צוגעגאַנגען צו זיי. מיין חשבון איז געווען אַ ריכטיקער. פּאָליציי איז טאַקע געווען. געזוכט זונדלען, האָט אים ניט געפונען. ישראל־יודל (זונדלס פאָטער) האָט מיר דערציילט דאָס, וואָס איך האָב שוין געוואוסט, און מיך געבעטן אַן עצה ווי אַזוי מ׳זאָל קענען אים פון ביעלסק אַרויסקריגן און ער זאָל קענען נאָך אַמעריקע אַוועקפאָרן.

— וואו איז די שיפס־קאַרטע? האָב איך געפרעגט.

— ביי אים! האָט ישראל־יודל געענטפערט.

— און וואו איז ער.

— ער איז שוין ביי דער פּאָליציי. זי האָט אים געפונען ביי זיינער אַ טאַנטע.

— די איינציקע זאַך וואָס מען קען טאָן איז — אַרויסקריגן ביי אים די שיפס־קאַרטע, אויב די פּאָליציי האָט דאָס נאָך ניט. פאַרן שיסן קען מען אים ניט באַשולדיקן. מענדל האָט קיינעם ניט געזען. ער איז געזעסן מיטן רוקן צום פענצטער. זונדל וועט דאָך זיכער לייקענען, — איז ניטאָ וואָס צו שרעקן זיך. עס קען דויערן בלויז עטלעכע טעג און היות ווי קיינע באַווייזן וועלן ניט זיין — וועט מען אים אָפּלאָזן...

אַזוי האָב איך אָפּגעשאַצט די לאַגע און אַזוי האָב איך זיי דאָס איבערגעגעבן. — ווי אַזוי אָבער קען מען אַרויסקריגן די שיפס־קאַרטע? — האָבן זיי מיך געפרעגט.

— עס איז ניט קיין לייכטע זאַך — האָב איך געענטפערט, אָבער איך וועל פּרובירן. געפינט אויס אין וועלכן קאַמער פון דער פּאָליציי־

קער „רעשאָטקע" ער געפינט זיך, דאַן וועט מען זען וואָס ווייטער צו טאָן.

— וו אַזוי געפינט מען דאָס אויס? האָבן זיי געפרעגט.

— מאַכט אַ פעקל צום עסן און טראָגט דאָס אַוועק אין דער רע־שאָטקע. גיט דאָס איבער צום וועכטער און גיט אַכטונג אין וועלכן קאַמער ער וועט דאָס איבערגעבן. דאָרט אין יענעם קאַמער געפינט זיך זונדל. אַזוי האָב איך זיי געראָטן צו טאָן.

אין אָוונט פונם זעלבן טאָג, ווען איך בין געשטאַנען אויף דער בירזשע, איז צוגעקומען צו מיר צביה און האָט מיר איבערגעגעבן, אַז ער געפינט זיך אין דער לעצטער קאַמער רעכטס. דאַן האָב איך איר געהייסן קומען מאָרגן פרי, ניט שפּעטער ווי פינף אַזייגער אויפן זעלבן פּלאַץ, זי זאָל מיטברענגען מיט זיך איינגעוויקלט אין אַ טוך: טיי, צוקער, ברויט, פּוטער — אַ גאַנצן פרישטיק, און אַ האַלבן רובל געלט.

פּונקט פינף אַזייגער אויף מאָרגן באַגינען איז צביה צוגעקומען צום פּלאַץ וואו איך האָב שוין געוואַרט, מיר אַלעס איבערגעגעבן.

— דו וואַרט דאָ! האָב איך געזאָגט. אין אַ האַלבע שטונדע אַרום — אויב איך קום ניט אַרויס — זאָלסטו לאָזן וויסן מיין פאַמיליע.

און אַזוי מיטן פּעקל עסן האָב איך זיך געלאָזט גלייך צו דער רעשאָטקע. בין גאַנץ שטיל אומבאַמערקטזאַם דורכגעגאַנגען דעם הויף, גלייך אַריין אין דער רעשאָטקע; כ'בין צוגעקומען צו דער לעצטער קאַמער רעכטס און דורך דער לאָך אין טיר געשיקט אַ־זאָג־געטאָן:

— זונדל, — שנעל די שיפס־קאַרטע!

אין זעלבן אויגנבליק איז שוין די שיפס־קאַרטע געלעגן ביי מיר אין קעשענע. איך האָב זיך גלייך אומגעקערט צוריק, דורכגעגאַנגען דעם וועכטערס צימער.

מיך דערזען — איז דער וועכטער געוואָרן אַ פאַרציטערטער —

— וואָס טוסטו דאָ אַזוי פרי? האָט ער געפרעגט.

— איך האָב געבראַכט עסן פרישטיק פאַר ראָזשעפּינסקין! —

און האָב אים, אַזוי ריידנדיק, גלייך אַריינגעשטעקט דעם האַלבן רובל אין זיין האַנט...

— כאַראַשאָ! גוט, האָט ער גלייך אַ זאָג געטאָן. און ווער ראַ־

זשעפּינסקי איז האָב איך אים ניט געדאַרפט דערציילן. דאָס איז זונדלס צווייטער נאָמען. און טאָמער וואָלט ער דאָס געגעבן אַן אַנדער אַרעסטאַנט, וואָלט דאָס מיך אויך ניט געקימערט, אָבי די שיפּס־קאַרטע איז שוין ביי מיר אין קעשענע, ניט ביי זונדלען...

איך האָב גלייך פאַרלאָזן די רעשאָטקע, בין צוגעגאַנגען צו צביהן איר איבערגעגעבן די שיפּס־קאַרטע און געזאָגט מען זאָל אים (זונדלען) אויך טראָגן מיטאָג עסן און אויך אין אָוונט, כדי די זאַך זאָל ניט פאַרדעכטיק זיין, און אין פאַל עס וועט זיין נייע אַנטוויקלונגען — וועט זי דאָס קענען אויסגעפונען.

פרייטיק צו־נאַכט, ווען איך בין געווען אויף דער בירזשע אויפן פאַראַדנעם פּלאַץ, אַ האַלבן קוואַרטאַל פון דער פּאָליצייסקער אופּראַוו־לעניע — זע איך ווי צביה גייט צוריק פון דער רעשאָטקע מיטן פּעקל עסן אין האַנט. מיך דערזען, איז זי צוגעקומען און דערציילט, דאָס מען האָט ניט צוגעלאָזן דאָס עסן. — מען טראָגט אים צו פיל עסן — האָט מען איר דערקלערט: באַגינען, בייטאָג און אין אָוונט...

דער אָבזיכט, דער צוועק פון ניט צולאָזן דאָס עסן איז פאַר מיר ניט געווען קלאָר. אין דער רעשאָטקע פלעגט מען האַלטן אַרעסטירטע ביז אַן אויספאָרשונג וועט באַשטימען צי דער באַשולדיקטער קען פראָצעסירט ווערן. אויב ניט באַפרייט מען אים. אַלזאָ ניט קיין גע־פערלעכער פאַרברעכער ניט צו־צולאָזן צו אים קיין עסן. יעדנפאַלס, בין איך ביי זיך געווען זיכער, דאָס מען דאַרף יאָ צולאָזן דאָס עסן.

— קום! האָב איך זיך געווענדעט צו צביהן. און מיר זיינען ביידע אַריין אין דער פּאָליצייסקע אופּראַוולעניע.

דער אָקאָלאָדאָטשניק וואָלטשינסקי איז אונדז אַנטקעגנגעקומען, געפרעגט וואָס מיר פאַרלאַנגען. איך האָב געזאָגט: מיר האָבן גע־בראַכט עסן פאַר זונדלען, דער וועכטער האָט ניט געוואָלט צונעמען. דאַן איז וואָלטשינסקי אָוועק אין צווייטן צימער צו סאָסנאָווסקין, אים געמעלדעט וועגן דער זאַך.

— רוף אים אַריין! האָט סאָסנאָווסקי אַ באַפעל געטאָן.

איך בין אַריין צו סאָסנאָווסקי דעם נאַדזיראַטעל. ער האָט זיך ברייט אויסגעצויגן אויף זיין שטול און מיט אַ שטייפן אויסדרוק אויף

זיין פּנים, מעשה גרויסער נאַטשאַלניק, זיך געווענדעט צו מיר, גע־פרעגט וואָס איך פאַרלאַנג?

— איך פאַרלאַנג גאָר ניט — האָב איך געענטפערט. איך וויל בלויז וויסן פאַרוואָס מען לאָזט ניט צו דאָס עסן צו ראַזשעפינסקין.

— און ווי דאַרף זיין — לויט אייער מיינונג? פרעגט ער מיך.

— לויט מיין מיינונג דאַרף מען יאָ צולאָזן צו אים עסן — ענט־פער איך.

— פון וואַנען ווייסט איר דאָס די אַלע געזעצן? פרעגט ער מיך שוין אַן אָנגעצונדענער.

— פון דערפאַרונג! ענטפער איך. איך בין געווען אַרעסטירט און מען האָט צוגעלאָזן עסן צו מיר.

— און ווער איז דאָ דער נאַטשאַלניק? האָט ער מיט כעס אויס־געשריען.

— איר זייט דער נאַטשאַלניק, — האָב איך רואיק געענטפערט.

— אַרויס פון דאַנען!!! — האָט ער אַ געשריי געטאָן מיט זיין גאַנצן כּוח, אַז אַלע אין דער קאַנצעלאַריע זיינען פאַרציטערט געוואָרן.

— קיינער פרעגט איך ניט וואָס צו טאָן!!...

איך האָב זיך אומגעדרייט און געלאָזן זיך צו דער טיר. ביי דער טיר וואו צביה האָט געוואַרט אויף מיר האָב איך געפרעגט דעם אָקאָ־לאָדעטשני וואָלטשינסקי וואָס וועט זיין מיטן עסן? ער וועט אָנפרעגן, האָט ער געזאָגט, און איז אַריין אין סאָסנאָווסקיס צימער.

ס'האָט ניט געדויערט קיין מינוט און ער איז גלייך אַרויסגעקומען צו אונדז און האָט צוגענומען דאָס פּעקל עסן.

— מען וועט דאָס שוין איבערגעבן צו אים, — האָט ער געזאָגט.

מיר האָבן דאַן פאַרלאָזן די פּאָליצייסקע אופּראַוולעניע.

זונדל איז געבליבן אין רעשאָטקע נאָך עטלעכע טעג. קיין באַ־ווייזן קעגן אים איז ניט געווען איז ער באַפרייט געוואָרן. ער האָט זיך גלייך גענומען קלייבן צו זיין רייזע קיין אַמעריקע. זונדל און זיין פאַ־מיליע האָבן גאָר ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט מיר אויס דאַנקבאַר־קייט, און ווען ניט איך וואָלט מען אפשר געפונען ביי אים די שיפס־קאַרטע און דאָס וואָלט מעגלעך געדינט אַלס באַווייז קעגן אים, דאָס איידער ער פאָרט אָפּ קיין אַמעריקע, האָט ער זיך געוואָלט אָפּרעכע־

נען מיט זיין אָנקל. אַ דאַנק מיין פּאַך, שניצעריי, בין איך געווען באַ־קאַנט מיט ביידע אַרומקריגנדיקע ברידער, ווייל ביידע האָבן זיי גע־מאַכט מעבל און איך האָב געמאַכט אַרבעט פאַר זיי ביידן. זונדלען האָב איך אויך גוט געקענט. ער איז געווען אַ ציוניסט, און בכלל זייער ווייט געווען פון שיסן עמיצן, אַפילו זיין ערגסטן שונא. עס איז בכלל געווען אַ נאַרישער געדאַנק פון אַ יונגן יינגל. עס האָט אָבער געשמעקט מיט קאַטאָרגע און איך האָב דאָס געהאַלטן אַלס מיין פליכט צו העלפן אַ נאַרישן אָבער אומשולדיקן יינגל, אַרויסראַטעווען אים פון אַ גרויסן אומגליק.

דער דאָזיקער עפּיזאָד איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר דער מוטיקער געוואַגטקייט פון דער ביעלסקער אַרבעטער באַוועגונג. ענ־לעכע פאַלן זיינען געווען פיל. דער דאָזיקער אינצידענט האָט געמאַכט אַ רושם איבערן גאַנצן שטאָט. אמת, ניט אַלע זיינען געווען איינפאַר־שטאַנדן מיט מיין האַנדלונג, אָבער אַלע האָבן צוגעגעבן, דאָס איך האָב געטאָן אַ גוטע זאַך מיטן אַרויסראַטעווען זונדלען פון די הענט פון דער פּאָליציי.

די אָרגאַניזאַציע האָט באַטראַכט מיין געוואַגטן שריט פאַר אַ קלוגן און נאָבעלן טאַט.

דער אָקאָלאָדאָטשני וואָלטשינסקי האָט אין אַ פּאָר טעג אַרום, באַגעגנדיק מיין מוטער — זיך באַקלאָגט, דאָס איך קריך אומעטום וואו מען דאַרף ניט...

מיין פּאַרטיינע אַרבעט

איך ווער אַ פּאַרטיינער מענטש

אַ פּאַרטיי־מענטש האָט געהייסן אַזאַ, וואָס גיט זיך אָפּ אינגאַנצן מיט דער אַרבעט פאַר דער פּאַרטיי. די אַרבעט איז געטאָן געוואָרן אונטער די שווערסטע אומשטענדן. אַ דאַנק איר קאָנספּיראַטיוון כאַראַקטער, זיינען אין יעדן שטאָט און שטעטל געווען טרייע, איבערגעגעבענע רעוואָלוציאָנערן, וואָס האָבן בייגעטראָגן זייער חלק צו דער אַרבעט פאַר דער פּאַרטיי, צו וועלכער זיי האָבן געהערט. די אַרבעט פון דער פּאַרטיי האָט אָבער אויך געפאָדערט מענטשן, וואָס זאָלן זיך אָפּגעבן אינגאַנצן מיט דער דאָזיקער אַרבעט. איך בין זוכה געווען צו זיין איינער פון זיי.

איך האָב אָנגעהויבן צו אַרבעטן אין ראַיאָן, און ווען איך האָב געזען, אַז מען קען אָנפאַרטרויען אַנדערע איינציקע אַרבעטן — האָב איך דאָס געטאָן. איך האָב זיך געווענדעט צום צענטראַלן קאָמיטעט און אָנגעבאָטן מיין דינסט. אַ צייט שפּעטער האָט מען מיר געלאָזט וויסן, אַז דעם און דעם טאָג זאָל איך קומען קיין ביאַליסטאָק זיך טרעפן מיט שלומקע דעם גראָדנער. איך האָב זיך מיט אים געטראָפן אויף אַ קאָנספּיראַטיווער קוואַרטיר.

שלומקע דער גראָדנער האָט מיך געקענט פון יענער פאַרזאַמלונג אין ביעלסק, וואו ער האָט גערעדט. מיר זיינען גלייך צוגעקומען צום עניך, צוליב וועלכן מיר זיינען זיך צוזאַמענגעקומען. ער האָט אויסגעדריקט זיין צופרידנהייט מיט מיין באַשלוס צו ווערן אַ פּאַרטיי־מענטש. איך האָב אים דאַן פאַרגעלייגט, אַז איידער די פּאַרטיי וועט מיך ערגעץ שיקן, זאָל זי קריגן פאַר מיר פריער אַרבעט אין האָלץ־שניצעריי, ווייל איך וויל צו ביסלעך אַרבעטן און פאַרדינען אויף מיינע

אויסגאַבן. אָדער זי זאָל מיר געבן אַזאַ אַרבעט, אַז איך זאָל ניט דאַרפן בלייבן אויף איין פּלאַץ, נאָר קענען אַרומפאָרן.

שלומקע דער גראָדנער האָט מיר געזאָגט, אַז די פּאַרטיי־מענטשן דאַרפן ניט זאָרגן פאַר זייערע אויסגאַבן, ווייל די פּאַרטיי דעקט אַלץ.

— אָט דאָס וויל איך טאַקע ניט, — איך וויל ניט לעבן אויפן חשבון פון דער פּאַרטיי. איך האָב אַ פאַך אין האַנט און קען אַליין זיך ערנערן, — האָב איך געענטפערט.

— איך דאַרף זיך דורכריידן וועגן דעם מיט געוויסע מענטשן — האָט שלומקע דער גראָדנער מיר דערקלערט. — דערווייל זאָל איך צוריקפאָרן קיין ביעלסק און מען וועט מיר שוין לאָזן וויסן.

אַ קורצע צייט שפּעטער האָט מען מיר געלאָזט וויסן, אַז קיין באַשטימטער פּלאַץ פאַר מיר איז נאָך ניטאָ. מען וועט מיך אָבער פון צייט צו צייט אַרויסרופן פאַר געוויסע אַרבעטן.

יענעם ווינטער פון נייַנצן הונדערט פינף און זעקס און אַנהויב זומער פון זעלבן יאָר האָב איך געהאַט אַזעלכע שליחותן. שפּעטער האָט מען מיר געלאָזט וויסן, אַז איך זאָל פאָרן קיין בריסק און דאָרט פאַרבלייבן. מען האָט באַזאָרגט איך זאָל קענען אַרבעטן ביי מיין פאַך, ווי איך האָב דאָס פאַרלאַנגט. איך האָב זיך איינגעפּאַקט, מיטגענומען דאָס ביסל אָפּגעשפּאָרטע געלט (פופצן רובל) און בין געפאָרן קיין בריסק.

איך האָב איבערגענומען אַ דירה פון דעם פריערדיקן אָנפירער פון דער „פּ. פּ. ס." אָרגאַניזאַציע אין בריסק, איינער מיטן נאָמען ארקי. די אָרגאַניזאַציע פון „פּ. פּ. ס." אין בריסק איז געווען אַ יונגע, און אַזוי ווי איך האָב באַוויזן אויפצובויען אַ שטאַרקע אָרגאַניזאַציע אין ביעלסק, האָבן זיי געוואָלט פּרובירן טאָן דאָס־זעלבע אין בריסק. איך האָב זיך באַקענט מיט די פירערשאַפט פון דער אָרגאַניזאַציע און האָב אויסגעפונען, אַז די אָרגאַניזאַציע געפינט זיך אין אַ שווערער לאַגע. די גרעסטע שטערונג אין איר אַרבעט איז געווען דער „בונד", וואָס האָט זיך שוין איינגעפונדעוועט אין בריסק און דערלאָזט ניט קיין אַנדערע אָרגאַניזאַציעס. איך האָב גלייך דערזען, אַז איך געפין זיך דאָ אין בריסק פונקט אין אַ פאַרקערטער לאַגע ווי אין ביעלסק. אין ביעלסק בין איך געווען דער פירער פון אַן איינגעפונדעוועטער

אָרגאַניזאַציע און ניט דערלאָזט קיין אַנדערע אָרגאַניזאַציעס. דאָ אין בריסק, בין איך דער פירער פון אַ שוואַכער אָרגאַניזאַציע, וואָס פּרו־בירט זיך ערשט צו באַפעסטיקן.

אָבער דאָס האָט מיך ניט אָפּגעשראָקן. איך בין אַוועקגעגאַנגען אַרבעטן ביי מיין פאַך, און אין די אָוונטן פלעג איך זיך טרעפן מיט די פירער פון דער אָרגאַניזאַציע און מיר האָבן אויסגעאַרבעט פּלע־נער פון דער אַרבעט. די קאַסע פון דער אָרגאַניזאַציע איז געווען ליי־דיק, האָב איך אויסגעליען די קאַסע מיינע אייגענע צען רובל און מיר זיינען צוגעטראָטן צו דער אַרבעט.

די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען

די בריסקער אַרבעטערשאַפט, וואָס האָט געציילט עטלעכע טויזנט נפשות, איז געווען צעטיילט אין פאַרשיידענע פאַכן ווי שניידער, שוס־טער, סטאָליער, קירזשנער, מאָליאַרעס, בעקער, טאָקערס, שניצערס, שלאָסערס און אַ סך גילדזין־מאַכער — על פּי רוב מיידלעך. די גילדזין־פאַבריקן אין בריסק זיינען געווען מאָדערנע און האָבן געאַרבעט אויף דאַמף און גאַז.

צו יענער צייט איז אָנגעגאַנגען אַ באַוועגונג פאַר פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. די פּאַרטייען זיינען געווען צעטיילט וואָס שייך דעם כאַ־ראַקטער, וואָס די פאַראיינען דאַרפן טראָגן: דער „בונד" האָט גע־האַלטן, אַז זיי דאַרפן קאָנטראָלירט ווערן פון אַ סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. די שטעלונג פון דער „פּ. פּ. ס." איז געווען, אַז די פּראָפעסיאָ־נעלע פאַראיינען דאַרפן זיין אינגאַנצן אומפּאַרטייאיש. היות, ווי דאָס איז געווען אַ ברענענדיקע טאָג־פראַגע, האָבן מיר באַשלאָסן אָנצו־הויבן אונדזער אַרבעט פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. מיר האָבן פאַררופן פאַרזאַמלונגען צו דערקלערן דעם אונטערשייד צווישן די פּאַרטייאישע און אומאָפּהענגיקע פאַראיינען. די באַזוכן זיינען אָבער געווען נישטיק קליין. מיר האָבן באַלד אויסגעפונען די סיבות פון אַזאַ קליינעם באַזוך: דער „בונד" האָט זיך דערוואוסט וועגן אונדזערע פאַרזאַמלונגען, האָט אָנגעשטעלט פּאַטרולן, וואָס האָבן געשיקט דעם

עולם אין אַזעלכע פּלעצער, וואו קיין פאַרזאַמלונגען זיינען גראַד ניט געווען. דאָס האָט זיך איבערגעחזרט עטלעכע מאָל. האָבן מיר באַשלאָסן צו געבן דעם „בונד" די זעלבע מעדיציץ. מיר האָבן זיך דערוואוסט פון אַ בונדיסטישער פאַרזאַמלונג וואָס דאַרף פאָרקומען, און מיר האָבן אויך אַוועקגעשטעלט פּאַטרולן, געשיקט דעם עולם אין אַן אַנדער ריכטונג. דאָס האָט געווירקט.

דעמאָלט האָבן זיי זיך גענומען צו אָבסטרוקציעס: זיי פלעגן קומען צו אונדזערע פאַרזאַמלונגען, און ווי נאָר איך האָב געעפנט דאָס מויל, האָבן זיי אָנגעהויבן טומלען, שרייען, אַז מען האָט קיין וואָרט ניט געקענט הערן. האָבן מיר ווידער באַשלאָסן אָפּצאָלן זיי מיט דער זעלבער מטבע. מיר זיינען געקומען צו זייערער אַ פאַרזאַמלונג און געשטעלט אַן אולטימאַטום: — אָדער איר זאָגט אונדז צו צו געבן אַ געלעגנהייט צו אָפּאָנירן אייך, אָדער מיר וועלן אָפּברעכן די פאַרזאַמלונג! — דער „בונד" האָט צוגעזאָגט אונדז צו לאָזן ריידן און האָט טאַקע געהאַלטן וואָרט. דאָס איז געווען צום ערשטן מאָל וואָס די בריסקער מאַסע האָט מיך געהערט ריידן.

די אָרגאַניזאַציע האָט דאַן אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן צו אָרגאַניזירן פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען אין די פאַבריקן. מיר האָבן געפירט אונטערהאַנדלונגען מיט די אייגנטימער אָדער באַאַמטע פון די פאַבריקן מען זאָל אונדז דערלויבן צו ריידן צו די אַרבעטער. נאָכדעם ווי מיר האָבן אַזעלכע דערלויבענישן געקראָגן, בין איך מיט נאָך עטלעכע מיטגלידער פון דער אָרגאַניזאַציע געגאַנגען איבער די פאַבריקן, געהאַלטן קורצע רעדעס וועגן פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, און אויפגעפאָדערט די אַרבעטער זאָלן אויסקלייבן דעלעגאַטן, כדי צו אָרגאַניזירן אַ פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין. די אויסגעקליבענע דעלעגאַטן זיינען אַ קורצע צייט שפּעטער גערופן געוואָרן אויף אַ פאַרזאַמלונג, וואו עס איז געגרינדעט געוואָרן אַ פּראָפעסיאָנעלער פאַראיין פון דעם (באַטרעפנדן) פאַך. אָנגעהויבן האָבן מיר פון די גילדזן־מאַכער, פון דעם גרעסטן פאַך. מיט זיי איז צוגעגאַנגען לייכט, ווייל גרויסע צאָלן האָבן געאַרבעט אין יעדער פאַבריק. שפּעטער זיינען מיר איבערגעגאַנגען צו אַנדערע גרעסערע פאַכן און מיר האָבן געהאַט אַ באַדייטנדן דערפאָלג.

דורך די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען איז געוואָקסן אין בריסק די פּאָפּולאַריטעט פון דער „פּ. פּ. ס.״ אָרגאַניזאַציע.

דער אַטענטאַט אויף אַ פּריסטאַוו אין בריסק

אַ סך מער ווי די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, האָט צו דער פּאָפּולאַריטעט פון דער „פּ. פּ. ס.״ אין בריסק, בייגעטראָגן, דער אַטענטאַט אויף אַ פּריסטאַוו, דורכגעפירט פון דער קאַמפּס־דרוזשינע פון דער „פּ. פּ. ס.״.

מיטן אַטריאַד האָט אָנגעפירט אַ ווילנער פּאָטאָגראַפטשיק, אַן ענערגישער יונג. איך פלעג קומען מיט זיי אין באַרירונג, האָב אָבער ניט געוואוסט, וואָס אייגנטלעך טוען זיי. ווען איך האָב אָבער געטראָפן אין גאָס לייבל דעם וועבער, פון ביאַליסטאָק, האָב איך שוין פאַרשטאַנען, אַז אין בריסק ווערט עפּעס געפּלאַנט, ווייל ער איז געקומען פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. איך האָב שפּעטער אויסגעפונען, אַז עס איז טאַקע געווען אַזוי.

דער בריסקער פּריסטאַוו איז געווען אַ טיראַן און האָט שרעקלעך פאַרפאָלגט די אַרבעטער. ער האָט געהאַט זיינע אייגנאַרטיקע מעטאָדן פון פאַרפאָלגונגען: ער פלעגט זיך אויסבאַהאַלטן, זיך היטן מען זאָל אים ניט באַמערקן און פלעגט פּלוצלונג אויסוואַקסן דאָרט, וואו מען האָט אים צום ווינציקסטן דערוואַרטעט. ער פלעגט שטענדיק טראָגן אַ נאַגייקע מיט זיך. מען האָט זיך ניט געקענט אויסהיטן פון אים. עס איז שווער געוואָרן אַרויסצוגיין אין גאַס. אַרבעטער פלעגן פון אים אַרומגיין צעקיילטע, צעביילטע, מיט פאַרבאַנדאַזשירטע קעפּ, פּנימער, מיט וואונדן אויף די הענט און פיס, אויפן רוקן און אינם גאַנצן קערפּער. דער אַטריאַד האָט באַשלאָסן איינמאָל פאַר אַלע מאָל: באַפרייט צו ווערן פון דעם בלוטיקן הונט.

פאַר דעם צוועק איז אַראָפּגעבראַכט געוואָרן פון ביאַליסטאָק לייבל דער וועבער, אַ דערפאַרענער באָיאָוויעץ. ער האָט געלערנט און געגעבן אינסטרוקציעס.

אַ געוויסע צייט שפּעטער, ווען אַלץ איז שוין געווען צוגעגרייט,

האָט מען מיר אָנפּאַרטרויט וועגן דעם פּלאַן. מיין אויפגאַבע איז געווען צו זען, אַז ס׳זאָלן זיך ניט געפינען צו פיל מיטגלידער אין גאַס. איך האָט, נאַטירלעך, די אָנווייזונגען אויסגעפירט, און כ׳האָב מיט אומגעדולד נאָכגעפאָלגט דעם גאַנג פון דער זאַך.

די ערשטע עטלעכע טעג האָט דער אָטריאַד אים נאָכגעשפּירט, געשטודירט זיין טעגלעכן מאַרשרוט, געזוכט דעם בעסטן פּלאַץ וואו דער אַטענטאַט זאָל דורכגעפירט ווערן. מען האָט אים אָנגעהויבן נאָכצוגיין און וואַרטן אויף דער בעסטער געלעגנהייט. ענדלעך האָט דאָס פּאַסירט.

דאָס איז געווען אין אַ פינצטערע נאַכט אויפן בולוואַר. דער פּריסטאַוו האָט, ווי זיין טבע איז, זיך אַריינגעגנבט אין שטאָטישן גאָרטן, צעשלאָגן אייניקע אַרבעטער און האָט זיך געלאָזט גיין צום בולוואַר. דער „באָיאָוואָי אָטריאַד״ האָט שוין פון אים קיין אויג ניט אַראָפּגעלאָזן און נאָכגעפאָלגט זיין יעדע באַוועגונג. איך האָב זיך צו יענער צייט געפונען אויפן בולוואַר, נעבן איינע פון די סאָדע־וואַסער ביידלעך. האָב איך דערזען, אַנטשל דעם פּריקאַזשטשיק, איינעם פון אָטריאַד, אין אַ נערוועזן צושטאַנד. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דער מאָמענט איז נאָענט; כדי אים אַ ביסל צו צעשטרייטן, האָב איך אים אַריינגענומען אין דעם סאָדע־וואַסער בײדל, עפּעס אויסצוטרינקען און גלייך אַרויס. ער איז גלייך פאַרשוואונדן. אין עטלעכע מינוטן אַרום האָט זיך דערהערט אַ שאָס... דער גאַנצער עולם פון בולוואַר האָט גענומען לויפן.

די מיטגלידער פון „אָטריאַד״ זיינען זיך באַלד צוזאַמענגעקומען אויף אַ קאָנספּיראַטיווער קוואַרטיר. דאָס האָט געזאָלט דינען צו קאָנטראָלירן, צו דערוויסן זיך די רעזולטאַטן פון דעם אַטענטאַט, צי ווער פון זיי זיינען ניט דורכגעפאַלן. די פרייד איז געווען ניט צו באַשרייבן. מען האָט איינע די אַנדערע גראַטולירט פאַר דעם געלונגענעם טאַט מיט דעם גרויסן דערפאָלג.

קאַרטלעך אַנשטאָט אַ פּראָקלאַמאַציע

ווען מען האָט זיך שוין באַרואיקט פון דער גרויסער אויפרעגונג איז אַרויפגעשוואומען די פראַגע וועגן אַ פּראָקלאַמאַציע, וואָס זאָל לאָזן וויסן, ווער עס האָט דורכגעפירט דעם אַטענטאַט אויפן פּריסטאַוו. בריסק האָט קיין דרוקעריי ניט געהאַט. פאַרשיידענע פּלענער זיינען געמאַכט געוואָרן, אָבער קיין איינער פון זיי האָט ניט געקענט באַפרידיקן דעם צוועק פון פאַרשפּרייטן די נייעס גלייך אויף מאָרגן. עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו קריגן קאַרטלעך און אָנשרייבן בלויז עטלעכע ווערטער, אַז דער אַטענטאַט אויפן פּריסטאַוו איז דורכגעפירט געוואָרן פון דער „פּ. פּ. ס.".

עס איז ניט געווען קיין פּראַקטישע זאַך, ווייל פּאָליציי קען אַמאָל דורך אַ האַנטשריפט דערגיין עפּעס, אָבער דאָס איז געווען דאָס איינציקע וואָס מען האָט געקענט טאָן אונטער די אומשטענדן. דעם זעלבן אָוונט איז מיר געלונגען צו שטעלן זיך אין פאַרבינדונג מיט עטלעכע מיטגלידער פון דער אָרגאַניזאַציע, פון וועלכער איינער איז געווען אַ דרוקער און ער האָט געקראָגן אַרום אַ טויזנט קאַרטלעך. מען האָט זיך אַוועקגעזעצט און אָנגעשריבן די קאַרטלעך און זיי באַלד פאַרשפּרייט. גאַנץ פרי האָט מען אין די פאַבריקן און מאַסטערסקאַיעס געטאָן דאָס זעלבע.

דעם איינדרוק וואָס די ידיעה האָט געמאַכט איבערן שטאָט איז געווען אַ גוואַלדיקער. די אָרגאַניזאַציע פון דער „פּ. פּ. ס." איז אויסגעוואַקסן. אירע רייען זיינען פאַרגרעסערט געוואָרן. אַ שרעק איז געלעגן אויף די פּאָליציישע פּנימער. וואו נאָר מעגלעך האָבן זיי זיך פאַררוקט אין די קלענערע גאַסן, אין די הינטער־געסלעך, כדי אויסצומיידן די אַרבעטער מאַסן.

כמעט אין דער זעלבער צייט וואָס מען האָט מיט גרויס פּאַראַד באַערדיקט דעם דערשאָסענעם פּריסטאַוו איז, להבדיל אלף הבדלות, געווען אין בריסק די לוויה פון מרדכי דעם שניצער, אַ מיטגליד פון „בונד", וואָס איז דערטרונקען געוואָרן בעת ער האָט זיך געבאָדן אין טייך. אַ גרויסע מאַסע האָט מאַרשירט אין געשלאָסענע רייען נאָכן אָרון דורכן גאַנצן לענג פון בולוואַר ביז צום בית־עלמין. ביים אָפענעם קבר

זיינען געהאַלטן געוואָרן רעדעס, אויסדריקנדיק דעם גרויסן פּאַרלוסט, וואָס די באַוועגונג האָט געליטן. איך האָב געאַרבעט צוזאַמען מיט אים עטלעכע וואָכן, כ׳האָב אים אָבער ווייניק געקאָנט. איך האָב מאַר־שירט מיט די מאַסן און אים באַגלייט צו זיין אייביקן רו.

מיין צווייטער אַרעסט

יענער זומער פון ניינצן הונדערט און זעקס איז געווען זייער אַ שטורמישער. עס איז געווען נאָך דעם, ווי די צאַרישע רעגירונג האָט צעטריבן די דומע און האָט צוריקגערופן די קאָנסטיטוציע. די רע־אַקציע האָט געבושעוועט און פּאָגראָמען אויף יידן איז געוואָרן אַן אָפּטע דערשיינונג.

בריסק, אַ יידישע שטאָט, האָט אויך אָנגעהויבן ציטערן. קלאַנגען האָבן זיך פאַרשפּרייט, אַז די פויערים פון די אַרומיקע דערפער קלייבן זיך צו מאַכן אַ פּאָגראָם. די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג פון בריסק איז אַרומגעגאַנגען אַ צעשראָקענע. מען האָט גערופן אסיפות כדי זיך צו באַראָטן וואָס צו טאָן. צווישן די אַרבעטער מאַסן האָט זיך אויך גערודערט. די בריסקער אַרבעטער האָבן זיך אויך גענומען גרייטן צו פאַרטיידיקן דער באַפעלקערונג אין פאַל פון אַ פּאָגראָם. אי־בערהויפּט האָט מען געלייגט פיל געוויכט אויף דער אָרגאַניזאַציע פון פּ. ס. די אָרגאַניזאַציע האָט טאַקע גענומען זיך צוגרייטן, האָט אָר־גאַניזירט גרופּעס. אַן דער שפּיץ פון יעדער גרופּע איז געשטאַנען אַ מיטגליד פון דעם „קאַמפּס־אָטריאַד״. די שטאָט האָט מען דאַן איינגע־טיילט אין ראַיאָנען.

עס איז אַרויפגעשוואומען די פראַגע פון האָבן געווער און האַלטן געווער. קאַלט געווער איז געווען גענוג, אָבער ניט קיין הייסע, אינ־גאַנצן עטלעכע רעוואָלווערן. מען האָט געמוזט קריגן עטלעכע רע־וואָלווערן. דער איינציקער פּלאַץ וואו מען האָט געקענט קריגן געווער איז געווען ביאַליסטאָק. איז באַשלאָסן געוואָרן צו פאָרן אַהין נאָך געווער. אין ביאַליסטאָק האָט צו יענער צייט עקזיסטירט קריגס־צושטאַנד. סאָלדאַטן האָבן באַוואַכט אַלע רעגירונגס־פּלעצער, באַזונ־

דערס דעם וואָקזאַל. מען האָט קיינעם ניט אַריינגעלאָזן און ניט אַרויס־געלאָזן, וואו מען זאָל ניט באַזוכן. דעריבער האָט מען געמוזט שיקן איינעם מיט דערפאַרונג און וואָס זאָל זיין באַקאַנט מיט דער שטאָט. דער גורל איז געפאַלן אויף מיר.

אין אַ געוויסן פרייטיק אָוונט בין איך געפאָרן קיין ביאַליסטאָק. ווען דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט אין מיין שטאָט ביעלסק, בין איך אויסגעשטיגן, האָב אויפגעזוכט אַ באַקאַנטן איזוואָזטשיק און אים אי־בערגעגעבן אַ צעטעלע מיט אַן אַדרעס, ער זאָל דאָס מאָרגן, שבת פרי, איבערגעגעבן. אין דעם צעטעלע האָב איך געלאָזט וויסן, אַז איך וועל פאַרבייפאָרן מיטן פאַרנאַכטיקן צוג, וואָס לויפט פון ביאַליסטאָק נאָך בריסק. געטאָן האָב איך דאָס מיטן צוועק, אַז טאָמער ווער איך אַרעסטירט, זאָל מען באַלד וויסן, און די פּאָליציי זאָל זיי ניט באַפאַלן אומגעריכט. ווען איך בין געקומען קיין ביאַליסטאָק בין איך צוויי מאָל אונטערזוכט געוואָרן אויפן וואָקזאַל. אַלע אַנדערע וועגן צום שטאָט זיינען געווען פאַרצאַמט.

אין שטאָט בין איך אַוועק אויף אַ געוויסן קוואַרטיר, איבערגעגעבן די חברים וועגן מיין שליחות. — זייער אַ געוואַגטע אויפגאַבע — האָבן זיי זיך אויסגעדריקט, און זיי זעען ניט ווי אַזוי מען קען דאָס דורכפירן.

נאָך אַ לענגערע באַראַטונג איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ פּלאַן: עס מוזן אויסגעמיטן ווערן די צוויי באַן־סטאַנציעס — ביאַליסטאָק און סטאַראָסעלץ. אין סטאַראָסעלץ איז געפערלעך, ווייל דאָרטן בייט מען איבער די לאָקאָמאָטיוון און די זשאַנדאַרן נוצן אויס די צייט צו זוכן אין די וואַגאָנען. די רייזע אין בריסק מוז זיך דעריבער אָנהויבן פון דער דריטער סטאַנציע, לעוויצקי, און ביז אַהין זאָל איך גיין צו־פוס, דאָס הייסט אַרום צוויי עשה. פאַר אַ וועג־ווייזער וועט מיר געגעבן ווערן אַ קריסטלעכער חבר, וואָס ווייסט דעם וועג.

פאַרטיק געוואָרן מיטן פּלאַן האָט מען געבראַכט פיר בראַונינגס מיט הונדערט קוילן. די רעוואָלווערן האָט מען איינגעוויקלט אין אַ לייוונט, אַרומגעוויקלט אַרום מיין קערפּער ביים גאַרטל, צוויי אויפן בויך און צוויי ביים רוקן. די הונדערט קוילן האָט מען איינגעוויקלט אין צוויי לייוונטן, צו פופציק אין יעדן, אַרומגעוויקלט אַרום מיינע

ביידע פיס, און איך מיט מיינע וועג־ווייזער האָבן פאַרלאָזן די קוואַר־טיר. עס איז געווען אויסגערעכנט, אויב מיר זאָלן ניט גיין שנעל, וועט מען אָנקומען אין דער צייט ווען דער צוג וועט שוין זיין און מיר וועלן ניט דאַרפן אַרומדרייען זיך אויף דער סטאַנציע. דורך דער שטאָט און דורכן וואַלד זיינען מיר געגאַנגען באַזונדער, ווייל אין פאַל פון אַרעסט — זאָל איך איינער אַרעסטירט ווערן. אין שטאָט איז אַ געפּאַר און אין וואַלד האָבן זיך געפונען די קאַזאַרמעס.

אַרויס פון וואַלד האָבן מיר זיך פאַראייניקט. מיר זיינען דורכ־געגאַנגען פעלדער, וואָס זיינען געווען באַוואַקסן מיט הויכע זאַנגען. עס איז געווען שניט־צייט. פון ווייטנס פלעגט זיך דערטראָגן דער געזאַנג פון די פּויערטעס. די פּאָר שעה זיינען שנעל אַריבער און מיר זיינען שוין געווען ניט ווייט פון דער סטאַנציע לעוויצקי. מיר האָבן קלאָר געזען די סטאַנציע און האָבן שוין געמאַכט די פאַרבערייטונגען אַרויפצוגיין אויפן צוג. מיר האָבן באַשלאָסן, אַז מיין באַגלייטער זאָל אַריינגיין אין דער סטאַנציע און קויפן אַ בילעט און איך זאָל וואַרטן אין דרויסן, און פּונקט ווען דער צוג וועט אָנקומען זאָל איך דורכגיין די סטאַנציע גלייך אין צוג אַריין. אַזוי אַרום וועל איך זיך קיינעם ניט וואַרפן אין די אויגן.

פּלוצלונג איז אַרויסגעשפּרונגען קעגן אונדז אַן אוריאַדניק מיט אַ רעוואָלווער געצילט אין אונדזערע פּנימער און מיט אַ געשריי: — הענט אין דער הויך, אָדער איך שיס!...

דער פּלוצלונגדיקער איבערפאַל פון דעם אוראַדניק איז געקומען אַזוי אומגעריכט פאַר אונדז, אַז אין ערשטן מאָמענט האָבן מיר גאָר ניט באַגריפן וואָס דאָ קומט פאָר. באַלד זיינען מיר אָבער געקומען צו זיך און פאַרשטאַנען, אַז מיר זיינען פאַרלאָרן. מיר האָבן ניט דעם קלענסטן שאַנס זיך צו שטעלן קעגן. מיר האָבן געמוזט פאָלגן און אויפהויבן די הענט. ער האָט גלייך גענומען שרייען, רופן די פּויערים און פּויער־טעס, וואָס האָבן געאַרבעט אין פעלד און זיי זיינען אַלע געקומען צו־לויפן, האָבן אונדז אַרומגערינגלט.

דער אוריאַדניק האָט דאַן גענומען אונדז באַזוכן. ער האָט אַרויס־גענומען די פּאַספּאָרטן פון אונדזערע בוזעם־קעשענעס, האָט זיי אַריינ־געלייגט אין אַ זאַק. דאַן האָט ער באַזוכט פריער מיין באַגלייטער און

האָט גאָרניט געפונען; דאַן האָט ער באַזוכט מיך אַרום דעם קערפּער און האָט גאָרניט געפונען. ווען ער האָט אָבער אַרומגעזוכט מיינע פיס, האָט ער זיך אָנגעשטויסן אָן די קוילן. ער האָט זיי אַרויסגענומען, אַריינגעלגט אין זעלבן זאַק, וואו ער האָט אַריינגעלייגט די פּאַספּאָרטן. דאַן האָט ער מיך נאָכאַמאָל באַזוכט אַרום קערפּער. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז אויב איך האָב קוילן, מוז איך, וואַרשיינלעך אויך האָבן רע־וואָלווערן. ער האָט זיי געפונען. אַרויסגענומען, און אַריינגעלייגט אין דעם זעלבן זאַק צוזאַמען מיט די קוילן און פּאַספּאָרטן...

— אַזוי גאָר? — האָט ער זיך געווענדעט צו אונדז, — טעראָ־ריסטן? —

מיר האָבן אים גאָרניט געענטפערט.

— איר וועט שוין ריידן! — האָט ער געזאָגט, און געהייסן גלייך ברענגען צוויי וועגענער, האָט אַריינגעזעצט מיין באַגלייטער מיט דריי פּויערים אין איין וואָגן, מיך מיט צוויי פּויערים און ער, דער אוריאַד־ניק אַליין, אין דעם צווייטן וואָגן.

— קיין ביאַליסטאָק! — האָט ער אַ קאָמאַנדעווע געטאָן.

מיר האָבן אָנגעהויבן אונדזער וועג אויף צוריק. דעם מאָל ניט צו־פוס, נאָר אין וועגענער. מיר זיינען פאַרבייגעפאָרן וועלדער, פעלדער, דערפער... גאָר אַן אַנדער וועג ווי די מיט וועלכער מיר זיינען גע־גאַנגען.

דורכפאָרנדיק אַ געדיכטן וואַלד איז מיין באַגלייטער אַרונטער־געשפרונגען פון דעם וואָגן און איז פאַרשוואונדן. דער אוריאַדניק האָט אַפילו אַ פּאָר מאָל אויסגעשאָסן אָבער ניט געטראָפן. דער אור־יאַדניק האָט דערזען, אַז ער האָט פאַרלאָרן מיין באַגלייטער, האָט ער זיך צעשריען אויף די פּויערים, האָט זיי געזידלט, און מיך האָט ער פעסט אַרומגעבונדן מיט אַ שטריק צו די זייטן פון וואָגן, האָט זיך געזעצט מיט זיין רעוואָלווער קעגן מיר און האָט מיך געוואָרנט, אַז ביי מיין ערשטן פאַרזוך צו אַנטלויפן וועט ער מיך שיסן. און אַזוי זיינען מיר אַריינגעפאָרן אין ביאַליסטאָקער פּאָליצייסקע אופּראַוו־לעניע, ניט ווייט פון וואָקזאַל, אַריבערפאָרנדיק דעם הויכן בריק, אונטער וועלכן עס לויפן פאַרשיידענע באַנען.

אין ביאַליסטאָקער טורמע

דער שווערער טויער פון הויף האָט זיך הינטער אונדז פאַרמאַכט. דער אוריאַדניק האָט מיך באַפרייט פון די שטריק, האָט אַרויסגע־שלעפּט דעם זאַק מיט די פּאַספּאָרטן, רעוואָלווערן, קוילן און האָט מיך אַריינגעפירט אין דער קאַנצעלאַריע.

צוליב דעם, וואָס איך בין אַרעסטירט געוואָרן מחוץ דער שטאָט — האָט מיין ענין געהערט צו דער אויעזדנער פּאָליציי. עס איז שוין געווען שפּעטלעך. די נאַכט איז צוגעפאַלן. אין דער קאַנצעלאַריע האָט זיך געפונען בלויז איין נאַטשאַלניק, דאַכט זיך דער געהילף־איספּראַווניק. דער אוריאַדניק האָט אַוועקגעלייגט דעם זאַק אויפן טיש און האָט איבערגעגעבן די אומשטענדן פון אַרעסט. ער האָט אויך דערציילט, אַז איין אַרעסטירטער איז אַנטלאָפן. אַלץ איבערגעגעבן איז דער אוריאַדניק אַוועק. דער געהילף־איספּראַווניק האָט אַרויסגע־נומען די זאַכן פון זאַק, אויסגעשפּרייט אויף אַ לאַנגן טיש, און מיך האָט ער געהייסן זיך זעצן קעגן איבער אים. ער האָט אָנגעהויבן מיך אויסצופרעגן.

איך האָב אים דערציילט אַ געשיכטע: איך בין געקומען קיין ביאַליסטאָק צו זוכן אַרבעט ביי האָלץ־שניצערייען און האָב ניט גע־פונען. איך האָב זיך אַרומגעדרייט איבער די גאַסן און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. דאָס ביסל געלט וואָס איך האָב געהאַט איז אויסגעגאַנ־גען. האָב איך באַשלאָסן גיין צו פוס אַהיים. איך בין אַריין אויפן שול־הויף און איך האָב דערזען ליגן אין אַ ווינקל אַ פּעקל. איך האָב דאָס פּעקל אויפגעוויקלט, דערזען רעוואָלווערן. איך האָב זיך אַ ביסל דערשראָקן און ניט געוואוסט, וואָס צו טאָן מיט זיי. איך האָב באַ־שלאָסן זיי נעמען מיט זיך. אויפן וועג האָב איך זיך אָנגעטראָפן מיט נאָך אַ מאַן, זיינען מיר געגאַנגען צוזאַמען עס זאָל זיין היימלעכער. אויפן וועג זיינען מיר אַרעסטירט געוואָרן...

— איך גלויב דיר ניט קיין וואָרט! — האָט ער מיט בייזקייט געזאָגט צו מיר. איך וואָלט דיר געראַטן זאָגן דעם אמת. פאַרגעס ניט, אַז ס'איז קריגס־צושטאַנד.

— איך האָב דערציילט דעם גאַנצן אמת — האָב איך געענטפערט.

געזען אַז ער שרעקט מיך ניט איבער, האָט ער מיך אָנגעהויבן צו באַוואַרפן מיט פאַרשיידענע פראַגן. ער האָט זיך געבייזערט, גע־שריען, פרובירט מיך צעטומלען. איך האָב זיך אָבער געהאַלטן ביי מיין ווערסיע און עס איז אים ניט געלונגען אַרויסצובאַקומען פון מיר קיין איינציקן וואָרט, וואָס ער זאָל קענען אויסנוצן קעגן מיר. ענדלעך איז ער פאַרטיק געוואָרן מיטן אויספרעגן, האָט אַריינגערופן דעם וועכטער.

אַ פּאָר מינוטן שפּעטער האָב איך זיך שוין געפונען מיד און אויפגערעגט אין דער „רעשאָטקע". איך האָב זיך אויסגעצויגן אויף דער האַרטער נאַרע און געוואָלט איינשלאָפן, אָבער ניט געקענט. איך האָב קוים דערלעבט עס זאָל ווערן טאָג.

אין דערפרי איז אַריינגעקומען דער איספּראַווניק, אַ הויעכר ריז. ער איז געווען גוט באַקאַנט די ביאַליסטאָקער אַרבעטער, ווי דער יע־ניקער, וואָס האָט אַ קויל אין דעם הינטערשטן טייל פון קערפּער, וואָס ער האָט באַקומען ביים צעטרייבן אַ פאַרזאַמלונג אין וואַלד. די קויל האָט מען ניט געקענט אַרויסנעמען. ווי אַ באַלוינונג האָט מען אים געגעבן אַ העכערן ראַנג און געמאַכט פאַר אַן איספּראַווניק פון גאַנצן אויעזד.

— וואו האָסטו גענומען די רעוואָלווערן? האָט ער שטרענג גע־פרעגט.

איך האָב זיי געפונען, — האָב איך געענטפערט.

— געפונען, — האָט ער זיך צעלאַכט. און ווער האָט זיי פאַר־לאָרן? האָט ער שפּאָטיש געפרעגט.

— איך ווייס ניט, — האָב איך געענפערט.

— דו ווייסט וואָס מען וועט טאָן מיט דיר? האָט ער מיט חוזק זיך געווענדעט צו מיר.

— איך ווייס ניט.

— מען וועט דיך אויפהענגען — האָט ער זיך צעלאַכט, און דו ווייסט פאַרוואָס? האָט ער ווייטער מיט חוזק געפרעגט.

— ניין! האָב איך ווידער געענטפערט.

— פאַר דעם געשלעכטס־אָרגאַן!...

ער האָט שטאַרק אָנגעקוואָלן פון זיין וואולגאַריטעט.

— איבערגעבן צום גענעראַל־גובערנאַטאָר! האָט ער באַפוילן זיין סעקרעטאַר.

דריי טעג בין איך געווען אין דער „רעשאָטקע". מיר האָט זיך געדוכט, אַז איך בין דאָרטן געווען אַמווייניקסטן דריי חדשים.

אויפן פערטן טאָג באַגינען האָט דער וועכטער געלאָזט וויסן, אַז מען וועט מיך באַלד אַוועקפירן אין טורמע, און אַז דער גענעראַל־גובערנאַטאָר האָט מיך באַשטראָפט מיט דריי חדשים. מען האָט מיך אַרויסגעפירט אויפן הויף, וואו עס האָבן געוואַרט פיר סאָלדאַטן, וואָס האָבן אָנגעלאָדן די ביקסן אין מיין אָנוועזנהייט און געוואָרנט, אַז זיי וועלן שיסן, אויב איך וועל פּרובירן צו אַנטלויפן. איך האָב זיי פאַר־זיכערט, אַז זיי וועלן ניט דאַרפן שיסן. זיי האָבן מיך אַרומגערינגלט און געפירט דורך דער לאַנגער נאָוואָליפּע גאַס, דורך דער גאַנצער לענג פון דער וואַשילקאָווער גאַס, ביז אַרויף צו דער טורמע.

מען האָט מיך אַריינגעלאָזט אין אַ קאַמער מיט קרימינעלע, וואָס זיינען נאָך געשלאָפן. קיין פּלאַץ פאַר מיר אויף דער נאַרע איז ניט געווען. איך בין געשטאַנען אַרום אַ שעה. שפּעטער האָט זיך די טיר געעפנט און מען האָט אַריינגעבראַכט ברויט. אַלע זיינען אַרונטער־געלאָפן, געכאַפּט די פּאַרציעס ברויט און איינגעוויקלט אין זעקלעך פון שמאַטעס. איך האָב ניט געהאַט אין וואָס איינצואוויקלען מיין פּאַרציע ברויט, האָב איך דאָס געלאָזט ליגן.

אין איין אויגנבליק איז מיין ברויט שוואַרץ געוואָרן פון ווערעם. שפּעטער, ווען די אַרעסטאַנטן זיינען שוין אויפגעשטאַנען און מען האָט אַריינגעבראַכט „קיפּיאַטאָק" (הייסע וואַסער) פאַר טיי, האָב איך דעם קובער דערציילט וועגן מיין פּאַרציע ברויט, און ער האָט צוגעזאָגט צו ברענגען אַן אַנדער פּאַרציע. אָבער ער האָט דאָס ניט געטאָן. איך האָב געמאָלדן דעם וועכטער, אַז איך וויל ריידן מיטן טורמע־נאַ־טשאַלניק. ער האָט אָנגעפרעגט אין דער קאַנצעלאַריע און מען האָט געהייסן מיך אַריינשיקן.

איך בין אַהין אַריין. געזען דעם נאַטשאַלניק, וואָס איז געווען אַ הויכער, דיקער מאַן אין די מיטעלע יאָרן מיט אַ מילדן, גאָר ניט קיין קלוגן אויסדריק אויף אַ געשוואָלענעם פּנים. ער האָט מיך געפרעגט וואָס איך וויל? איך האָב אים געזאָגט, אַז איך בין ניט קיין קרימי־

נעלער, נאָר אַ פּאָליטישער, אָבער מען האָט מיך אַריינגעזעצט צו־זאַמען מיט יענע אַרעסטאַנטן. ער האָט איבערגעקוקט מיינע פּאַפּירן און געזאָגט, אַז לויט די פּאַפּירן בין איך ניט קיין פּאָליטישער און אויך ניט קיין קרימינעלער, נאָר פון „אַדמיניסטראַטיווער אָרדנונג", און פאַר אַזעלכע איז קיין באַזונדער פּלאַץ ניטאָ. דערפאַר וועל איך מוזן בלייבן מיט די קרימינעלע און מוזן טראָגן אַ ווייסן קאָסטיום ווי די קרימינעלע טראָגן.

אויפן דריטן טאָג האָט מען צוגענומען מיינע ציווילע קליידער און אָנגעטאָן אַ ווייסן קאָסטיום.

די פּאָליטישע אַרעסטירטע האָבן זיך געפונען אין אַ באַזונדער געביידע אויפן אַנדערן זייט פון הויף, וואָס איז געווען אָפּגעצאַמט מיט אַ געמויערטן פּאַרקאַן. עטלעכע פּאָליטישע האָבן זיך געפונען אין אַ באַזונדער קאַמער פון די „אוגאָלאָווגע" און האָבן געוואַרט אויף אַן אַנטשיידונג וואו מען זאָל זיי איבערגעבן. איך האָב זיך נאַטירלעך גלייך באַקענט מיט זיי און פאַרבראַכט מיט זיי. ווען זיי האָבן מיך דערזען אין אַ ווייסן קאָסטיום, האָבן זיי פאַרדעכטיקט, אין וועלן פון זיי אַרויסקריגן געוויסע אינפאָרמאַציעס, וואָס דאָס פלעגט אָפּט טרעפן. עס איז מיר אָבער געלונגען אויפצוקלערן מיין לאַגע. זיי האָבן אויך אָנגעפרעגט אין דרויסן וועגן מיר לויט די פּערזאָנען וואָס איך האָב זיי אָנגעגעבן. אַלץ איז געווען צופרידנשטעלנדיק, אָבער אינ־גאַנצן איבערצייגט זיינען זיי געוואָרן ערשט אַ וואָך שפּעטער. דער עטאַפּ האָט געבראַכט עטלעכע בונדיסטן פון בריסק, וועלכע האָבן זיך גלייך נאָכגעפרעגט אויף מיר און האָבן זיך דערפרייט מיט מיר. פון אונדזער צוזאַמענריידן זיך האָבן זיי אויסגעפונען ווער איך בין.

דעם זעלבן טאָג וואָס מען האָט מיך אַרעסטירט האָט מען גע־לאָזט וועגן דעם ווייסן קיין ביאַליסטאָק, ביעלסק און בריסק. מען איז געוואָרן אומרויִק וועגן מיין גורל: אין ביאַליסטאָק הערשט קריגס־צושטאַנד, און אַרעסטירט ווערן מיט געווער — שמעקט אַמאָל מיט טויט־שטראָף. אין ביאַליסטאָק האָט מען זיך דערוואוסט פון מיין באַגלייטער, וואָס איז אַנטלאָפן. ער איז דורך אַן אַנדער וועג צוריק־געקומען קיין ביאַליסטאָק און האָט דערציילט וועגן מיין אַרעסט. אין ביעלסק האָט מען זיך דערוואוסט פון דעם צעטעלע, וואָס איך האָב אַ

נאַכט פריער איבערגעגעבן דורך אַ באַקאַנטן איזוואָזשטשיק צו מיט־גלידער פון דער ביעלסקער אָרגאַניזאַציע. זיי זיינען געווען אויפן וואָקזאַל, ווען דער צוג פון ביאַליסטאָק נאָך בריסק איז פאַרבייגעפאָרן און איך האָב זיך ניט באַוויזן. זיי האָבן באַלד פאַרשטאַנען, אַז איך בין אַדורכגעפאַלן. אין בריסק האָבן זיי זיך אויך גלייך דערוואוסט וועגן מיין אַרעסט. ביי מיין משפחה האָט זיך געטאָן חושך, בפרט שפּעטער, ווען זיי האָבן אויסגעפונען, אַז איך בין אַרעסטירט געוואָרן מיט געווער. זיי האָבן געהאַלטן, אַז איך בין אַ פאַרלאָרענער. דאָס האָב איך שפּעטער אויסגעפונען.

איך האָב פּרובירט צו טאָן אַלץ וואָס איך האָב געקענט, כדי צו פאַרלייכטערן זייער שווערן געמיט. איך האָב צו וויסן געגעבן די ביאַליסטאָקער חברים, אַז מיין לאַגע איז גאָר ניט אַזאַ שלעכטע, צו־ליב דעם, וואָס איך בין באַשטראָפט געוואָרן בלויז מיט „אַדמיניסטראַ־טיווע אָרדנונג" און ניט איבערגעגעבן געוואָרן דעם קריגס־געריכט. איך האָב געבעטן איבערגעבן וועגן מיין גורל אַלע חברים און באַ־זונדערס אין ביעלסק צו מיין משפחה.

אינצידענטן אין ביאַליסטאָקער טורמע און אין אויעזדנער ראַשאָטקע

אין די דריי חדשים וואָס איך בין געווען אין דער ביאַליסטאָקער טורמע, האָב איך געהאַט פאַרשיידענע דערפאַרונגען, דורכגעלעבט מאָמענטן אינטערעסאַנטע און מאָמענטן שרעקלעכע:

אַ געוויסן פרימאָרגן האָט מען אַריינגעבראַכט דריי יונגע לייט, אַ קריסט מיט צוויי יידן. זייערע קליידער זיינען געווען פאַרשמירט, פאַרבלוטיקט, די פּנימער צעקיילט. עס איז געווען קענטיק, אַז די פּאָליציי האָט זיי גוט צעשלאָגן. אייניקע פון די פּאָליטישע האָבן זיי געקענט ווי אַנאַרכיסטן. זיי האָבן דערציילט, אַז זיי האָבן געמאַכט אַן עקספּראָפּריאַציע ניט ווייט פון די קאַזאַרמעס און סאָלדאַטן האָבן זיי געכאַפּט און איבערגעגעבן זיי דער פּאָליציי. צו יענער צייט זיינען אויפגעקומען אין אַ סך שטעט אַנאַרכיסטישע גרופּעס, וואָס האָבן

געפּרעדיקט טעראָר, פּראַקטיצירט עקספּראָפּריאַציע. זיי פלעגן באַ־פאַלן בענק, גרעסערע געשעפטן און צונעמען דאָס געלט. דאָס געלט פלעגט גיין אויף קויפן געווער און באָמבעס. די דריי יונגע־לייט האָבן דורכגעפירט אַ ניט־געלונגענע עקספּראָפּריאַציע. מען האָט זיי גע־כאַפּט. פּאָליציי האָט געקוקט אויף עקספּראָפּריאַטאָרס ווי אויף איינ־פאַכע רויבערס און האָט זיך אין זיי נוקם געווען. צוויי מאָל האָב איך זיך געפונען צווישן אַ גרופּע פון אַרום דרייסיק יונגע אַרעסטאַנטן, ווען די סאָלדאַטן זיינען געקומען דערקענען די באַשולדיקטע. מען האָט זיי שפּעטער איבערגעשיקט קיין וואַרשע, וואו מען האָט זיי גע־שטעלט פאַר אַ קריגס־געריכט. איך האָב געלייענט אין אַ צייטונג, אַז מען האָט זיי אויפגעהאַנגען אין וואַרשעווער ציטאַדעל.

אַ צווייטע דערפאַרונג, אויך אַ פּיינלעכע, האָב איך געהאַט, ווען איז אַ געוויסן טאָג האָט דער עטאַפּ געבראַכט דריי פּינסקער חברים, מיט וועלכע איך האָב זיך געקענט. אין פּינסק איז געווען אַ פּראָוואָ־קאַטאָר פון וועלכן די אָרגאַניזאַציע האָט אַ סך געליטן. אַ צייט האָט מען געזוכט, ביז דער פאַרדאַכט איז געפאַלן אויף איינעם פון די הויפּט־טוער און, נאַטירלעך, האָט מען די זאַך גוט אויסגעפאָרשט. ווען עס איז קלאָר געוואָרן, אַז דער פאַרדאַכט איז אַ ריכטיקער — האָט מען פאַרנאַרט דעם פּראָוואָקאַטאָר און אים דערשטאָכן. דאָס איז געווען אַ פרייטיק צו־נאַכט. אַ גאַנצע נאַכט שבת און זונטיק האָט די פּאָליציי געזוכט וועלטן און געמאַכט אַרעסטן. זי האָט אָבער גאָרניט אויסגעפונען. אַלע אַרעסטירטע זיינען באַפרייט געוואָרן. ווען איך האָב פאַרלאָזן פּינסק איז דאָס שוין געווען אַ פאַרגעסענע זאַך. די פּאָליציי פון פּינסק האָט אָבער ניט אויפגעגעבן. זי האָט די גאַנצע צייט געאַרבעט אין דער שטיל, ביז זי האָט אַרעסטירט דריי פאַר־דעכטיקע אין יענעם מאָרד פון דעם פּראָוואָקאַטאָר. דערזעענדיק זיי האָב איך זיך דערפרייט. פאַרט עטלעכע יאָר זיך ניט געזען. אָבער ווען איך האָב זיך צונויפגערעדט מיט זיי און אויסגעפונען אין וואָס זיי ווערן באַשולדיקט און אַז מען שיקט זיי קיין וואַרשע — איז מיך אַ שרעק באַפאַלן. בדרך כלל איז געווען באַוואוסט, אַ די וואָס מען שיקט קיין וואַרשע זיינען פאַרמשפּט על פּי רוב צום טויט. איך האָב פאַרבראַכט (אין טורמע) מיט די פּינסקער חברים עטלעכע טעג. מיט

טרערן אין די אויגן האָב איך זיך געזעגנט מיט זיי. וואָס עס איז גע־וועז דער שיקזאַל פון די דריי פּינסקער חברים, ווייס איך ניט.

אַ דריטע דערפאַרונג האָט מיר פאַרשאַפט פיל שרעק, האָט זיך אָבער אויסגעלאָזן גוט. די אַרעסטאַנטן פון דער ביאַליסטאָקער טורמע האָבן געוואוסט, אין וועלכער טורמע ס׳געפינט זיך אַ חבר, אַפילו אין וועלכער שטאָט. זיי האָבן אַפילו געוואוסט ווער ס׳וועט קומען מיטן עטאַפּ און פון וואַנען. געוואוסט האָט מען דאָס טיילוויז פון דרויסן, פון די וויזיטן צו די אַרעסטאַנטן, פון „כתיבות״, דאָס הייסט, באַהאַל־טענע בריוועלעך, וואָס אַרעסטאַנטן פון איין טורמע פלעגן ברענגען צו זייערע חברים פון אַנדערע טורמעס. מיטאַמאָל האָב איך אָנגעהויבן צו באַמערקן, אַז די קרימינעלע פון מיין קאַמער שושקען זיך מיט קרימינעלע פון אַנדערע קאַמערן און קוקן אויף מיר מיט חשד. מיר איז דאָס ניט געפעלן געוואָרן. איך האָב פּרובירט אויסגעפינען, וואָס ס׳גייט דאָ אָן און האָב גאָרניט געקענט אויסגעפינען צו יענער צייט, ניט לאַנג נאָכן פּאָגראָם אין ביאַליסטאָק, פלעגט מען ברענגען אין טורמע כוליגאַנעס, באַטייליקטע אין דעם פּאָגראָם. די קרימינעלע פלעגן זיי שלאָגן מכות רצח. זייער שנאה צו די כוליגאַנעס האָט זיך גענומען, ערשטנס, ווייל זיי האָבן זיי געהאַלטן פאַר קאָנקורענטן, צווייטנס — זיינען צווישן די קרימינעלע געווען אַ סך יידן. עס איז געקומען אַזוי ווייט, אַז ווען מען פלעגט ברענגען אין טורמע אַ כוליגאַן, פלעגט מען אים פאַרשפּאַרן באַגינען, ווען אַלע אַרעסטאַנטן זיינען נאָך געשלאָפן. מען פלעגט זיי ברענגען עסן פאַרן גאַנצן טאָג, און ביינאַכט, ווען אַלע אַרעסטאַנטן זיינען שוין געשלאָפן, פלעגט מען דעם כוליגאַן אַרויסלאָזן אויפן שפּאַציר. דער כוליגאַן האָט אויך געמוזט זיך פאַרשפּאַרן פון אינעווייניק, ווייל עס האָט געטראָפן אַ פּאָר מאָל, אַז די אַרעסטאַנטן האָבן אָפּגעבראָכן די שלעסער פון די טירן, האָבן זיך אַריינגעכאַפּט און צעממיתט די כוליגאַנעס.

דערהערט ווי זיי שושקען זיך האָב איך זיך אָנגעהויבן צו שרעקן. איינמאָל אין אַן אָוונט, ווען מיר זיינען שוין אַלע געווען פאַרשלאָסן אויף איבער דער נאַכט, האָב איך זיך געווענדעט צו זיי און געפרעגט, וואָס שושקען זיי זיך אַזוי וועגן מיר? זיי האָבן אָבער געזאָגט, אַז זיי זיינען נאָך ניט זיכער, אויב עס וועט זיך אַרויסווייזן ריכטיק וועגן

מיר. איך בין אָבער צוגעשטאַנען און געבעטן זיי זאָלן מיר זאָגן וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. זיי האָבן ניט געוואָלט אויסזאָגן. ענדלעך האָט זיך איינער פון זיי אַרויסגעכאַפּט און געפרעגט צי איך בין אַ ביעל־סקער? — יאָ, האָב איך געענטפערט.

— ציטלינען קענסטו? — פרעגט ער מיך ווייטער.

— וואָס פאַר אַ ציטלין? פרעג איך אים.

— אָ! דו ווייסט שוין גאָר ניט ווער ציטלין איז? — נעמט ער מיך אויף זיכער.

— ניין, איך ווייס ניט! בין איך באַשטאַנען אויף מיינס.

— דו וועסט אים דערקענען, זאָגט ער מיר אין עטלעכע טעג אַרום וועט ער קומען מיטן עטאַפּ. ער איז אַרעסטירט געוואָרן אין ביעלסק און פאַרמשפּט געוואָרן אויף קאַטאָרגע, האָט ער צוגעגעבן.

דערהערט דאָס, האָב איך זיך באַלד דערמאָנט וועגן דעם: אין ביעלסק איז געווען אַ סענסאַציאָנעלער פּראָצעס און דער ציטלין איז פאַרמשפּט געוואָרן אויף קאַטאָרגע. דאָס איז געווען זומער 1904. די ביעלסקער באַפעלקערונג האָט יענעם זומער אַ סך געליטן פון גנבות און רויבערייען. געווען גנבים און רויבער, וואָס האָבן זיך ניט באַ־גנוגנט מיט סתם גנבות פון שטאָט נאָר זיי פלעגן זיך פאַרלייגן אויף די וועגן אַרום ביעלסק, וואָס פירן צו די דערפער און באַראַבעווען די פויערים. די פויערים האָבן אויפגעהערט צו קומען אין שטאָט אַריין אויף די מערק. די פּאָליציי האָט גאָרניט געקענט טאָן קעגן דער באַנדע גנבים און רויבער, האָט מען זיך געווענדעט אומדירעקט צו דער אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט אָבער דאָס צוריקגעוויזן, ווייל עס ליגט ניט אין אירע אויפגאַבן צו פירן אַ קאַמף מיט גנבים. די פּאָליציי האָט זיך געווענדעט צו די שטאַרקע, צו די פאַרבאַרעס און קצבים. יעדע נאַכט פלעגן זיי פּאַטרולירן די גאַסן און די וועגן אויסערן שטאָט, און אַ דאַנק דעם האָט די צאָל גנבות און רויבערייען זיך פאַרקלענערט.

אַ געוויסן אָוונט, נאָך אַ מאַרק טאָג, איז דער ישובניק יעקב חיים, פון אַ דאָרף ניט ווייט פון ביעלסק, געפאָרן פון אַ מאַרק אַ היים, און אויפן וועג זיינען אים באַפאַלן צוויי רויבער, צוגענומען ביי אים דאָס ביסל געלט און צעשלאָגן. דאָס קליינע טאָכטערל, וואָס ער האָט

געפירט מיט זיך, האָט זיך שטאַרק דערשראָקן און איז אַ צייט געווען קראַנק. דער ישובניק האָט געהאַט דריי זין אין ביעלסק. איינער אַ קרעמער און צוויי בעקערס. נאָך די שרעק, וואָס ער און זיין טאָכטערל האָבן איבערגעלעבט, האָט ער מורא געהאַט ווייטער צו פאָרן, האָט זיך אומגעקערט קיין ביעלסק צו זיינע קינדער. יונגוואַרג צוזאַמען מיט פּאָליציי האָבן זיך אַרויסגעלאָזט נאָך די רויבערס, אויפן בריאַנסקער שאָסיי, וואו די רויבעריי איז פאָרגעקומען. פאַרבייגייענדיק די אייזנבאַן רעלסן האָבן זיי זיך געווענדעט צום וועכטער וואָס פאַרמאַכט די ראָגאַטקע און (אים) געפרעגט צי ער האָט ניט געזען אין דעם געגנט פאַרדעכטיקע מענטשן. ער האָט געענטפערט, אַז ער האָט געזען אַ פּאָר מענטשן, וואָס דרייען זיך אַרום די וואַגאָנעס, און אַז ער האַלט אַן אויג אויף זיי. דער גאַנצער עולם האָט זיך אַוועקגעלאָזן אין דער אָנגעוויזענער ריכטונג צו די פּראַכט־וואַגאָנעס. צוקומענדיק נאָענט האָבן זיי באַמערקט, ווי צוויי מענער לאָזן זיך לויפן פּאַראַלעל מיט די רעלסן. דער עולם איז נאָכגעלאָפן. לעבן דעם אַלטן בית־עולם זיינען זיי פאַרשוואונדן. אַ גאַנצע נאַכט האָט די יונגוואַרג צוזאַמען מיט דער פּאָליציי באַוואַכט דעם בית־עולם, ביז זיי האָבן זיי געפונען אין אַ ביידל אויפן בית־עולם. זיי האָבן געסטראַשעט צו שטעכן יעדן איינעם, וואָס וועט וואַגן אַריינצוגיין צו זיי אין ביידל. דאַן האָט די פּאָליציי זיי באַפוילן זיך אונטערצוגעבן. זיי האָבן זיך ענדלעך אונטערגעגעבן.

מען האָט די צוויי רויבער געבראַכט אין שטאָט. דער ישובניק יעקב־חיים האָט זיי באַלד דערקענט. אין אַ צייט אַרום האָט אַ געריכט זיי געמשפּט און פאַראורטיילט דעם יונגערן צייטלין אויף דריי יאָר קאַטאָרגע; דעם אַנדערן, אַן אַלטן פאַרברעכער, אויף זעקס יאָר.

אַזוי אַרום איז אויסגעקומען, אַז איך בין איינער פון די, וואָס האָבן געטאָן שלעכטס דעם דאָזיקן צייטלינען, אויף וועלכן די קרימינעלע אַרעסטאַנטן האָבן זיך ביי מיר נאָכגעפרעגט. צום גליק האָב איך דאָס באַמערקט אין דער צייט און פאַרלאַנגט צו געבן מיר אַ געלעגנהייט צו באַווייזן מיין אומשולד. ווען איך האָב דערהערט, אַז צייטלין דאַרף קומען מיטן עטאַפּ האָב איך זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם, ווייל איך בין געווען זיכער, אַז ער קען מיך ניט, און ווייל איך האָב אָפּגעזאָגט דער פּאָליציי די הילף פון דער אָרגאַניזאַציע.

דער עטאַפּ איז ענדלעך אָנגעקומען. ער איז באַשטאַנען פון בלויזע קאַטאָרזשניקעס, וואָס מען האָט געשיקט פון טורמע קיין סיביר אויף קאַטאָרגע. די קרימינעלע האָבן געהאַט אַ סך פריינד און באַקאַנטע צווישן זיי. פון נאָכפרעגן אַלע נייע אָנגעקומענע קרימינעלע פאַרברע־כער האָבן זיי זיך איבערצייגט, אַז צייטלין קען מיך ניט, און בכן בין איך ניט שולדיק אין דעם גאַנצן ענין.

איידער די דריי חדשים האָבן זיך געענדיקט האָט מען פון דער טורמע קאַנצעלאַריע מיר געלאָזט וויסן, אַז מען וועט מיך צוריקשיקן צו דער „אויעזדנער פּאָליצייסקע אופּראַוולעניע”. מיר איז די זאַך ניט געפעלן געוואָרן, ווייל איך בין געווען אונטערן איינדרוק, אַז נאָך דריי מאָנאַטן דאַרף איך באַפרייט ווערן. צוריקשיקן — האָב איך פאַרדעכטיקט מיט נייע צרות. איך האָב דעריבער געפאָדערט, אַז איך וויל ריידן מיטן נאַטשאַלניק פון דער טורמע. מיין פאַרלאַנג איז דערפילט געוואָרן.

איך בין אַריין צו אים און דערקלערט, אַז דאָס מוז זיין אַ טעות. איך האָב שוין געהאַט מיין שטראָף און איך דאַרף דעריבער באַלד באַפרייט ווערן. דער נאַטשאַלניק האָט נאָכגעזוכט אין די פּאַפּירן און האָט מיר געזאָגט, אַז מען דאַרף מיך צוריקשיקן, און טאַקע מאָרגן. מען האָט אַריינגעטראָגן מיינע ציווילע קליידער, געהייסן זיך איבערטאָן און וואַרטן. מאָרגן פרי האָט מען מיך אַריינגערופן אין דער קאַנצע־לאַריע וואו עס האָבן שוין געוואַרט דריי סאָלדאַטן. מען האָט זיי אי־בערגעגעבן די פּאַפּירן און זיי האָבן מיך אַוועקגעפירט צו דער „אוי־יעזדנער אופּראַוולעניע”. דאָרט זיינען צו מיר אַרויסגעקומען דער איספּראַווניק מיט זיין סעקרעטאַר און געפרעגט וואוהין וויל איך גיין? איך האָב געענטפערט, אַז אַ היים. זיי האָבן זיך צעלאַכט...

— דו וועסט ניט גיין אַ היים, דו וועסט גיין קיין סיביר! — האָט דער איספּראַווניק געזאָגט.

איך בין ווידער פאַרשפּאַרט געוואָרן אין טורמע. אין מיין פאַנ־טאַזיע האָב איך שוין געזען ווי מען שלעפּט מיך איבער טורמעס, אי־בער ווייטע קאַלטע געגנטן מיט שניי און אייז פאַרדעקטע. די נאַכט איז צוגעפאַלן און דער שלאָף האָט מיך פאַרכאַפּט. אין דערפרי איז

צו מיר אַרײַנגעקומען דעם איספּראַווניקס סעקרעטאַר און האָט מיך געפֿרעגט צו וועלכער טעראָריסטישער פּאַרטיי איך געהער?

— איך בין ניט קיין טעראָריסט! — האָב איך געענטפֿערט.

— ווען ווילסטו אײַנריידן אַזעלכע נאַרישקייטן! — האָט ער מיט חוזק געזאָגט.

— האָסט זיך אַרומגעטראָגן מיט געווער און דו ביסט ניט קיין טעראָריסט?...

— ניין! האָב איך געלאָזן געענטפֿערט, — איך בין ניט קיין טעראָריסט!...

— אַלץ אײנס — זאָגט ער מיר, — אין אַ פּאָר טעג אַרום שיקן מיר דאָס איבער צום גענעראַל־גובערנאַטאָר, וועט מען דיר לאָזן וויסן וועגן זײַן באַשלוס.

דאָס אָפּגעזאָגט איז ער אַוועק.

געהיימע באַזוכן

שפּעטער אַביסל איז אַרײַנגעקומען דער וועכטער, געבראַכט מיר אַכט קאָפּיקעס, די סומע, וואָס אַן אַרעסטאַנט קריגט אויף אַ טאָג עסן. איך האָב צוגעלייגט נאָך אַ ביסל געלט און געבעטן מיר ברענגען אַ פּאָר בויגן פּאַפּיר מיט קאָנווערטן און פּאָסט מאַרקעס. ער האָט דאָס מיר געבראַכט. איך האָב אָנגעשריבן צוויי בריוו: אײנעם צום פּראָוויזאָר מאַקס, וואָס האָט געאַרבעט אין ביאַליסטאָק אין אײַזענשטאַטס אַפּטייק, קעגנאיבער דעם שטאָט־זייגער, אַ מיטגליד פֿון דעם ביאַליסטאָקער קאָמיטעט פֿון „פּ. פּ. ס.", און אַ צווייטן בריוו — אַהיים. איך האָב געבעטן דעם וועכטער אַרויסשפּירן מיך אויפֿן הויף. איך האָב געוואַרט ביז עמיצער וועט זיך באַווײַזן אויפֿן אַנדערן הויף און געבעטן אַרײַנצוּוואַרפֿן די בריוו. איך האָב די בריוו אַריבערגעוואָרפֿן איבערן פּאַרקאַן און בין צוריק אַרײַן אין מײַן קאַמער. אויף מאָרגן נאָך מיטאָג קומט דער וועכטער און זאָגט מיר איך זאָל נעמען דעם עמער, אַרײַנגײן אין קיך און אָנצאַפּן וואַסער. מיר איז גלײַך קלאָר געוואָרן, אַז דאָס וואָס ער וויל איז ניט קיין וואַסער, נאָר עפּעס אַנ־

דערש. אָבער וואָס דאָס איז האָב איך קיין אָנונג ניט געהאַט. ווי נאָר איך בין אַריבער די שוועל פון דער קיך האָב איך שוין געוואוסט וואָס דאָס איז: איך האָב, צו מיין גרויס איבעררעשונג, דערזען דוד, מיין עלטסטן ברודער, וועמען איך האָב שוין ניט געזען מער ווי פינף יאָר צייט. ער איז געווען אין אַמעריקע און איך האָב ניט געוואוסט, אַז ער איז צוריקגעקומען. דער וועכטער האָט געקראָגן אַ רובל פאַר צולאָזן אים זיך זען מיט מיר. ער האָט צוגענומען פון מיר דעם עמער.

— מאַכט דאָס שנעל! — האָט ער צו אונדז געזאָגט.

איך האָב זיך אַרומגעכאַפּט מיט מיין ברודער. מיר האָבן ניט געקענט אַרויסריידן אַ וואָרט.

— מען סטאַרעט זיך פאַר דיין באַפרייאונג! — האָט ער קוים אויסגערעדט.

דער וועכטער איז צוריקגעקומען מיטן עמער וואַסער און האָט אונדז צעשיידט.

גלייך נאָך דעם ברענגט מיר דער וועכטער אַן אַלטן אָפּגעטראָגענעם מאַנטל און זאָגט, אַז צוויי יונגעלייט האָבן דאָס געבראַכט. איך האָב באַטראַכט דעם מאַנטל און גלייך פאַרשטאַנען, אַז דער וועכטער איז באַגאַנגען אַ שווינדל. די ביאַליסטאָקער חברים האָבן זיך פון דעם בריוו דערוואוסט, אַז מען שיקט מיך קיין סיביר, האָבן זיי מיר געשיקט אַ וואַרעמען מאַנטל, אָבער דער וועכטער האָט אים צוגענומען פאַר זיך, און מיר געגעבן אַן אַלטן מאַנטל. איך האָב שפּעטער אויסגעפונען, אַז מיין פאַרדאַכט איז געווען אַ ריכטיקער.

דאָס געזעגענען זיך מיט דער משפחה

דער באַזוך פון מיין ברודער און דער מאַנטל האָט מיך איבערצייגט, אַז מען זאָרגט זיך פאַר מיר. דאָס האָט מיך אַ ביסל דערמוטיקט. די נאַכט נאָך דעם בין איך ניט שלעכט געשלאָפן. אין דערפרי האָב איך זיך געפילט אַן אויסגערוטער און אַ מונטערער.

פלוצים האָב איך דערהערט ווי מען קלאַפּט אין דעם קליינעם פענצטערל, וואָס גייט אַרויס פון דער רעשאָטקע אין דעם אַנדערן

הויף. איך האָב געדענקט, אַז דאָס דוכט זיך מיר אויס, אָבער, אַז איך האָב דערהערט אַ צווייטן מאָל האָב איך זיך אַרויפגעכאַפּט אויפן פּענצטערל און דערזען שרקע קלמן־בער דעם בעקערס טאָכטער, אַ מיטגליד פון דער ביעלסקער אָרגאַניזאַציע, מיט וועלכער איך האָב זיך געליבט. אין צווייטן הויף פון דער רעשאָטקע האָט זיך געפונען אַ נידעריקע שטאָל, איז זי אַרויפגעקראָכן אויפן נידעריקן דאַך און האָט דערגרייכט צום פּענצטערל פון מיין קאַמער. איך בין שטאַרק גערירט געוואָרן פון איר געוואַגטקייט. איך האָב אָבער געציטערט צוליב דעם געפאַר, אין וועלכן זי געפינט זיך.

איך האָב זי געבעטן זי זאָל גלייך אַרונטערגיין. זי האָט מיר איבערגעגעבן, אַז מיין משפחה געפינט זיך אין ביאַליסטאָק און סטאַ־רעט זיך פאַר מיין באַפרייאונג. זיי זיינען אַוועק צום גענעראַל־גובער־נאַטאָר, וועלן אויך זיין ביים איספּראַווניק. זי איז גלייך אַרונטער פון דאַך.

איך האָב פרייער אָפּגעאָטעמט און האָב זיך צוריק אויסגעצויגן אויף דער נאַרע. דער שמועס און די באַגעגעניש האָבן מיר צוגעגעבן מוט. איך בין געלעגן, געהאַלטן אין איין טראַכטן פון דער סצענע ביים פּענצטערל.

דער וועכטער איז אַריין, געהייסן מיך גיין אין יענעם גרויסן צימער, וואו מען וואַרט שוין אויף מיר. איך האָב זיך געלאָזן גיין צום גרויסן צימער. ווי נאָר איך האָב אַריבערגעטראָטן די שוועל — בין איך געבליבן שטיין און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. איך בין צע־מישט געוואָרן, ווען איך האָב דערזען מיין משפחה. אין צימער זיינען געשטאַנען מיט פאַרקלעמטע הערצער מיין פאָטער, מיין מוטער, מיין עלטערע שוועסטער, מיין עלטערער ברודער, וואָס איז נאָר־וואָס גע־קומען פון אַמעריקע, מיין פריינדין. אַלע מיט טרויעריקע פּנימער, מיט אויגן פול מיט טרערן. ביי דער טיר פון דעם פאַראַדנעם אַריינגאַנג זיינען געשטאַנען דער איספּראַווניק און זיין סעקרעטאַר, האָבן זיך צוגעקוקט צו דער סצענע. איך בין דאַן צוגעגאַנגען פון איינעם צום אַנדערן, געפאַלן זיי אויף די העלדזער, זיך צעקושט, אַריינגעמורמלט יעדן איינעם אַ פאַר טרייסט־ווערטער.

פאַרטיק געוואָרן מיטן געזעגענען זיך, האָט דער איספּראַווניק

געוואָלט וויסן צי זיי זיינען אַלע מיינע קרובים און וואָס זיי געהערן זיך אָן צו מיר. איך האָב יעדן איינעם פאָרגעשטעלט פאַר אים. ער האָט מיך געהייסן גיין צוריק אין דער „רעשאָטקע”. איך בין אַרויס־געגאַנגען.

בראָדיאַגעס

בראָדיאַגעס האָבן געהייסן מענטשן, וואָס זיינען אין ערגעץ ניט פאַרשריבן. אַזעלכע מענטשן האָבן זיך אַרומגעשלעפּט איבער רוסלאַנד. עס זיינען אָבער אויך געווען, אַזוי אָנצורופן — פּאָליטישע בראָדיאַ־געס, רעוואָלוציאָנערן מיט פאַלשע פּעסער. אַזעלכע פלעגן זיך אַרומ־שלעפּן מיטן עטאַפּ פון טורמע צו טורמע. אַרויסגעבן זיך האָט זיך זיי ניט געלוינט, ווייל זיי האָבן געהאַט אויף זיך אַ צעטל פון פּאָליטישע פאַרברעכנס... אַזעלכע צוויי פּאָליטישע בראָדיאַגעס האָט מען אַריינ־געבראַכט צו מיר אין דער „רעשאָטקע”, אויף מאָרגן נאָך דעם גע־זעגענען זיך מיט דער משפחה. פאַר מיר איז דאָס געווען אַ גרויסע צעשטרייאונג. זיי זיינען געווען אינטעליגענטע יונגעלייט. איינער איז געווען אַ דאָרפישער לערער, דער צווייטער אַ פייערלעשער. אַ גאַנצן טאָג האָבן מיר פאַרבראַכט אין פאַרשיידענע שמועסן.

ווען די נאַכט איז צוגעפאַלן — האָב איך אַ מידער זיך אויסגע־צויגן אויף דער נאַרע און איינגעשלאָפן. אין דער פרי האָב איך זיך געפילט פיל בעסער. מיר אַלע דריי זיינען געזעסן, האָבן פאַרבראַכט אין אַ שמועס. פּלוצלונג טוט זיך די טיר אָן עפן. דער וועכטער גיט אַ שפּרינג אָפּ אויף צוריק. דער איספּראַווניק מיטן סעקרעטאַר קומען אַריין:

— אַזוי גאָר? האָט דער איספּראַווניק זיך געווענדעט צו מיר, — דו שטאַמסט גאָר פון אַ פאַמיליע פון „קופּצעס”, סוחרים, און איך האָב געמיינט, אַז דו ביסט פון „טשאָרני נאַראָד” (פון „שוואַרצן פאָלק”). ער האָט מיר דערציילט, אַז מיין משפחה איז געווען ביים גענעראַל־גובערנאַטאָר און ביי אים געבעטן פאַר מיין באַפרייאונג, אָבער איידער דער גענעראַל־גובערנאַטאָר וועט אַרויסגעבן זיין ענטשיידונג — מוז איך שיקן צו אים אַ פּראָשעניע.

מ׳האָט מיר געגעבן פּאַפּיר, אַ פּען און טינט און געהייסן די בקשה איבערגעבן דעם סעקרעטאַר.

שרייבן פּראָשעניעס צו דער רעגירונג איז באַטראַכט געוואָרן אין די רעוואָלוציאָנערע קרייזן פאַר אַ דערנידערונג. מען פלעגט שרייבן ווייניק פּראָשעניעס חוץ אין אויסנאַם־פאַלן. מיר האָבן דערי־בער דיסקוטירט די פראַגע. איך האָב דערקלערט אין וואָס עס האַנדלט זיך. נאָך אַ לענגערע דעבאַטע זיינען מיר אַלע דריי געוועזן איינפאַר־שטאַנדן, אַז די פרייהייט קען ברענגען מער (נוצן) דער רעוואָלוציאָ־נערער באַוועגונג ווי סיביר. אָנגעשריבן האָט די פּראָשעניע פאַר מיר דער פּאָזשאַרניק, איך האָב זיך אונטערגעשריבן.

אַ לאַנגע צייט האָבן מיר נאָך פאַרבראַכט, ביז שפּעט אין אָוונט. אין מיטן דער נאַכט האָבן מיר זיך עטלעכע מאָל אויפגעכאַפּט צוליב דעם טומל אין אַנדערע קאַמערן. מיר האָבן געהערט שווערע טריט, עפענען און פאַרמאַכן טירן, געלעכטער, און האָבן ניט געקענט פאַר־שטיין וואָס קומט פאָר. פון צייט צו צייט פלעגט צו אונדז אַריינקוקן אַן אוריאַדניק אין דער לאָך פון דער טיר. מיר פלעגן זיך מאַכן ניט־וויסנדיק. איין אוריאַדניק האָט אָבער אַריינגעקוקט עטלעכע מאָל און האָט אונדז גערופן מיר זאָלן צוגיין צו דער טיר. קיינער פון אונדז האָט זיך אָבער ניט גערירט פון אָרט. ער איז אַוועק און געבראַכט נאָך עטלעכע אוריאַדניקעס און האָט אונדז ווידער גערופן. מיר האָבן ניט געפאָלגט. דאַן איז געקומען דער וועכטער פון דער רעשאָטקע, האָט גערופן מיך. דאַן האָט דער אוריאַדניק געפרעגט אויב איך דערקען אים? איך האָב זיך גוט איינגעקוקט און אים דערקאָנט. דאָס איז געווען דער אוריאַדניק, וואָס האָט מיך אַרעסטירט נעבן דער סטאַנציע לעוויצקי.

— יאָ, — האָב איך געענטפערט. מיט גרויס שטאָלץ האָט ער דער־ציילט פאַר די חברים זיינע די געשיכטע פון מיין אַרעסט. דער אוריאַד־ניק האָט אַריינגעשטעקט זיין ביקס אין דער לאָך פון טיר און גע־זאָגט, אַז ער וועט שיסן, אויב מיר וועלן ניט אויספילן זיין באַפעל. מיר האָבן זיך אָבער ניט געשראָקן: מיר זיינען געווען זיכער, אַז ער וועט ניט שיסן. זיינע חברים, די אַנדערע אוריאַדניקעס, האָבן אים אַוועקגעשלעפּט פון דער טיר.

ער איז אַוועק און דערביי געוואָרפן אויף מיין חשבון אַ פּאָר שטאַרקע זידל־ווערטער.

דער גענעראַל־גובערנאַטאָר באַפרייט מיך

אויפן צווייטן טאָג פאַר מיטאָג, ווען מיר, דריי אַרעסטירטע, האָבן פאַרבראַכט אין אַ שמועס, האָט זיך די טיר האַסטיק געעפנט. דער אי־ספּראַווניק מיט זיין סעקרעטאַר זיינען אַריין און אונדז באַטראַכט. דער איספּראַווניק האָט מיר געלאָזט וויסן, אַז איך בין באַגנעדיקט פון דעם גענעראַל־גובערנאַטאָר און אַז איך וועל גיין אַהיים. איך האָב זיך נאַטירלעך דערפרייט מיט דער גוטער בשורה און מיינע צוויי חברים, די פּאָליטישע „בראָדיאַגעס", האָבן מיר גראַטולירט. אין דעם דאָזיקן טאָג האָבן מיר זיך געפונען אין אַ גוטער שטימונג. די נאַכט בין איך גאַנץ ווייניק געשלאָפן פון אויפרעגונג.

דער וועכטער האָט מיך אויפגעוועקט און געזאָגט, אַז מען וואַרט שוין פאַר מיר. איך בין אַרונטער פון דער נאַרע, זיך געזעגנט מיט מיינע חברים און פאַרלאָזן די „רעשאָטקע". אין דעם גרויסן צימער האָבן אויף מיר שוין געוואַרט דריי זעלנער און אַוועקגעפירט אין טורמע צו וואַרטן אויף דעם עטאַפּ, וואָס וועט מיך אַוועקפירן אַהיים קיין ביעלסק.

אַזאַ עטאַפּ איז געגאַנגען אַלע צוויי וואָכן.

מיין אַהיים קומען

ענדלעך איז דער טאָג געקומען. מען האָט מיך מיט אַ סך אַנ־דערע געבראַכט צום ביאַליסטאָקער וואָקזאַל. ווען דער צוג איז אָנגע־קומען האָט מען אונדז אַריינגעפּאַקט אין אַ שוין אָנגעפּאַקטן וואַגאָן מיט אַרעסטאַנטן. ווען דער צוג איז אָנגעקומען קיין ביעלסק האָט מען אויסגערופן די נעמען פון אַכט אַרעסטאַנטן, וואָס האָבן געזאָלט אויס־שטייגן. איך בין, פאַרשטייט זיך, געווען צווישן זיי. ווען איך בין אַרויס פון וואַגאָן האָב איך דערזען אַ גרויסע מאַסע מענטשן, על פּי רוב אַרבעטער, מענטשן פון מיין אָרגאַניזאַציע.

די זעלנער, וואָס האָבן אונדז געדאַרפט פירן צו דער פּאָליציי־פאַרוואַלטונג, האָבן זיך דערשראָקן פאַר אַזאַ גרויסער מאַסע. זיי האָבן באַלד אָנגעלאָדן די ביקסן און האָבן געוואָרנט, אַז זיי וועלן שיסן אין פאַל פון אַ פאַרזוך אַרויסצורייסן עמיצן, אָדער העלפן אַנטלויפן. אויך די ביעלסקער פּאָליציי־לייט (צווישן די פאַרזאַמלטע) האָבן זיך באַגריסט מיט מיר און אַרונטערגענומען די היטלען.

מען האָט אונדז געבראַכט אין דער פּאָליציי און דאָרט פאַרשפּאַרט. עס איז שוין געווען פאַרנאַכט און מיר האָבן באַדאַרפט צעשיקט ווערן אין די שטעט פון אויעזד צו וועלכע מיר זיינען געווען צוגעשריבן. האָט מען אונדז געלאָזט וויסן, אַז דאָס וועט מען טאָן מאָרגן אין דער־פרי. טראָץ דעם, וואָס איך האָב אַלע יאָרן מיינע געוואוינט אין ביעלסק, האָט מען מיך געדאַרפט אָפּשיקן אין אַן אַנדער שטעטל, באַדקע, וואָס האָט זיך אָנגעקערט צו ביעלסקער אויעזד.

אַ שעה שפּעטער האָט דער אָקאָלאָדאָטשני וואָלטשינסקי אַריינ־געקוקט דורך דער לאָך פון דער טיר, האָט מיך צוגערופן און געזאָגט, אַז מיין פאָטער איז אין דער קאַנצעלאַריע און סטאַרעט זיך, אַז מען זאָל מיך אַרויסלאָזן אין ביעלסק. איך האָב אים באַדאַנקט פאַר דער גוטער בשורה. אַ קורצע צייט שפּעטער האָט מען מיך אַריינגערופן אין דער קאַנצעלאַריע, וואו אַ באַאַמטער האָט מיר געשטעלט פראַגן. איך האָב אים געענטפערט, אַז איך בין שוין געגוג איוסגעפרעגט געוואָרן און בין זיכער, אַז מ׳האָט מיך ניט גערופן כדי אויסגעפרעגט צו ווערן.

איז ער אַוועק און באַלד צוריקגעקומען, דערלאַנגט מיר אַ לאַנגן פּאַפּיר און געהייסן זיך אונטערשרייבן. איך האָב דורכגעקוקט דאָס פּאַפּיר, אַ באַשטעטיקונג פון מיין פאָטער, אַז איך בין זיין זון און וואוין אין ביעלסק אַלע מיינע יאָרן, און אויף דעם גרונט בעט ער ניט צו שיקן מיך קיין באַדקע, נאָר באַפרייען דאָ אין ביעלסק. איך האָב זיך אונטערגעשריבן, און דער שרייבער האָט מיר געזאָגט, אַז איך קען גיין אַהיים.

אָפּגייענדיק עטלעכע טריט בין איך גלייך באַגעגנט געוואָרן פון מיטגלידער פון מיין משפחה, פון דער אָרגאַניזאַציע און סתם פריינד. מיר זיינען פאַרביי די אַרבעטער בירזשע. דאָרטן האָבן זיך געפונען אַ סך אַרבעטער. אַלע האָבן מיר גראַטולירט און כ׳בין אַוועק אַהיים.

פּאָליציי האַלט אויף מיר אַן אויג

געהייסן האָט עס, אַז איך בין אַ פרייער מענטש גלייך מיט אַלע אין ביעלסק. אָבער אין דער ווירקלעכקייט בין איך געשטעלט געוואָרן אונטער אַ שטרענגען פּאָליציי־אויפזיכט. איך האָב באַדאַרפט זיך מעלדן צוויי מאָל אַ וואָך. פון די פראַגן, וואָס מען האָט מיך געפרעגט האָב איך געוואוסט, אַז מען שפּירט מיר נאָך אויף יעדן טריט.

איך האָב זיך אָפּגעזאָגט צו פאָרן נאָך בריסק, ווייל עס איז געווען אַ געפאַר איך זאָל אַריינגעצויגן ווערן אין מאָרד פון דעם פּריסטאַוו, וואָס איז פאָרגעקומען מיט עטלעכע מאָנאַטן צוריק. דער זשאַנדאַרמייסטער פון בריסק האָט געוואוסט אַז איך בין אַ מיטגליד פון דער פּאַרטיי „פּ. פּ. ס.". דאָס האָט ער אויסגעפונען פון די ליטע־ראַטור, פון די בראָשורן וואָס זיינען פאַרנומען געוואָרן.

דאָך בין איך קיין בריסק געפאָרן.

אַ געוויסן פרימאָרגן האָט דער מיטגליד פון דער צענטראַלער סכאָדקע פון ביעלסק באַקומען אַ טעלעגראַמע פון צענטראַל קאָמיטעט אַרויסצושיקן מיך קיין בריסק. די טעלעגראַמע האָט אַרויסגערופן אַ מיינונגס־פאַרשיידנהייט. אייניקע האָבן געדענקט, אַז דאָס איז אַ פאַלשע טעלעגראַמע, אַ פּראָוואָקאַציע, אַריינצוכאַפּן מיך אין בריסק, כדי דאָרטן מיך צו אַרעסטירן. אַנדערע ווידער האָבן געהאַלטן, אַז עס איז ניט אַזוי. אין בריסק זיינען פאָרגעקומען רייבונגען צווישן די מיט־גלידער פון דער אָרגאַניזאַציע, און עס איז דערפאַר ניט געווען אויס־געשלאָסן, אַז דער צענטראַלער קאָמיטעט פאַרלאַנגט איך זאָל פאָרן אַהין אויסגלייכן דעם סכסוך. דאָס איז געווען די מיינונג פון דער מערהייט.

איך בין אָפּגעפאָרן קיין בריסק.

אויפן וואָקזאַל האָבן מיך דאָרטן אָפּגעוואַרט אַ פּאָר מיטגלידער פון דער אָרגאַניזאַציע און אַוועקגעפירט אויף אַ קוואַרטיר, וואו עס זיינען געווען פאַרזאַמלט אַ צאָל מיטגלידער. איך האָב באַלד אויס־געפונען, אַז די מיינונג פון דער מערהייט פון דער ביעלסקער סכאָדקע איז געווען אַ ריכטיקע. עס האָט זיך טאַקע געהאַנדלט וועגן די רייבונ־גען אין דער בריסקער אָרגאַניזאַציע, און מיין אויפגאַבע איז געווען

אויסגלייכן דעם סכסוך.ביידע צדדים האָבן פאָרגעלייגט זייערע טענות, וואָס האָבן געשמעקט מיט ריין פּערזענלעכע ענינים. איך האָב אָנגעווענדעט אַלץ וואָס איז געווען אין מיינע כּוחות, אַפּעלירט צו ביידע צדדים ניט צו דערלאָזן, אַז די אָרגאַניזאַציע זאָל דערפון ליידן. נאָך אַ לאַנגער דינגעניש איז מיר ענדלעך געלונגען צוזאַמענצוברענגען ביידע צדדים און מאַכן שלום.

מיר האָבן נאָך צוזאַמען פאַרבראַכט. איך האָב זיי דערציילט פון מיין אַרעסט, פון דער ביאַליסטאָקער טורמע און פון מיין באַפרייאונג. מיר האָבן אָנגענעם פאַרבראַכט אַ פּאָר שטונדן. עס איז שוין געווען צייט צו גיין צום וואָקזאַל און צוריקפאָרן אַהיים.

איך פאַרלאָז מיין היים

יענעם ווינטער, 1906־7, האָב איך איבערגעלעבט אַ ביטערע, שלעכטע צייט.

מיין אַרבעט אין דער ביעלסקער אָרגאַניזאַציע האָט זיך גע־מוזט באַגרענעצן צוליב דעם שטאַרקן „נאַדזאָר". יעדער איינער וואָס האָט נאָר גערעדט מיט מיר, איז גלייך געוואָרן פאַרדעכטיקט. איך האָב דעריבער געמוזט וואָס ווייניקער טרעפן זיך מיט די מיטגלידער פון דער אָרגאַניזאַציע. דאָס האָט אויף מיר זייער שלעכט געווירקט. דערצו בין איך שוין געווען געוואוינט צו טאָן גרעסערע אַרבעט ווי די ביעלסקער אָרגאַניזאַציע האָט דאָס געפאָדערט. איך בין דאָך שוין געווען אַ פּאַרטיי־מענטש און זיך ניט צופרידנגעשטעלט מיט דער קליינער אַרבעט אין ביעלסק. בלייבן אין ביעלסק אונטער אַזעלכע אומשטענדן האָב איך ניט געוואָלט, און פאַרלאָזן ביעלסק האָב איך ניט געקאָנט. איין אויסוועג איז מיר געבליבן: צו פאַרשווינדן, צו פאַרלאָזן ביעלסק, אַז קיינער זאָל ניט וויסן. קריגן אַ פאַלשן פּאַס־פּאָרט און לעבן אינגאַנצן אומלעגאַל. צו יענער צייט איז דאָס ניט געווען קיין זעלטנהייט.

מיין מוטער, וואָס איז פון צרות פאַרעלטערט געוואָרן, האָט מיך זייער גוט פאַרשטאַנען. זי האָט זיך געבעטן ביי מיר צו פאָרן קיין

אַמעריקע. איך האָב זיך געשלאָגן מיט דער דעה און ניט געקענט באַשליסן וואָס צו טאָן. אָבער פּונקט דאַן איז עפּעס געשען, וואָס האָט מיך געצוואונגען צו באַשליסן וואָס שנעלער, איידער עס איז צו שפּעט: דאָס איז געווען די געפאַר אַריינגעצויגן צו ווערן אין דעם מאָרד פון דעם בריסקער פּריסטאַוו.

דער אָקאָלאָדאָטשניק וואָלטשינסקי און דער זשאַנדאַר גאַפּאַנאָ־וויטש זיינען געווען ביי אונדז אין הויז אָפטע אַריינגייערס. זיי פּלעגן ביי אונדז אַריינכאַפּן עפּעס פאַר דעם איבערגעבן געוויסע אינפאָרמאַ־ציע, צו מאָל העכסט וויכטיקע. דאָס מאָל זיינען זיי געקומען מיט דער אינפאָרמאַציע, אַז עס איז דאָ אַ באַפעל פון זשאַנדאַרמייסטער פון בריסק, צו האַלטן אַן אויג אויף מיר. מיין משפּחה האָט מיט שרעקנ־דיקע הערצער זיך גענומען פאַנאַנדערקלייבן אין דער אינפאָרמאַציע, וואָס זיי האָבן באַקומען און האָבן געפרעגט מיין מיינונג. איך האָב זיי דערקלערט, אַז איך ווייס ניט וואָס צו זאָגן. אין דער אמתן האָב איך געוואוסט: מען וויל מיך האָבן פאַר אַן אַלטן, פריערדיקן פאַרברעכן, וואָס איך זאָל האָבן באַגאַנגען אין בריסק, דאָס הייסט מיין שייכות צום אַטענטאַט אויפן בריסקער פּריסטאַוו. פאַר מיר איז די זאַך געווען קלאָר, אָבער איך האָב דאָס ניט געוואָלט און ניט געקענט דערקלערן מיין משפּחה. זיינען זיי אַרומגעגאַנגען צעמישטע און זיך געשראָקן, און זיינען צוגעשטאַנען שטאַרקער צו מיר איך זאָל אַוועק קיין אַמעריקע.

אַ צייט האָב איך זיך געקווענקלט, ניט געקענט באַשליסן וואָס צו טאָן. אַז איך טאָר ניט פאַרבלייבן אין ביעלסק — דאָס איז געווען קלאָר.

אין דעם באַשלוס צו פאָרן קיין אַמעריקע האָט די גרעסטע ראָלע געשפּילט מיין מוטער, וועלכע האָט שטאַרק געליטן פון דער מורא פאַר מיין לעבן. דאָס צוגרייטן זיך צום פאָרן האָט לאַנג ניט געדויערט. אַ געוויסן שבת אָוונט, סוף ווינטער פון יאָר ניינצן הונדערט זעקס און זיבן איז די ביעלסקער אַרבעטער אָרגאַניזאַציע געקומען געזעגענען זיך מיט מיר.

איך האָב זיך געזעגנט און געווען אויפן וועג צום נייעם לאַנד און צו אַ ניי לעבן.

אין מיין נייער היים

מיין טעטיקייט דאָ אין אַמעריקע

אין פאַרגלייך מיט מיין טעטיקייט אין דער אַלטער היים האָט מיין טעטיקייט דאָ, אין דעם דאָזיקן לאַנד, אויסגעזען גאַנץ באַשיידן. פאַראַנטוואָרטלעך דערפאַר איז דער פאַקט, וואָס דאָ, אין אַמעריקע, האָב איך, נאַטירלעך, געמוזט ראשית כל זיך איינשפּאַנען אינעם יאָך פון פאַרזאָרגן מיין עקאָנאָמישן לעבן, פון אָנפאַנג פאַר זיך אַליין און שפּעטער פאַר מיין פאַמיליע. אין דער אַלטער היים בין איך פון די אַלע דאגות געווען אינגאַנצן פריי און האָב דעריבער געהאַט די מעגלעכקייט אינגאַנצן זיך צו ווידמען דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. ווי איך האָב שוין דאָ אין אַן אַנדער אָרט דערקלערט — איז מיין לערנען זיך אַ פאַך און אַרבעטן געווען ניט מיטן ציל פאַר אַ לעבן צו מאַכן, נאָר בלויז כדי אַרויסצוקריגן אַ פּאַספּאָרט אַלס אַ פאַכמאַן, און צו האָבן די מעגלעכקייט אַרומצופאָרן; און דער עיקר צו זיין פאַרזאָרגט מיט אַ גרייטן „תירוץ" אין פאַל פון אַן אַרעסט אָדער דורכפאַל, דאָס איך זוך אַרבעט.

צוליב דעם טראַגישן פאַקט פון זוכן פּרנסה (פאַרזאָרגן זיך עקאָנאָמיש) — איז די ברויזנדע איניציאַטיוו פון מיין פריערדיקן לעבן געוואָרן אָפּגעשוואַכט. דאָ, אין אַמעריקע, איז דער גאַנצער אימפּולס מיינער צום גרעסטן טייל ניט געלעגן ביי מיר אין די הענט. מיין ערשטע אויפגאַבע באַלד נאָך מיין אַריבערקומען אַהער איז געווען איין און די זעלבע ווי פון אַלע נאָר־וואָס אַריבערגעקומענע: זוכן אַ דזשאַב, פאַרזאָרגן זיך עקאָנאָמיש, צו פאַרדינען און ניט פאַלן צו־לאַסט מיין ברודער, צו וועלכן איך בין געקומען. מיין (עלטערער) ברודער, צו וועלכן איך בין אַהער געקומען האָט זיך שוין געפונען אין דעם דאָזיקן לאַנד היפּשע עטלעכע יאָר און איז געווען גאַנץ ווייט פון צו זיין רייך. געוואוינט האָט ער אויף דער איסט־סייד פון ניו יאָרק און האָט זיך גענוג געמאַטערט צו מאַכן אַ לעבן.

שפעטער, ווען ער האָט זיך אַריבערגעצויגן נאָך איסט ניו יאָרק, האָב איך זיך נאַטירלעך אַריבערגעצויגן מיט אים צוזאַמען. נאָך אַרום דריי וואָכן זוכן אַרבעט האָב איך געקראָגן אַ דזשאָב ביי מיין פאַך — שניצעריי — אין ברוקלין, אַרום בושוויק עוועניו ערגעץ. ווען מיין באָס האָט מיר דערלאַנגט פינף דאָלאַר האָב איך זיך געפילט זייער געקריוודעט: ערשטנס, פלעג איך אין דער אַלטער היים, ווען איך האָב געאַרבעט, באַקומען ניט ווייניקער פון אַכצן ביז צוואַנציק רובל אַ וואָך. צווייטנס — האָב איך דורך דער וואָך איוסגעפונען, אַז די אַנדערע שניצערס, וועלכע אַרבעטן מיט מיר צוזאַמען פאַרדינען פון פופצן ביז צוואַנציק דאָלאַר אַ וואָך. האָב איך זיך געווענדעט צום באָס און געפרעגט: וואָס פאַר אַ פאַרדינסט איז דאָס פאַר אַ שניצער פינף רובל אַ וואָך? איר האָב דאָך אין דער היים פאַרדינט פיל מער. האָט מיר דער באָס געענטפערט: דאָס איז דערפאַר ווייל דו ביסט אַ גרינער!...

דאָס האָט מיך שטאַרק פאַרדראָסן. ער וויל מיך גאָר שמייסן מיט צוויי בייטשן מיטאַמאָל: איינמאָל וויל ער מיך עקספּלואַטירן אַלס אַרבעטער, און צווייטנס, אַלס אַ גרינער.

דאַן האָב איך אים געפרעגט וואָס פאַר אַ שייכות האָט מיין גרינ־זיין צו דער אַרבעט? — עס האָט שוין גאָר אַ גרויסן שייכות — האָט ער מיר געענטפערט, און דערביי געגעבן אַ גאַנצע לעקציע. מיין ערשטע לעקציע וועגן אַרבעט דאָ אין לאַנד: אַ גרינער צאַצקעט זיך צו פיל מיט דער אַרבעט פונקט ווי אין דער אַלטער היים. דאָ דאַרף מען זיך אַזוי ניט צאַצקען. די אַרבעט מוז ניט זיין אַזוי אַי, אַי, אַי, — דער עיקר מען דאַרף אַרבעטן וואָס שנעלער און זען אַרויסגעבן וואָס מער אַרבעט...

איך האָב גאַנץ גוט באַנומען זיין לעקציע און פאַרשפּראָכן צו אַרבעטן שנעלער, אַבי איך זאָל וואָס מער פאַרדינען.

צום ענדע פון דער צווייטער וואָך, ווען דער באָס האָט מיר דערלאַנגט זעקס דאָלאַר — האָב איך זיך געפונען שטאַרק באַליידיקט און אָפּגענאַרט. אַ גאַנצע וואָך האָב איך זיך געיאָגט מיט דער אַרבעט, אַרויסגעגעבן כמעט נאָכאַמאָל אַזוי־פיל ווי די ערשטע וואָך, האָב איך דערוואַרטעט, אַז מיין פאַרדינסט זאָל אויך זיין כמעט דאָבל. דאָס

הייסט דאָך: איך האָב געהאַלטן וואָרט, געמאַכט דאָבל ווי די ערשטע וואָך, אָבער ער, דער באָס, ניט. ער האָט זיין וואָרט ניט געהאַלטן. מער האָב איך גאָר ניט גערעדט. כ׳האָב איינגעפּאַקט מיין געצייג און פאַרלאָזן דעם דזשאָב.

נאָך עטלעכע וואָכן זוכן אַן אַנדער דזשאָב — האָב איך ענדלעך געפונען אַ דזשאָב אין אַ „סמוקינג־פּייפּ״ פּעקטאָרי, אין דזשאָמאיקע, ביי געשניצטע פּייפּס. דאָס איז געווען אַ גרויסער פּלאַץ וואו ס׳האָבן געאַרבעט אַרום פינף טויזנט אַרבעטער, צום גרעסטן טייל גרינע ווי איך אַליין. די אַרבעט איז דאָרט געווען פון שטיק, בעסער געזאָגט — פון גראָס. די ערשטע וואָך האָב איך פאַרדינט קנאַפּע צען דאָלאַר, וואָס ווייטער אַלץ מערער. איך האָב דאָרט אָפּגעאַרבעט אַריבער צוויי יאָר און האָב ניט שלעכט פאַרדינט. אַזוי שנעל ווי איך האָב גע־קראָגן דעם דזשאָב אין דזשעמאיקע — האָב איך זיך גלייך אָנגע־שלאָסן אָן דעם הילפס־פאַרבאַנד פון דער „פּ. פּ. ס.״ פּאַרטיי, וועלכע האָט צו יענער צייט עקזיסטירט אין ניו יאָרק. דער פאַרבאַנד איז באַשטאַנען אויסשליסלעך פון אַריבערגעקומענע פון דער אַלטער היים, מיטגלידער פון דער „פּ. פּ. ס.״ פּאַרטיי. די אויפגאַבע פונם „הילפס־פאַרבאַנד״ איז געווען: צו שאַפן געלטער פון אונטערנעמונגען און שיקן דאָס צו דער „פּ. פּ. ס.״ פּאַרטיי אין דער היים.

מיט עטלעכע יאָר שפּעטער — האָט דער „הילפס־פאַרבאַנד״ זיך אויפגעלייזט.

מיר גרינדן אַ ביעלסקער ברענטש פון אַרבעטער־רינג

דורך דער צייט איז אַהער געקומען מיין איצטיקע פרוי, מיין פריינדין פון דער היים. זי האָט זיך דאָ אָנגעפּלאָגט ווי אַלע ניי־אַרי־בערגעקומענע. ענדלעך האָט זי געקראָגן אַ בעסערן דזשאָב ביי דער „אַמעריקען טאַבאַקאָ קאָמפּאַני״ און האָט אָנגעפאַנגען פאַרדינען בע־סער. מיר זיינען דאָ אַרומגעגאַנגען אַ פּאָר יאָר, ענדלעך באַשלאָסן צו הייראַטן.

מיטן צוועק צו פאַרזיכערן זיך עקאָנאָמיש האָבן מיר ביידע באַשלאָסן צו גיין אין ביזנעס, איידער מיר וועלן הייראַטן. די גאַנגבאַרע ביזנעס פאַר ניי־אַריבערגעקומענע איז אין יענער צייט געווען — די קענדי ביזנעס. האָבן מיר צוזאַמענגענומען אונדזערע ביידנס אָפּגעשפּאָרטע געלט, סך־הכל אַ קאַפּיטאַל פון קנאַפּע פיר הונדערט דאָלאַר, געקויפט אַ קענדי סטאָר מיט צייטונגען און האָבן חתונה געהאַט. קיין גליקן האָבן מיר ניט געמאַכט, אָבער אַ לעבן האָבן מיר געמאַכט.

צו יענער צייט האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ באַוועגונג צווישן די אַריבערגעקומענע מיטגלידער פון דער ביעלסקער אַרבעטער־באַוועגונג — צו גרינדן אַן אַרבעטער־רינג ברענטש פון „אייגענע יאַטן", ווי מען פלעגט דאָס זאָגן אין דער אַלטער היים. איך האָב נאַטירלעך זיך באַטייליקט אין דער באַוועגונג און בין געווען צווישן די גרינדער פון „ביעלסקער ברענטש 338 אַרבעטער־רינג", אויפן נאָמען פון אונדזער שטאָט. איך בין געווען טעטיק אין דעם ברענטש פאַר פילע יאָרן, געהאַלטן פאַרשיידענע עמטער. אַפילו דאַן, ווען איך האָב זיך שוין מיט מיין פאַמיליע אַריבערגעצויגן נאָך נוואַרק, פלעג איך פאָרן צו די מיטינגען, וועלכע זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין ניו יאָרק און צוריק אַהיים נאָך נוואַרק אַרום האַלבע נאַכט.

אַן אינצידענט פון איינע פון מיינע רייזעס צו די מיטינגען נאָך ניו יאָרק, וואָס האָט זיך געקענט פאַרענדיקן זייער טראַגיש און האָט זיך, צום גליק, אויסגעלאָזן גוט, איז אינטערעסאַנט איבערצוגעבן:

מיר האָבן שוין צו יענער צייט פאַרמאָגט דריי קינדערלעך; און אַרבעט אין דער סטאָר איז נאַטירלעך שטענדיק געווען גענוג פאַר ביידן, פאַר מיר מיט מיין פרוי. ווען איך פלעג פאָרן צו אַ מיטינג קיין ניו יאָרק, פלעג איך מיטנעמען מיט זיך איינע פון די קינדער, אום עס זאָל ניט פאַלן צו שווער אויף מיין פרוי צו אַטענדן צו דער סטאָר און צו די קינדער. יעדעס מאָל אַן אַנדער קינד. די קינדער האָבן זיך שוין צוגעוואוינט צו די מיטינגען, זיי פלעגן שוין אויסקוקן אויף דעם. ערשטנס: דאָס דורכפאָרן זיך; צווייטנס, איז זיי געפעלן געווען די „עקסייטמענטס" ביי די מיטינגען, דאָס אַרגומענטירן, דאָס אַמפּערן זיך איבער געוויסע פראַגן. מאַנכעס מאָל האָט מען געקענט פועלן ביי זיי עפּעס צו טאָן, אָדער ניט צו טאָן, מיט פאַרשפּרעכן מיטצונעמען

זיי צו אַ מיטינג אין ניו יאָרק. איינמאָל בין איך מיט מיין יינגערע טאָכ־טער, וואָס איך האָב יענעם אָוונט מיטגענומען מיט זיך, אַריין אן טריין, אויפן עלעוויטעד אָדער סאָבוועי, איך געדענק ניט אויף זיכער, און גע־בעטן דעם קאָנדוקטאָר ער זאָל מיר לאָזן וויסן, ווען מיר וועלן קומען צו דער קאָרטלאַנד סטריט סטיישאָן, ווייל איך דאַרף פאָרן נאָך נואַרק. ער האָט דאָס פאַרשפּראָכן און איך מיט מיין טאָכטער, זייענדיק זיכער דאָס מיר וועלן שוין ניט פאַרבייפאָרן דעם ריכטיקן סטיישאָן, האָבן זיך מיט רואיקע קעפּ אָוועקגעזעצט אויף אַ באַנק, צווישן די געציילטע פּאַסאַזשירן, צוליב דער שפּעטער שטונדע אין דער נאַכט.

ווי עס שיינט, האָבן מירביידע, איך און מיין טאָכטער, געכאַפּט אַ דרימל. דעם קאָנדוקטאָרס הויכער אויסגעשריי: „קאָורטלאַנד סטריט" האָט מיך אויפגעוועקט. האַלב־פאַרשלאָפן האָב איך זיך גע־לאָזט לויפן צום אַרויסגאַנג, דאַנקענדיק דעם קאָנדוקטאָר פאַר זיין אויפמערקזאַמקייט. איך האָב אָבער אינגאַנצן פאַרגעסן אָן מיין שלאָפע־דיק קינד און איר איבערגעלאָזן שלאָפנדיק אין טריין אויפן באַנק.

דער קאָנדוקטאָר האָט געכאַפּט אַ קוק אינעווייניק צו זען, אויב נאָך עמיצער קומט אַרויס פון טריין, און דאַ האָט ער דערזען אַ מיידעלע ליגט אויפן באַנק און שלאָפט. ער האָט זיך באַלד דער־מאָנט, דאָס ווען איך בין אַריינגעקומען אין טריין און אים געבעטן מיך לאָזן וויסן ווען מיר וועלן דערגרייכן קאָורטלענד סטריט סטיישאָן, האָב איך געהאַט מיט זיך מיין טאָכטערל. האָט ער איצט אָנגעהויבן שרייען, רופן מיך צוריק: — דו האָסט פאַרגעסן דיין טאָכטער אין טריין!!!

ווי אַן אָפּגעבריטער האָב איך זיך אַ כאַפּ־געטאָן, אַריינגעלאָפן אין טריין, אַ כאַפּ־געטאָן מיין טאָכטער, וועלכע האָט זיך גלייך אויפ־געכאַפּט פון שלאָף און אַרויסגעלאָפן פון טריין...

— שוין איינמאָל אַ טאַטע! — האָט דער קאָנדוקטאָר מיר פאָר־געוואָרפן, ווען איך בין פאַרבייגעגאַנגען אים מיט מיין טאָכטערל, — לאָזט איבער די טאָכטער אין טריין און אַליין אַנטלויפט ער...

ווען מיין טאָכטער האָט דאָס דערהערט, האָט זי אַזש אַ צאַפּל געטאָן. — וואָס איז דער מער, פּאַפּאַ? האָט זי געפרעגט. וואו זיינען

מיר דאָ!... — עס איז גאָרנישט, האָב איך איר געענטפערט. מיר פאָרן אַהיים.

— אָבער וואָס זאָגט דער קאָנדוקטאָר? — האָט זי געוואָלט וויסן.

— ער זאָגט גאָר ניט... האָב איך די זאַך געמאַכט צו גאָרנישט און בין אַוועק צום נואַרקער טריין. ביי זיך האָב איך אָבער בשעת מעשה געטראַכט, ווי גליקלעך איך האָב אָפּגעשניטן, און ווי טראַגיש וואָלט זיך אויסגעלאָזן די זאַך, ווען דער קאָנדוקטאָר רופט מיך ניט צוריק. מיין טאָכטער וואָלט אַוועקגעפאָרן ווער ווייסט אַוואו, און ווען זי וואָלט זיך אויפגעכאַפּט — וואָלט זי געווען פאַרצווייפלט און צעשראָקן צום טויט. און איך ווידער — וואָלט זיך דאַך זיכער באַלד געכאַפּט, אַז איך האָב זי איבערגעלאָזן אין טריין און וואָלט אפשר פון זינען אַראָפּ פון אַנגסט און פאַרצווייפלונג...

געקומען אַהיים בין איך נאָך אַלץ געווען צעטראָגן פון דעם פאַל. מיין פרוי האָט דאָס דערקענט און געפרעגט וואָס האָט פּאַסירט? — גאָרניט! האָב איך דאָס געוואָלט מאַכן (דעם גאַנצן עפּיזאָד) צו נישט.

— איך ווייס וואָס עס האָט פּאַסירט — האָט זיך אַרויסגעכאַפּט מיין פאַרלאָרענע און באַלד געפונענע טאָכער: — דער פּאַפּאַ האָט מיך איבערגעלאָזן אין טריין און אַליין איז ער אַוועק! איך האָב דאָס אַליין געהערט פון דעם קאָנדוקטאָר...

נאַטירלעך האָב איך זיך ניט געפילט געשמייכלט פון דער געשיכטע און האָב באַגריפן, דאָס קיין קניפּ אין בעקעלע האָב איך זיכער ניט פאַרדינט דערפאַר. איך האָב צוגעגעבן און דערציילט די פּרטים, ווי אַזוי דאָס האָט פּאַסירט...

נאָך דער דאָזיקער געשעעניש האָבן זיך שוין מיינע קינדער מער ניט אַזוי שטאַרק געיאָגט צו פאָרן מיט מיר צו די מיטינגען קיין ניו יאָרק. זיי האָבן מורא געהאַט עס זאָל ווידער דאָס זעלבע ניט פּאַסירן, איך זאָל ניט איינשלאָפן און איבערלאָזן זיי אין טריין... און נאָך היינט, ביי געוויסע געלעגנהייטן, וואַרפט מיר מיין יינגערע טאָכטער פאָר, נאַטירלעך אין שפּאַס, דאָס איך האָב זי איבערגעלאָזן אין טריין אויף הפקר און אַליין האָב איך געוואָלט אַוועקפאָרן אַהיים אָן איר...

אַרבעטער־רינג, בין איך צוויי מאָל אויפגעטראָטן ביי ספּעציעלע מי־טינגען, וועלכע זיינען גערופן געוואָרן צוליב פאָלגענדע צוועקן: איינמאָל מיט אַ פּאַרטראַג איבער דער פראַגע פון „מיליטאַנטן און אַלטע גוואַרדיע אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי", אַ טעמע וועלכע איז צו יענער צייט געווען זייער אַקטועל, אַ ברענענדע פראַגע אין דער באַוועגונג. מיין צווייטער אַרויסטריט איז געווען — אַ דעבאַטע איבער דער זעלבער פראַגע. איך האָב דעבאַטירט מיט אַ מיטגליד פון ברענטש מיטן נאָמען האָפמאַן.

מיין אַקטיוויטעט אין נוואַרק

מיין טעטיקייט אינם ביעלסקער ברענטש נומער 338 אַרבעטער־רינג, איז מיר וואָס ווייטער געפאַלן אַלץ שווערער און שווערער, אי־בערהויפּט דאָס שלעפּן זיך מיט די טריינס אין די שפּעטע שטונדען אויף דער נאַכט. דאַן האָב איך זיך טראַנספערירט צום „ברענטש 23 אַרבעטער־רינג" אין נואַרק, אויך צום „ברענטש איינס סאָציאַליס־טישע פּאַרטיי", אין נואַרק.

פון יענער צייט אָן פאַנגט זיך אָן אַ נייער פּעריאָד אין מיין אַק־טיוויטעט און מיין טעטיקייט איז דאַן געקומען צום פולן אויסדרוק, סיי אינם אַרבעטער־רינג און סיי אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. איך בין געוואָרן איינער פון די טעטיקסטע מיטגלידער פון „ברענטש 23 אַרבעטער־רינג" — מיין נייער ברענטש, — און פון אַרבעטער־רינג אין נואַרק אין אַלגעמיין. איך האָב באַקליידט אַ צאָל עמטער ווי פּראָטאָקאָל־סעקרעטאַר פון ברענטש 23, סעקרעטאַר פון דער „סיטי סענטראַל קאָמיטע", אַ קערפּערשאַפט וואָס פאַרוואַלטעט מיט אַלע נואַרקער ברענטשעס פון אַרבעטער־רינג און די שטייענדע קאָמיטעס, סעקרעטאַר פון די אַרבעטער־רינג שולן. איך בין געווען אַ מיטגליד פון דער „עדיוקיישאָנעל" און פון דער „מעדיקאַל" קאָמיטע פון אַרבעטער־רינג אין נואַרק, און אויך גלייכצייטיק פון דער „דיס־טריקט קאָמיטע", וועלכע פאַרוואַלטעט מיט אַלע ברענטשעס פון דעם דיסטריקט.

אויך אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי האָב איך געטאָן גע־וויסע אַרבעט, און באַזונדערס אין דער צייט פון די עלעקשאָן קאַמ־פּיינס: באַזוכט מיטינגען און לעקציעס א. אַז. וו. נאָך דער שפּאַלטונג אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי בין איך צוגעשטאַנען (זיך אָנגע־שלאָסן) צום „יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד", נוואַרקער בראַנטש 3, און בין געוואָרן איינער פון זיינע טעטיקסטע מעמבערס. פאַר אַ צייט לאַנג בין איך געווען דער סעקרעטאַר פון בראַנטש און אויך דער סעקרעטאַר פון דער סטעיט קאָמיטע, וואָס פאַרוואַלטעט מיט די בראַנטשעס פונם „יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד" אין ניו־דזשוירזי סטייט. מאַנכע פון די אויסגערעכנטע עמטער, באַקליידט איך נאָך איצט.

אויסער די אַלע אויבן אויסגערעכנטע עמטער און אַקטיוויטעטן — טראָג איך פיל ביי צו דער באַוועגונג מיט מיין שרייבן באַריכטן פון דער טעטיקייט פונם אַרבעטער־רינג און פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין נוואַרק אין דעם נוואַרקער „פאָרווערטס", און גלייכציי־טיק אויך אַרטיקלען איבער געוויסע אַקטועלע פראַגן אין דער באַ־וועגונג: אין דעם „פריינד", אָרגאַן פון אַרבעטער־רינג, און אין דעם „וועקער", אָרגאַן פון „יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד".

אַ דאַנק פון מחבר

איצט — ווען מיין לאַנגיאָריקער חלום איז פאַרווירקלעכט געוואָרן, ווען מיין בוך, „זכרונות פון שטורמישע יאָרן״, האָט דערלעבט צו זען די ליכטיקע וועלט, וויל איך אויסדריקן מיין דאַנק צו די אַלע יעניקע, וואָס האָבן אויף וועלכן עס איז אופן מיטגעהאָלפן צו זיין דערשיינונג.

מיין האַרציקן דאַנק צו דר. יעקב שאַצקי, וועלכער האָט דער ערשטער דעם בוך געלייענט און זיין גוטע מיינונג האָט מיך באַגייסטערט און אַנגעצונדן מיין אַמביציע דעם בוך צו דרוקן, האָט מיר געגעבן דעם כוח צו אַרבעטן אומדערמידלעך ביז זיין דערשיינען. אַ באַזונדערן דאַנק פאַר זיין טעכנישער מיטווירקונג און פאַררעדע.

אַ גרויסן דאַנק צום גענעראַל־סעקרעטאַר פון אַרבעטער־רינג, פריינד און גענאָסע נחום כאַניך, פאַר זיין גרייטקייט און שטעלן זיין דערפאַרונג פון אַרויסגעבן ביכער צום דינסט פון דעם בוך, פאַר דירעקטירן די אַרבעט פון אַרויסגעבן אים. אַ באַזונדערן דאַנק צו פריינד ז. יעפּרויקין, בילדונגס דירעקטאָר פון אַרבעטער־רינג, פאַר זיין גרויסן אָנטייל אין דער פאַרשפּרייטונג פונם בוך.

אַ דאַנק צו אַלע אָרגאַניזאַציעס און יחידים, וואָס האָבן מיט זייערע ביישטייערונגען און באַשטעלונגען דערמעגלעכט דאָס דערשיינען פון בוך.

אַ דאַנק צו דער דיסטריקט און סיטי סענטראַל קאָמיטעס פון אַרבעטער־רינג, צו דער סטייט קאָמיטע און צום נוארקער ברענטש 3 פון „יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד״ פאַר זייער אינדאָרסירן די אַקציע פאַרן בוך.

The B. Stern Book Committee

B. Gilman, *Chairman*	A. Heck
L. Mantell, *Secretary*	Mrs. Molly Heck
P. Walsh, *Treasurer*	B. Kaplan
H. S. Bernstein	H. Klein
N. Cohen	Mrs. Ann Koplow
S. Cohn	I. Stern
J. Disend	Dr. M. Stern
A. Farber	N. Stern
P. Gildenberg	M. Yanoff
S. Haim	L. Yanowitz

Copyright, 1954
by
B. Stern Book Committee
Newark, N. J.

BERYL STERN

MEMORIES OF STORMY YEARS

BIELSK 1898-1907

Published by

A COMMITEE OF THE WORKMEN'S CIRCLE

IN NEWARK, N. J.

1954